שמעון דובנאָוו

# פון „זשאַרגאָן“ צו ייִדיש

## און אַנדערע אַרטיקלען

ליטעראַרישע זכרונות

4A
24053

ווילנע — 1929
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ווילנער פארלאג
ב. קלעצקין.

PRINTED IN POLAND

Bibliotheca
Universitatis
Tartuensis
1941:8316

Sz. Dubnow — Fun „żargon“ cu idisz

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno



שמעון דובנאָוו

# הקדמה

אונזער דור האָט דערלעבט צוויי וואונדער: די אַלטע נאַציאָנאַלע שפּראַך, וואָס איז שוין העכער צוויי טויזנט יאָר געווען נישט מער ווי א תפילה- און בוך-שפּראַך, ווערט אין ארץ-ישראל א לעבעדיקע שפּראַך אין הויז, שול און גאַס; און די לעבעדיקע פאָלקס-שפּראַך פון מיליאָנען יידן, וואָס מען האָט נאָך נישט לאַנג באַהאַנדלט ווי א שטיפקינד אין דער ליטעראַטור, ווערט א רייכע ליטעראַטור-שפּראַך און דרינגט אריין פון איר בעלעטריסטישן תחום אין פּובּליציסטיק און וויסנשאַפט. שוין איצט קאָן מען אויפן גרונד פון געוויסע פאַקטן און דייטלעכע סימנים פאָראויסזאָגן, אַז אין דער נאָענטער תקופה וועט העברעיש ווערן די הערשנדע שפּראַך אין ארץ-ישראל, וואָס וועט צושטעלן העברעישע ליטעראַטור פאַרן גאַנצן „גלות", און אין מזרח-אייראָפּע מיט אַמעריקע וועט הערשן די יידישע שפּראַך אין דער פּרעסע, ליטעראַטור און אין א גרויסן טייל פון דער פאָלקס-שול.

פאַרשטייט זיך, אַז די „פרעמדע שפּראַכן" אין פאַרשידענע לענדער וועלן נאָך ווייטער שפּילן א וויכטיקע ראָליע אין אונזער קולטור, פּשוט דערפאַר, וואָס פאַר גרויסע טיילן פון אונזער פאָלק זענען זיי געוואָרן א י י ג ע נ ע, מוטער-שפּראַכן, און מען מוז אריינגיסן דעם אינהאַלט פון דער יידישער קולטור אין די דאָזיקע שפּראַכן-כּלים, ווי דאָס יידישע פאָלק האָט דאָס שטענדיק געטאָן אויף זיין לאַנגן וועג צווישן פעלקער און לענדער. אָבער די גלייכבארעכטיקונג און די גלייכווערטיקייט פון אונזערע ביידע שפּראַכן איז שוין געוואָרן א היסטאָרישער פאַקט, כאָטש אין פאַרטיי-קלייזלעך איז מען נאָך מבטל די אָדער יענע שפּראַך.

באַווייזן, ווי אײנע פון זײ, דער פאַרשעמטער אַמאָליקער „זשאַרגאָן", איז אויסגעוואַקסן צו אַ מעכטיקן קולטור-אַפּאַראַט, וואָס הייסט „יידיש"—דאָס איז דער ציל פון מײַן ביכל. דאָס איז נישט ליטעראַטור-געשיכטע און נישט צוליב דעם זענען געווען געשריבן די פאַרשידענע אַרטיקלען, וואָס זענען אינם דאָזיקן ביכל געזאַמלט. איך האָב זײ געשריבן אין פאַרשידענע צײַטן, צווישן יאָר 1916 און 1925, פּשוט אַלס זכרונות וועגן אַלטע פרײַנט, וואָס זענען אַוועק אויף יענער וועלט. שפּעטער אָבער האָב איך באַמערקט, אַז אײן געדאַנק פאַראײניקט זײ (חוץ דעם גרעסערן טײל פונם אַרטיקל וועגן פרוג, צו וועלכן איך האָב שוין דאָ צוגעגעבן אַ קורצן קאַפּיטל וועגן זײַנע יידיש-געשריבענע ווערק). אין די אַר-טיקלען פון „זשאַרגאָן צו יידיש", וואָס זענען לעצטנס געשריבן (1925) און זענען דאָ געדרוקט אויפן ערשטן אָרט, איז דער דאָ-זיקער געדאַנק שוין אַרויסגעזאָגט.

יעדנפאַלס, איז דאָס נישט מער ווי שטיקלעך מאַטעריאַל פאַר קולטור-געשיכטע. דער נײַער דור מוז וויסן, אַז מיט פערציק-פופציק יאָר צוריק האָט זיך אַפילו מענדעלען, שלום-עליכמען און אַנדערע „זשאַרגאָנישע" שרײַבער נישט געחלומט, אַז ס'וועט קומען אַ צײַט, ווען יידיש וועט קאָנען קאָנקורירן מיט העברעיש אָדער נאָך מער מיט די „געהויבענע" אײראָפּעישע שפּראַכן אין דער מאָ-דערנער שול און ליטעראַטור, אין דער פרעסע און אין וויסנשאַפט; אַז זי וועט אַזוי גיך פון אַ „המון-שפּראַך" אויסוואַקסן צו אַן אמתער פאָלקס-שפּראַך. אַ יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט מיט גרוי-סע אַקאַדעמישע בענדער, פול מיט וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען אין געשיכטע, עקאָנאָמיק, פילאָלאָגיע, עטנאָגראַפיע, פאָלקלאָר — פאַר אַ ווילדן פאַנטאַסט וואָלטן מיר געהאַלטן יענעם, וואָס וואָלט אונז אַמאָל נביאות געזאָגט וועגן אַזאַ מעגלעכקייט. און דאָס ווערט דאָך געשאַפן פאַר אונזערע אויגן, און דאָס איז נאָר אַ קלײנע התחלה!

מען דאַרף נישט פאַרקריכן אין שפּראַך-שאָוויניזם און מײנען, אַז נאָר דערמיט וועלן מיר ראַטעווען די יידישע קולטור. מען דאַרף נישט מבטל זײַן אויך די אײביקע ראָליע פון אונזער אַלט-נײַער נאַציאָנאַלער שפּראַך און דעם גרויסן ווערט פון די-

אייראָפּעיש-אַמעריקאַנישע שפּראַכן, האָס זענען פאַקטיש שוין געוואָרן קולטור-שפּראַכן פאַר פאַרשידענע טיילן פון אונזער פאָלק. אָבער אָנהייבן אויף דער גרויסאַרטיקער דערשיינונג – דאָס אויפבליען פון דער פאָלקס-שפּראַך אין דער גרעסערער העלפט פון דער יידישער נאַציע – זענען מיר מחויב, ווייל דאָס איז אַ וויכטיקער היסטאָרישער פאַקט.

ש. דובנאָוו

בערלין, מאַי 1929

# אינהאַלט

זייט

## I. פון „זשאַרגאָן" צו יידיש:


פון „זשארגאָן" צו יידיש . . . . . . . . . . . . . . 9
דאָס „יודישע פאָלקסבלאַט" אין פעטערבורג . . . . . . . . . . 10
מרדכי ספעקטאָר און זיין „הויזפריינד" . . . . . . . . . . . 17
דער ליבהארציקער יעקב דינעזאָן . . . . . . . . . . . . 24
שלום־עליכם, דער לאַכעדיקער פילאָזאָף . . . . . . . . . . . 33
מענדעלע מוכר־ספרים . . . . . . . . . . . . . . 43


## II. זכרונות:


שלום־עליכם אין די אכציקער יאָרן . . . . . . . . . . . . 53
די בריוו פון שלום־עליכמען צו שמעון דובנאָוון (1888 — 1890 —) . . . 64
מענדעלע־אַבראַמאָוויטש (זכרונות) . . . . . . . . . . . . 99
מענדעלעס בריוו . . . . . . . . . . . . . . . 128
זכרונות וועגן שמעון פרוג . . . . . . . . . . . . . 143
פרוג אַלס פאָלקס־דיכטער . . . . . . . . . . . . . . 172

# פון „זשאַרגאָן" צו יידיש

מיר איז באַשערט געווען אין די יונגע יאָרן שטיין ביי דער וויג פון אונזער נייער ליטעראַטור אין דער יידישער פאָלקס-שפּראַך און שפּעטער צוקוקן זיך, ווי דאָס קליין קינד, וואָס האָט אין יענער צייט געהייסן „זשאַרגאָן", איז אויסגעוואַקסן און האָט געקראָגן דעם ריכטיקן נאָמען: יידיש. זעלטן ווער עס ווייסט, אַז מיר געהערט יענער אַנאָנימער אַרטיקל וועגן דער נויטיקייט פון אַ צייטונג אין אונזער פאָלקסשפּראַך, וואָס איז געווען גע-דרוקט אין זומער 1881, אין נומער 35 פון דעם פּעטערבורגער רוסיש-יידישן וואָכנבלאַט „ראַזסוועט".

אין יענעם פאַטאַלן יאָר פון אונזער געשיכטע איז די פּראַגע געבוירן געוואָרן, און די קומענדיקע צענדליקער יאָרן האָבן אויף איר געגעבן אַ קלאָרע תּשובֿה. די יידישע פאָלקס-שפּראַך איז אַרויס פון פאַרוואָרפענעם ווינקל אין אונזער ליטע-ראַטור און האָט פאַרנומען אין איר אַן אָרט אויבנאָן. דער, וואָס האָט זוכה געווען איבערצולעבן אַזאַ היסטאָרישן פּראָצעס אין משך פון אַזאַ לאַנגער צייט, האָט שוין דאָס רעכט און אפשר אויך אַ חוב אַריינצופירן אַנדערע אין דער לאַבאָראַטאָריע פון דער געשיכטע און באַווייזן, ווי האָט זיך דאָס אַלץ געקאָכט אין דעם געשיכטס-קעסל.

אָבער נישט געשיכטע שרייבן בין איך דאָ אויסן: איך וויל נאָר דערציילן דאָס, וואָס איך געדענק וועגן די ערשטע טריט פון דער ניי-יידישער ליטעראַטור און וועגן מיינע באגע-גענישן מיט אירע שאַפער, סיי די קליינע, סיי יענע, וואָס זענען פאַר מיינע אויגן באַרימט געוואָרן.

* * *

I

## דאָס יידישע „פאָלקסבלאַט" אין פעטערבורג

אין אַ הייסן זומער-טאָג פון יאָר 1881, אין פעטערבורג, האָט מיך דער צייטווייליקער רעדאַקטאָר פון „ראזסוועט", מאַרק וואַרשאַווסקי, צוגערופן און געזאָגט: „צעדערבוים, רעדאַקטאָר פון „המליץ", וויל אַרויסגעבן אַ צייטונג אויף זשאַרגאָן (דאָס וואָרט „יידיש" האָט נאָך קיינער נישט באַנוצט) פאַר דעם יידישן המון, און בעט, אַז דער „ראַזסוועט" זאָל אונטערהאַלטן זיין פּלאַן. אפשר וועט איר אָנשרייבן אַן אַרטיקל וועגן דער באַדייטונג פון אַזאַ פאָלקס-צייטונג? אויב יאָ, גייט אַריין צום אַלטן און באַקומט פון אים גענויע ידיעות וועגן זיינע פּלענער און מעגלעכקייטן".

איך בין אַריין צו צעדערבוימען אין זיין גרויסער וווינונג אויף ליטייני פּראָספּעקט. אַן אַלטער, אַ ביסל הויקערדיקער יידל האָט מיך באַגעגנט: דאָס איז געווען יענער „צעדער", ער'ז (זיין ליטעראַרישער פּסעוודאָנים), וואָס האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט אין מיינע קינדער-פאַנטאַזיעס, ווען איך האָב געלייענט דעם „המליץ", עפּעס ווי אַ שמשון הגבור פון אונזער ליטעראַטור. אויף שלעכטן רוסיש (יידיש רעדן צווישן משכילים איז דאַן געווען „שאקינג") האָט ער מיר אָנגעהויבן דערציילן די גאַנצע געשיכטע פון זיין ערשטער יידישער צייטונג „קול מבשר", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין אָדעס אין די זעכציקער יאָרן, אַלס

אַ ביילאַגע צום „המליץ". אַ פּאָר שעה נאָכאַנאַנד האָט ער דערציילט, וויפל צרות ער איז אויסגעשטאַנען פון דער רוסישער צענזור אין ביידע זיינע צייטונגען, ווי ער האָט אַריינגעצויגן אין „קול מבשר" דעם יונגן אַבראַמאָוויטשן — מענדעלע מוכר-ספרים — און נאָך אַנדערע שרייבער פון יענער צייט, און וועלכע סכסוכים ער האָט געהאַט מיט זיינע מיטאַרבעטער — גאָטלאָבער, ליליענבלום א. ד. גל. איצט וויל ער ווידער שאַפן אַ נייע צייטונג אויף זשאַרגאָן, כּדי צו פאַרשפּרייטן השכלה צווישן דעם המון. דער „המליץ" און „ראַזסוועט" — פאַר משכּילים און דער נייער אינטעליגענץ, און אַ זשאַרגאָניש „פאָלקסבלאַט" — פאַר פּראָסטע יידן, וואָס פאַרשטייען נישט לשון קודש אָדער רוסיש. דערביי האָט ער זיך באַרימט, אַז נאָר ער האָט געקאָנט קריגן ביי דער רעגירונג אַן ערלויבניש אויף אַ זשאַרגאָנישער צייטונג, ווייל ער איז אַ שטיקל „קרוב למלכות", ער איז נאָנט צו גרויסע תּקיפים אין די מיניסטעריומס. אין פּעטערבורג האָט מען געוווּסט, אַז צעדערבוים איז טאַקע אַ מאַכער אין די זאַכן, ווייל ער קאָן אַריינגיין צו די „גרויסע שררות" אויך פון דער הינטער-טיר.

איך האָב שוין פאַרגעסן אַ סך פּרטים פון יענעם געשפּרעך מיט צעדערבוימען, נאָר דעם אַלגעמיינעם איינדרוק געדענק איך: פאַר מיר, וואָס איז דאַן שוין אַריבער פון עלעמענטאַרער השכּלה צו אייראָפּעישע וועלט-פּראָבלעמען, האָט זיך אויפגעדעקט אַ בילד פון די ליטעראַרישע הינטער-קוליסן, און דאָס האָט אַ ביסל פאַרטונקלט מיינע פּאָעטישע פאָרשטעלונגען וועגן יענער העברעישער השכּלה-ליטעראַטור, וואָס האָט מיר אין די פריערדיקע יאָרן געשיינט ווי די ליכטיקע זון. אין צעדערבוימען האָב איך דערזען מער אַ געשעפטסמאַן אין ליטעראַטור, איידער אַן עכטן ליטעראַטאָר. זיין פּלאַן וועגן אַ זשאַרגאָנישער צייטונג איז מיר געפעלן געוואָרן. מיר האָבן אַלע, יונגע און אַלטע, געקוקט אין יענער צייט אויף זשאַרגאָן אין ליטעראַטור פון אויבן אַראָפּ, דאָס הייסט: מיר, געבילדעטע, שאַפן פאַר זיך אַ ליטעראַטור אין דער לאַנדסשפּראַך, אין רוסיש, וואָס מוז ווערן די שפּראַך פון

אונזער צוקונפט, און טיילווייז אויך אין העברעיש — די שפּראַך פון אונזער פאַרגאַנגנהייט; אָבער די אָרעמע אומגעבילדעטע מאַסן, נעבעך, מוזן דאָך אויך האָבן אַ מיטל צו בילדן זיך און אויפהויבן זיך צו אונזער מדרגה — דאַרף מען פאַר זיי שאַפן אַ דערוויילקע ליטעראַטור אויף זייער שפּראַך, אויף זשאַרגאָן, ביז וואַנען זיי וועלן אויך זוכה זיין צו רעדן און לייענען אויף רוסיש.

אין דעם אויבנדערמאָנטן אַרטיקל, וואָס איך האָב געשריבן פאַרן „ראַזסוועט" אונטער דעם טיטל „אַ יידישע צייטונג פאַרן פאָלק", בין איך אויך געשטאַנען אויף דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט, נאָר מיט אַ שטאַרקן רוק צו דעמאָקראַטישקייט. איך האָב באַוויזן, וואָס פאַר אַ מעכטיקע בילדונגס-קראַפט עס ליגט אין אַ לעבעדיקער שפּראַך פאַר מיליאָנען יידן, און וואָס פאַר אַ גרויסן פעלער עס האָבן געמאַכט אונזערע משכילים, וועלכע האָבן ביז אַהער מבטל געווען דידאָזיקע קראַפט, אָדער באַנוצט זשאַרגאָן אין ליטעראַטור נאָר צו צוועקן פון בדחנות אָדער נאַרישע מעשהלעך. איצט, ביי דעם שרעקלעכן פּאָליטישן קריזיס אין פאָלקסלעבן, נאָך די נייע פּאָגראָמען, וואָס האָבן אָט ערשט אָנגערירט די גרויסע יידישע מאַסן און געבראַכט צו דער גרויסער עמיגראַציע, מוז מען שאַפן אַ צייטונג, וואָס זאָל זיין פאַר זיי אַ וועגווייזער.

אַזוי האָט אין האַרבסט 1881 אָנגעהויבן אַרויסגיין אין פּע-טערבורג וועכנטלעך „דאָס יידישע פאָלקסבלאַט" און האָט עק-זיסטירט ביזן יאָר 1890. דאָרטן האָבן געדרוקט זייערע ערשטע זאַכן ספּעקטאָר און שלום-עליכם; דאָרטן האָט געשריבן זיינע שיינע הומאָריסטישע לידער מיין פּעטערבורגער פריינט פרוג, וואָס האָט אין יענע יאָרן געהאַט אַ שם אַלס איינער פון די בעסטע ר ו ס י ש ע דיכטער. אין „פאָלקסבלאַט" גופא האָט ער אָפּגעלאַכט פון זשאַרגאָן, „דער שפּראַך פון ווילנער מאַרק און דענעבורגער יאַטקע", און פונדעסטוועגן זענען די לידער זיינע אַ צירונג פאַר אונזער פאָלקס-שפּראַך און באַווייזן גראָד דעם היפּוך פון דעם, וואָס דער דיכטער האָט געשריבן אין זיינע

פעליעטאָנען. אַזוי איז שוין געווען די מאָדע: ה'אלטן פון זשאַרגאָן קאָנען נאָר אָפּגעשטאַנענע מענטשן.

טראַגי-קאָמיש איז געווען די באַציִונג צו דער פאָלקס-שפּראַך מצד איינעם אַ משכּיל, וואָס איז אין די לעצטע יאָרן געוואָרן דער אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון דעם פּעטערבורגער „פאָלקסבלאַט”: דער פּעטערבורגער סוחר ישראל לעווי, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גרויס געשעפט אין דער רוסישער הויפּטשטאָט (ער איז געווען אייגנטימער פון אַ גרויסער רוסישער דרוקעריי), איז געווען צעדערבוימס אַ שותּף אין „פאָלקסבלאַט”, און אין די לעצטע יאָרן (לערך פון 1886 ביז 1890) האָט ער ביי אים איבערגענומען דעם געשעפט און איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער צייטונג. אַן אַלטער פאַרקנאָכערטער משכּיל, האַלב-פרייזיני-קער, האַלב-מיסטיקער, האָט לעווי בתּכלית שנאה פיינט געהאַט דעם „זשאַרגאָן” און האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אין זיין „פאָלקסבלאַט” צו באַווייזן, אַז דאָס איז גאָר קיין לשון נישט און מען דאַרף אים וואָס גיכער אַרויסשטופּן פון דער ליטעראַטור צוליב דער העברעישער אָדער רוסישער שפּראַך. איך געדענק לאַנגע אַרטיקלען פון לעווי מיט אַזאַ נוסח און זיין שאַרפע פּאָלעמיק מיט אייגענע מיטאַרבעטער, די זשאַרגאָ-נישע שרייבער, וואָס פלעגן מיט זייערע טאַלאַנטפולע ווערק באַווייזן דעם קעגנטייל, אַז די יידישע ליטעראַטור לעבט און ציט-צו פרישע קרעפטן.

באַזונדערס האָט לעווי פיינט געהאַט זיין בעסטן מיט-אַרבעטער, דעם דאַן נאָך יונגן שלום-עליכמען, און האָט מיט אים שאַרף פּאָלעמיזירט. אין אַ בריוו פון קיעוו, געשריבן אין אויגוסט 1889, קלאָגט זיך מיר שלום-עליכם (איך זעץ איבער פונם רוסישן אָריגינאַל):

„איר זייט דער איינציקער שרייבער, וואָס באַציט זיך מענטשלעך און מיט סימפּאַטיע צום אָרימען זשאַרגאָן (אין יענער צייט האָבן זיך געדרוקט אין „וואָסכאָד” אַ ריי אַרטיק-לען מיינע וועגן דעם אויפלעבן פון אונזער ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך — ש. ד.). עס איז שווער אויסצודריקן

דאָס געפיל פון דאַנקבאַרקייט, וואָס איך בין אייך שולדיק. איך לעב איצט איבער אַזויפיל רדיפות און אומגערעכטע אָנפאַלן אויף מיר און אויפן זשאַרגאָן, מיט וועלכן מען האָט עפּעס מיין נאָמען צונויפגעבונדן, אַז יעדעס גוט וואָרט פרייט מיך שטאַרק. באַזונדערס האָב איך צרות פון איינעם אַ פּסיכאָפּאַט, וואָס האָט אַריינגענומען אין זיינע אומריינע הענט דאָס איינציקע „פאָלקסבלאַט״. ער (לעווי) האָט פאַרוואַנדלט דאָס בלאַט אין אַ פּאַמאָיניצע, ווו ער גיסט אויס שמוץ אויפן זשאַרגאָן און זיינע אָנהענגער, באַזונדערס אויף מיר, — און דאָס האָט ער אָנגעהויבן נאָכדעם, ווי איך האָב אים אָפּגעזאָגט אין אַ הלוואה פון 6000 רובל... איר דאַרפט זיך נאָר צוהערן, ווי אַן אַרויסגעבער — און אויך דער פּאַקטישער רעדאַקטאָר פון אַ זשאַרגאָנישער צייטונג שרייט אין יעדן נומער: „אויף כפּרות דעם שמוציקן זשאַרגאָן!״ כּדי אינגאַנצן צו קאָמפּראָמעטירן דעם זשאַרגאָן, דערציילט ער זיינע לעזער אין לייטאַרטיקלען, אין פעליעטאָנען, אין פּאָליטישע און אויסלענדישע כראָניק אַזוינע מעשיות, אַז שלום-עליכם רויכערט צען-רובלדיקע ציגאַרן און קויפט-אונטער זיינע קריטיקער (מסתמא אייך אויך), וואָס רעקלאַמירן זיינע ווערק, — און נאָך אַזויפיל שמוץ, וואָס עס איז אַ שאַנד איבערצוחזרן. און דאָס אַלץ — אין דעם איינציקן בלאַט פאַרן המון״!..

מיך האָט פאַראינטערעסירט, וואָס דאָס איז פאַר אַ בריאה, דערדאָזיקער ישראל לעווי, וועלכן איך האָב פּערזענלעך נישט געקענט, איך האָב דאַן געוווינט אין דער פּראָווינץ. אַמאָל, לערך אין אַ חודש אַרום נאָך דעם אויבן-ציטירטן שלום-עליכמס בריוו, באַקום איך אַ בריוו פון ישראל לעווי פון פּעטערבורג, געשריבן אין רוסיש אויפן בלאַנק פון „יידישן פאָלקסבלאַט״ (דער נאָמען פון דער צייטונג איז געדרוקט אויף רוסיש און דייטש, אָבער נישט מיט יידישע אותיות). צום בלאַט האָט דער בריוו קיין שום שייכות נישט געהאַט. לעווי האָט איבערגעלייענט עטלעכע קאַפּיטלעך פון מיין חסידות-געשיכטע אין די ביכער פון „וואָסכאָד״ און איז נתפּעל געוואָרן. זיין באַגייסטערונג האָט ער אויסגעדריקט

אין יענעם בריוו. אים איז געפעלן געווען דער געדאַנק מיינער־וועגן דער טיפקייט פון די חסידישע גרונט־אידייען און וועגן זייער אויסאַרטונג אין דער שפּעטערער צייט. פון זיינע פּאָלגנדע בריוו האָב איך דערזען, אַז איך האָב צו טאָן מיט אַן עקזאַל־טירטן מענטשן, אַ געמיש פון ראַציאָנאַליסט און מיסטיקער. איינמאָל קריג איך פון אים אַ בריוו דאַטירט פּעטערבורג, 5־טן מערץ 1890, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „איך שטיי אויפן וועג און פונדעסטוועגן אייל איך ענטפערן אייך, מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועל איך, מיט גאָטס הילף, אַוועקפאָרן קיין ירושלים, כדי צו טאָן דעם רצון פון דעם חובב ציון, הער צעדער־בוים, וועלכער האָט דערצו אָנגעווענדט פּאָליציייאישע מאַכט"... איך בין נשתומם געוואָרן. אינגיכן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די פּעטערבורגער פּאָליציי האָט אַרויסגעשיקט לעווי פון דער הויפּטשטאָט, ווייל עס האָט זיך דערוויזן, אַז ער האָט אַ סך יאָרן אָפּגעוווינט דאָ אָן „וווינרעכט" – פּראַוואָזשיטעלסטוואָ, וואָס אַ ייד מוז אויסבעטן ביי דער העכערער פּאָליציי. לעווי האָט געהאַט די לעצטע יאָרן גרויסע סכסוכים מיט זיין שותּף צעדערבוים, און האָט אים חושד געווען, אַז צעדערבוים האָט אים פאַרמסרט ביי דער פּאָליציי. די מעשה איז אַזוי מיאוס, אַז עס ווילט זיך נישט גלויבן, אַז צעדערבוים האָט אַזוינס אָפּגעטאָן.

ווי די מעשה איז, נאָר דעם רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון דעם „יידישן פאָלקסבלאַט" האָט מען אין פרילינג פון יאָר 1890 אַרויסגעשיקט פון פּעטערבורג און דורך דעם האָט זיך אָפּגע־שטעלט די צייטונג. עס איז געווען אַ פּלאַן אָפּצוקויפן דאָס רעכט פון אַרויסגעבן – ספּעקטאָר, דאַכט זיך, האָט דאָס געוואָלט מאַכן, – נאָר דערפון איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. די צייטונג איז געשטאָרבן, און צען יאָר נאָכאַנאַנד, ביזן יאָר 1900, ווען עס איז דערשינען דער „יוד" אין וואַרשע, האָט אונזער ליטע־ראַטור אַפילו קיין וואָכנבלאַט אין דער פאָלקס־שפּראַך נישט געהאַט.

טרויעריק איז געווען לעוויס סוף. ווי איך האָב געהערט, האָט ער זיך, נאָכדעם, ווי מען האָט אים אַרויסגעטריבן פון

פעטערבורג, באַזעצט אין זײַן געבורטסשטאָט ווילקאָמיר און איז דאָרט געוואָרן אַ פּרוש אָדער אַ בטלן אין בית־המדרש. דער געוועזענער פּעטערבורגער סוחר און רעדאַקטאָר פלעגט זיצן גאַנצענע טעג און לערנען — וואָס: גמרא, פּוסקים, קבלה, חסידות, ווייס איך נישט. אין זיין נשמה האָט זיך געמוזט אויפכאַפּן דער מיסטיקער, דער חבדניק. איך געדענק נישט, ווען האָב איך געלייענט אין יידישע צייטונגען אַ קורצע ידיעה פון אַ פּאָר שורות, אַז אין ווילקאָמיר איז געשטאָרבן דער געוועזענער רעדאַקטאָר פון „יידישן פאָלקסבלאַט" ישראל לעווי, וואָס האָט פאַרן טויט געלערנט אין בית־המדרש. דאָרטן האָט ער אוודאי געמוזט רעדן יידיש...

## II

# מרדכי ספעקטאָר און זיין „הויזפריינט“

מרדכי ספעקטאָר האָט אין די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט געדרוקט זיינע ראָמאַנען אין דעם פעטערבורגער „פאָלקסבלאַט“: „אַ ראָמאַן אָן אַ נאָמען“, „דער יידישער מוזשיק“, „רבי טרייטל“, „אַ וועלט מיט וועלטלעך“ און אַנדערע. ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן דורכגעבראָכן דעם וועג צווישן שמ״רס בבא-מעשיות און דער נייער בעלעטריסטיק. אַ קינד פון פאָלק, נאָך ווייניק באַרירט פון די הויך-אינטעליגענטע שטרעבונגען, האָט ספעקטאָר געמאָלן דאָס יידישע לעבן מיט איינפאַכע פאַרבן, פשוט דערציילט, וואָס ער האָט געזען, גע-הערט און דערביי געפילט. דערפאַר זענען זיינע „ראָמאַנען“ אַזוי באַליבט געווען.

צעדערבוים האָט איינגעלאַדן ספעקטאָרן קיין פעטערבורג און האָט אים אַוועקגעזעצט אין דער רעדאַקציע פון זיין „פאָלקס-בלאַט“. דאָ האָב איך זיך באַגעגנט מיט אים, מיט זיין קינפטי-קער פרוי, די קלוגע „איזאַבעלאַ“, און מיט איר פאָטער, דעם באַוווּסטן העברעיסט פרידבערג, וואָס איז דאַן געווען מיטרע-דאַקטאָר אין „המליץ“.

צופעליק און זעלטן האָב איך זיי געזען, ווייל אונזערע קרייזן זענען געווען פאַרשידענע: מיר, דער קרייז פון „וואָסכאָד“,

האָבן זיך גערעכנט פאַר מיוחסים און האָבן געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די העבּרעיִסטישע מליצים, די „בּטלנים”, פון איין זייט, און אויף די זשאַרגאָנישע „לער-יינגלעך” — פון דער אַנדערער. דאָס איז געווען אַ גרויסער שאָדן, ווייל אַ סך וואָלטן מיר געקאָנט לערנען פון זיי, די פרישע מענטשן פון דער לע-בּעדיקער יידישער סביבה, אַזוי ווי זיי האָבן געלערנט פון אונז אין דער הינזיכט פון ליטעראַרישן טאַקט און אייראָפּעישן סטיל. דערצו פלעג איך זיך אין יענע יאָרן אָפט דערווייטערן פון פּעטערבורג און באַהאַלטן זיך אין דער פּראָווינץ, ווו איך האָב צוגעגרייט מיינע גרעסערע וויסנשאַפטלעכע ווערק. דאָס מיט-אַרבּעטן אין דער רעדאַקציע פונם „פאָלקסבּלאַט” אין פּעטערבּורג האָט ספּעקטאָרן געבּראַכט פיל נוצן: ער האָט זיך דאָ אַ בּיסל אויסגעפיילט, אויסגעלערנט ווי צו פירן אַ צייטשריפט, און לסוף דערוועגט זיך אַרויסצוגעבּן אַן אייגענעם ליטעראַרישן יאָרבּוך אויף יידיש, נאָך דעם מוסטער פון די העבּרעישע יאָרבּיכער „האסיף” און „כּנסת ישראל” אין וואַרשע.

אין יאָר 1887 איז ספּעקטאָר אַריבּערגעפאָרן קיין וואַרשע און האָט דאָ געגרינדעט דעם יאָרבּוך „הויז-פריינט”. דאָ האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט אָפטער מיט אים זיך צו טרעפן. אין שפּעטן האַרבּסט 1887 בּין איך געקומען קיין וואַרשע אויף אַ פּאָר חדשים, כּדי צו שטודירן דאָרט די קוועלן פון דער חסידישער בּאַוועגונג און איינזאַמלען וואָס איז נאָר מעגלעך פון דער חסידישער ליטעראַטור. דער אומאַנער ספּעקטאָר, וואָס איז געווען איינגעטונקען אין חסידות (ער האָט געשטאַמט פון טאַלנער מיוחסים), איז פאַר מיר געווען אַן אוצר. מיר פלעגן אָפּזיצן לאַנגע ווינטער-אָוונטן אין זיין וווינונג אויף מוראַנאָוו, צוזאַמען מיט זיין שווער, זיין פרוי און דעם ליבהאַרציקן דינע-זאָנען, וועגן וועלכן איך וועל נאָך דערציילן. מיט אַ בּרען פלעגט אונז ספּעקטאָר דערציילן וועגן חסידים און רבּיים; ער האָט געמאָלן שטיקער לעבּן פון זיין יוגנט אין דער עכט-חסי-דישער סביבה, צווישן די טאַלנער, ראַכמיסטריווקער און די אומאַנער „נחמנטשיקעס”. דער מתנגד פרידבּערג פלעגט דערציילן

משכּילישע מעשׂיות, און דינעזאָן פּלעגט זיך פּאַרטיפן אין זיינע זכרונות פון יונגע יאָרן. פון דער אַנדערער זייט האָבן מיר פיל געשמועסט וועגן ספּעקטאָרס נייע אויסגאַבע – דעם „הויז-פריינט", פאַר וועלכן ער האָט דאַן געזאַמלט אַרטיקלען. איך האָב אין יענעם יאָר אָנגעהויבן אין „וואָסכאָד" אַ קאַמף קעגן שמ"רס בולוואַר-ראָמאַנען און האָב נאָך פריער באַגריסט די ערשטע טריט פון ספּעקטאָרן און שלום-עליכמען. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב ספּעקטאָרן אויפגעמונטערט ביי זיינע גרויסע הכנות צום ערשטן באַנד פון „הויז-פריינט".

אָרעמער ספּעקטאָר! וויפל צרות האָט ער נעבעך געהאַט מיט זיין אונטערנעמונג! פאַר מיינע אויגן ליגט איצט זיינער אַ בריוו פון וואַרשע, פון אָקטאָבער 1888, ווען דער ערשטער „הויז-פריינט" איז שוין, נאָך גרויסע מאַטערנישן, אַרויס פון דרוק. ער קלאָגט זיך, אַז אים האָט אָפּגעקוילעט שלום-עליכם, וואָס האָט גראָד אין יענער צייט אַנאָנסירט, אַז ער גיט אַרויס אין קיעוו אַ גרויסן יאָרבוך „די יידישע פאָלקסביבליאָטעק" (איך זעץ איבער ספּעקטאָרס ווערטער פון רוסיש: ער האָט אויך געפּאָלגט דער מאָדע און קאָרעספּאָנדירט מיט מיר די ערשטע צייט אין רוסיש.):

„איך האָב נאָך נישט באַוויזן אַרויסצוגעבן מיין ערשטן זאַמלבוך, קומט שלום-עליכם און מאַכט מיר אַ שרעקלעכע קאָנקורענץ. ער שיט מיט געלט אויף זיין אויסגאַבע, וואָס ביי אים איז דאָס נאָר אַ שפּיל; ער וויל מיך אַריבעריאָגן... פאַר מיר איז דאָס אָבער אַ גרויסע סכּנה, ווייל ער איז אַן עשיר פון הונדערט טויזנט רובל, און איך – פון הונדערט רובל. די בעסטע שרייבער, וואָס שרייבן פאַר מיר אומזיסט, באַקומען פון אים ביז 20 קאָפּיקעס פאַר אַ שורה... נאָכדעם ווי איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון שטעל אין דער רעדאַקציע פונם „יידישן פאָלקסבלאַט" און אָנגעוווירן מיין גאַנצן קאַפּיטאַל (אַרום 2.500 רובל) אויף אויסצובעטן אַן ערלויבניש אויף אַ זשאַרגאָנישע צייטונג – וואָס דערפון איז גאָרנישט אַרויסגעקומען – האָב איך זיך אָנגעכאַפּט פאַרן „הויז-פריינט" ווי פאַר דעם לעצטן שוץ-אַנקער.

און אָט קומט דער קאַפּיטאַליסט, מיין אַלטער פריינט שלום-עליכם, און וויל ביי מיר אַרויסרייסן דעם לעצטן שטיקל ברויט פון מויל! ער צאָלט צו 100, 200 רובל און מער פאַר אַן אַרטיקל, — קאָן איך פאַראיבל האָבן אויף מיינע פריינט, די אָרעמע ליטעראַטן, וואָס זיי שרייבן ביי שלום-עליכמען? נאָך אַ גרעסערע עוולה פון אים איז דאָס, וואָס באַלד ווי ער איז געוואָרן מיין קאָנקורענט, האָט ער אָנגעהויבן פאַרטשעפּען מיך ביי יעדן פאַל אין זיינע פעליעטאָנען אין „פאָלקסבלאַט".

דינעזאָן האָט מיר אויך צוגעשיקט אַ בריוו, אין וועלכן ער דריקט אויס זיין מיטלייד ספּעקטאָרן, דעם „עני המהפך בחררה", וואָס שלום-עליכם נעמט ביי אים אָפּ דעם לעצטן ביסן פון מויל.

אין דערזעלבער צייט האָט מיך פאַרשאַטן מיט בריוו פון קיעוו אויך שלום-עליכם (אַ טייל פון זיי זענען געווען געדרוקט נאָך זיין טויט אין „יעווריסקאַיאַ סטאַרינאַ", יאָרגאַנג 1916). ער האָט זיך אויך געקלאָגט אויף פיינט און אינטריגעס, למשל, אויפן רעדאַקטאָר פון „פאָלקסבלאַט" לעווי (זע אין פריערדיקן אַרטיקל). איך בין פאַר זיי אַלעמען געווען אַ מין ליטעראַרישער שייד-ריכטער. „וואָסכאָד" האָט דאַן פאַרנומען דעם ערשטן אָרט אין דער רוסיש-יידישער ליטעראַטור, אַזוי ווי „וועסטניק יעוראָפּי" אָדער „אָטעטשעסטווענניע זאַפּיסקי" — אין דער רוסישער. מען האָט געהאַט דרך-ארץ דווקא פאַר אַ רוסיש וואָרט, ווייל דאָ איז געווען אַן אייראָפּעישע מעטאָדע, אָן בטלנות און קליינלעכער פּאָלעמיק. אַן אורטייל פון ק ר י ט י ק ו ס איבער דער אָדער יענער ליטעראַרישער דערשיינונג פלעגט מאַכן אַ שטאַרקן רושם. קריטיקוס האָט דאַן געריינִיקט מיט אַ האַרטן בעזעם די בטלנות אין אונזער ליטעראַטור, געקעמפט קעגן דער פוסטער העברעישער מליצה פון די משכילים און קעגן די נאַרישע בבא-מעשיות פון שמ"רס חברה אין זשאַרגאָן. איך געדענק, אַז נאָכדעם ווי עס זענען אַרויס מיינע אַרטיקלען אין „וואָסכאָד" וועגן שמ"רס ראָמאַנען, האָט שייקעוויץ-שמ"ר אָנגעמאַכט אַ רעש און צו מיר האָט ער אונטערגעשיקט דעם ליטעראַרישן מעקלער יהושע

מייזאַח מיט בקשות און דראָונגען, — איך האָב דעם שליח אַרויסגעטריבן.

אין אָקטאָבער-העפט פון „וואסכאָד" 1888 איז געווען אָפּ-געדרוקט מיין ערשטער פּרינציפּיעלער אַרטיקל „וועגן זשאַרגאָ-נישער ליטעראַטור בכלל און עטלעכע נייע ווערק אין זשאַרגאָן בפרט". דאָרטן האָב איך אַוועקגעשטעלט צוויי גרונט-פּרינציפּן: 1) „דעמאָקראַטיזירונג פון אידייען" — ליטעראַטור נישט פאַר מיוחסים-אינטעליגענטן אַליין, נאָר פאַרן גאַנצן פאָלק; 2) אין רוסלאַנד מוזן יידן האָבן אַ דריישפּראַכיקע ליטעראַטור — אויף רוסיש, העברעיש און יידיש. אין יענער צייט איז אַזאַ מיינונג געווען אַ גרויסע אַפּיקורסות. דער העברעישער דיכטער יהודה לייב גאָרדאָן האָט זיין ביכל זשאַרגאָנישע לידער אַ נאָמען גע-געבן „שיחת-חולין" — פּלאַפּלעריי (1886), און האָט זיך אַנטשול-דיקט, וואָס ער שרייבט אין אַזאַ שפּראַך. וועגן פּרוגס באַציונג צו דער פאָלקסשפּראַך האָב איך שוין פריער גערעדט. דער רעדאַקטאָר פון „וואָסכאָד" לאַנדוי איז געווען זייער נישט צו-פרידן מיט מיין אַרטיקל וועגן דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור און האָט מיר אין יענער צייט געשריבן (זע „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ", ז. 106): „איך האַלט, אַז מיר שמועסן שוין צופיל וועגן זשאַרגאָנישער ליטעראַטור, וואָס איז בכלל, אַזוי ווי די היינטיקע העברעישע ליטעראַטור, מיט עטלעכע אויסנאַמען, קיין גראָשן נישט ווערט. אָט די אַלע מחברים און מחברימלעך זענען דאָך אומגעבילדעטע מענטשן, און ווען מען וואָלט גענומען אי-בערזעצן זייערע שרייבעכצן אויף אַן אייראָפּעישער שפּראַך, וואָלטן זיי נישט דערוואַרט צו זען זייערס אַ געדרוקט וואָרט. צופיל כבוד פאַר זיי, מיר זאָלן זיך מיט זיי אַזויפיל באַשעפטיקן"... פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אויף לאַנדויס ווערטער נישט געקוקט: איך בין געווען אומאָפּהענגיק אין אַלע מיינע אַרבעטן אין „וואָסכאָד". נאָך מיין אויבנדערמאָנטן אַרטיקל האָב איך ווייטער געשריבן וועגן די וויכטיקסטע דערשיינונגען אין דער יידישער ליטעראַטור, באַזונדערס וועגן די צוויי זאַמלביכער — ספּעקטאָרס „הויז-פריינט" און שלום-עליכמס „פאָלקס-ביבליאָטעק".

נישט קוקנדיק אויף די קליינלעכע סכסוכים צווישן די ביידע רעדאַקטאָרן, פלעג איך אָפּשאַצן יעדע אויסגאַבע נאָך איר ווערט. איך האָב געמוזט אויפווייזן, אַז שלום-עליכמס „פאָלקס-ביבליאָטעק", ווו עס האָבן זיך געדרוקט מענדעלעס „ווינטשפינגערל" און דעם רעדאַקטאָרס גרעסערע ראָמאַנען — „סטעמפעניו", „יאָסעלע סאָלאָוויי", ווי אויך אַרטיקלען פון בעסערע שרייבער, איז געשטאַנען ליטעראַריש העכער פאַרן „הויז-פריינט", אָבער דער לעצטער איז געווען נעענטער צום פאָלק מיט זיין פשוטן פאָפּולערן אינהאַלט.

ביידע זאַמלביכער איז נישט באַשערט געווען לאַנגע יאָרן. דאָס יידיש-לעזנדע פּובליקום האָט נישט געקענט אויפהאַלטן צוויי יאָרביכער. פון ביידע זענען אַרויס צו צוויי בענדער, אין די יאָרן 1888—1890, און דערנאָך האָבן זיך ביידע אָפּגעשטעלט. ערשט פינף יאָר שפּעטער איז דערשינען נאָך אַ באַנד פון ספּעקטאָרס „הויז-פריינט", און איך האָב אים באַגריסט אין אַ באַזונדערן אַרטיקל אין „וואָסכאָד" (1894, בוך 6). שפּעטער זענען דערשינען נאָך אַ פּאָר בענדלעך פון „הויז-פריינט". נאָר איך בין שוין דאַן אַוועק פון דער אָפּטיילונג פאַר ליטעראַטור-קריטיק אין „וואָסכאָד".

ספּעקטאָר האָט דערלעבט בעסערע צייטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור. אין 1900 איז ער געוואָרן מיטאַרבעטער אין וואָכנבלאַט „דער יוד", וואָס „אחיאסף" האָט אַרויסגעגעבן אין וואַרשע, דערנאָך אין דער „יידישער פאָלקסצייטונג" און אין פּעטערבורגער „פריינט" — דעם ערשטן יידישן טאָגבלאַט (1903). אינגיכן האָט זיך שוין אָנגעהויבן די סדרה טאָגבלעטער אין וואַרשע, און ספּעקטאָר האָט זיך דערשלאָגן צו אַן אייגענעם טאָגבלאַט — „אונזער לעבן", שפּעטער צום „מאָמענט". נישט לאַנג פאַר דער וועלט-מלחמה האָט ספּעקטאָר אַריבערגעפירט זיין טאָגבלאַט „אונזער לעבן" קיין אָדעס.

דאָ האָב איך אים צום לעצטן מאָל געזען. איך בין געקומען אין ווינטער 1913 פון פּעטערבורג קיין אָדעס אויף אַ פּאָר וואָכן אָפּרוען און זען זיך מיט מיינע אַלטע פריינט—דעם

„זיידן״ מענדעלען און די „אייניקלעך״. איך געדענק נאָך יענעם אָוונט — דעם 10-טן דעקאַבער 1913, דעם „זיידנס״ געבורטס-טאָג. פון כמה יאָרן איז שוין געווען אַזאַ מנהג — פאַרזאַמלען זיך דעם אָוונט ביי מענדעלען, אין זיין גרויסער וווינונג אין דער הויז פון „תלמוד-תורה״. דאָס מאָל איז צו אונזער אָדעסער חברה צוגעקומען ספעקטאָר — אַ פריילעכער, אַ לעבעדיקער, אַ בריה אין הלכות עסן און טרינקען, אַ פייערדיקער חסיד דעם „זיידנס״, גרייט צו כאַפּן שיריים ביי אים פון טיש. ווער וואָלט דען געגלויבט, אַז אָט דער לעבעדיקער סאַנגווינישער וועט שפּעטער ליידן הונגער און נויט אין דער באָלשעוויסטישער אָדעס און וועט מוזן מיט סכנת נפשות לויפן קיין אַמעריקע און דאָרטן געפינען דעם טויט!..

III

## דער ליבהאַרציקער יעקב דינעזאָן

איך האָב אים באַגעגנט צום ערשטן מאָל אין האַרבסט 1887 אין וואַרשע ביי ספעקטאָרן. אין דעם הויז אויף מוראַנאָווסקער גאַס, ווו עס האָבן געוווינט ספעקטאָר מיט זיין פרוי און זיין שוויגערפאָטער פרידבערג, איז דאַן געווען אַ שטיקל ליטעראַטור-פאַבריק. ספעקטאָר האָט צוגעגרייט צום דרוק זיין ערשטן „הויז-פריינט", און פרידבערג האָט רעדאַגירט די גרויסע העברעישע ענציקלאָפּעדיע „האשכול", וואָס האָט געזאָלט אַרויסגיין אין צען בענדער (עס איז אַרויס דער ערשטער באַנד און דערנאָך האָט זיך די אויסגאַבע אָפּגעשטעלט). דינעזאָן פלעגט אָפט אַהער אַריינקומען, ווייל ער איז געווען מיטאַרבעטער איןביידע אויסגאַבן: ער האָט געשריבן אי יידיש, אי העברעיש. אַ קליינגעוואוקסיקער מאַן פון אַ יאָר 35, מיט גוטע, ערלעכע אויגן, אַ שטילער, אַן עניו, האָט ער אויף מיר געמאַכט דעם בעסטן איינדרוק. איך האָב אין אים דערזען אַ ריינע, איידעלע נשמה. אַ ווייך האַרץ, אַ ליבנדע נאַטור, וואָס האָט פערזענלעכע פאַמיליען-ליבע נישט געהאַט (ער איז געבליבן אַן אַלטער בחור). און דערפאַר האָט ער די גאַנצע וועלט ליב געהאַט, די וועלט פון ליידנדע און אומגליקלעכע. אַליין האָט ער געלעבט פון עפּעס אַ קליינעם האנדלס-געשעפט ביי זיין שוועסטער אויף די נאַלעווקעס. אין די אָוונטן איז ער געווען פריי, און ער

פלעגט אָפט אַריינקומען אויך צו מיר, אין מיין צימער אויף גענשע גאַס.

איך געדענק נאָך יענע לאַנגע ווינטער-אָוונטן מיט די לאַנגע געשפּרעכן ביז האַלב נאַכט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דינעזאָן איז מיינער אַ לאַנדסמאַן. ער איז געווען אַ מאָהליווער (מאָגיליעוו ביים דניעפּר) און איך בין געווען אַן אַמטשיסלאַווער, פון דער זעלבער גובערניע, און האָב אַ לאַנגע צייט געוווינט אין מאָהליוו. מיט אַ יאָר צען פריער האָב איך דאָרטן געשטודירט און האָב זיך אָנגעהערט וועגן דעם מחבר פון „הנאהבים והנעימים” אָדער „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק”, אַ סענטימענטאַלער ראָמאַן, וואָס האָט אין יענער צייט ביי דעם זשאַרגאָן-לעזער געשפּילט אַזאַ ראָל, ווי אין דייטשלאַנד „ווערטער” אין אַמאָליקע צייטן. פּשוטע לעזער, באַזונדערס ווייבער און יונגע מיידלעך, פלעגן לייענען דעמדאָזיקן נאַאיוון ראָמאַן מיט דער טראַגישער ליבעס-געשיכטע און פלעגן זיך באַגיסן מיט טרערן. מאָהליווער באַקאַנטע האָבן מיר דערציילט, אַז אייניקע פון די העלדן אינם ראָמאַן, דאַכט זיך דער „שוואַרצער יונגערמאַנטשיק” אַליין, האָבן געהערט צו יענער פאַמיליע, ביי וועלכער איך האָב געוווינט אין אַ צימער, אין אַ זייטיקער געסל ביי דער שקלאָווער גאַס. דינעזאָן האָט פאַרמרשט באַנוצט אין זיין ראָמאַן אַ טראַגעדיע פון דערדאָזיקער באַקאַנטער פאַמיליע. דינעזאָן האָט מיר דערציילט, ווי ער האָט יונגערהייט געשריבן זיין ערשטן ראָמאַן, פון וועלכן ער האָט אַליין נישט פיל געהאַלטן; ווי ער איז געוואָרן אַ משכיל און איז צוגעשטאַנען צו דעם קרייזל פון די ערשטע מאָהליווער רעוואָלוציאָנערן אין די זיבעציקער יאָרן — אַקסעלראָד, הורוויץ, שור: ווי ער איז מיט זיי אַנטלאָפן קיין בערלין, געליטן דאָ נויט און הונגער און געמוזט צוריקקומען קיין רוסלאַנד. ער האָט דאָס שפּעטער באַשריבן אין אַ ריי אַרטיקלען אין פּעטערבורגער יידישן „פאָלקס-בלאַט” און מיר צוגעשיקט אין אַ סעפּאַראַטן אָפּדרוק.

אין די פּאָר חדשים, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין וואַרשע, האָב איך זיך באַפריינדעט מיט דעם ליבהאַרציקן

דינעזאָנען. מיט אַ באַזונדער פרייד פלעגט ער מיר העלפן אין מיינע אַרבעטן: אויפזוכן אַלע חסידישע ספרים ביי וואַרשע־ווער אַנטיקוואַרן, איינקויפן חסידישע רומל־ספרים ביי די פרומע ביכער־הענדלער פון פראַנציסקאַנער גאַס א. ד. ג. איך געדענק, ווי אין לעצטן אָוונט פאַר מיין אַוועקפאָרן פון וואַרשע, האָט ער מיר געזאָגט: „איך מוז זיך מודה זיין — איידער איך האָב זיך מיט אייך באַקאָנט, האָב איך אייך געהאַלטן פאַר זייער אַ שטרענגן מענטשן: איך האָב מורא געהאַט פאַר „קריטיקוסן" פון „וואָסכאָד", איצט זע איך, אַז „קריטיקוס" איז גאָרנישט אַזאַ גזלן".

עטלעכע יאָר נאָך מיין אַוועקפאָרן פון וואַרשע האָט דינעזאָן מיט מיר קאָרעספּאָנדירט. אַלע בריוו זענען געשריבן העברעיִש. רוסיש איז אים געווען שווער צו שרייבן, און אויף יידיש האָט, נאָך די באַגריפן פון יענער צייט, „נישט געפּאַסט" צו קאָרעספּאָנדירן צווישן תּלמידי־חכמים, וואָס קענען לשון־קודש שרייבן. אין זיינע בריוו פלעגט מיר דינעזאָן דערציילן וואַרשעווער ליטעראַרישע נייעס און אָפטמאָל אויסזאָגן „סודות פון חדר". אין אַ בריוו פון אָקטאָבער, 1888, שרייבט ער וועגן דער צייטונג „הצפירה", וואָס די רעגירונג האָט דאַן אָפּגעשטעלט אויף אַ צייט איבער אַ מסירה פון פּעטערבורג. אין וואַרשע האָט מען גערעדט, אַז שולדיק אין דער מסירה זענען „די פּע־טערבורגער קאָנקורענטן" פון צעדערבוימס חדר. דינעזאָן שרייבט ווייטער, אַז די גרויסע יאָר־ביכער „כּנסת ישראל" און „הכּרם", ווי אויך די ענציקלאָפּעדיע „האשכּול", האַלטן שוין ביים גוססן. בכלל איז זייער געפאַלן די העברעיִשע השכּלה־ליטעראַטור. די בוכהענדלער קלאָגן זיך, אַז אַזעלכע ספרים פאַרקויפן זיך זייער ווייניק, אָבער דערפאַר האָט מען זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט ביכער אין דער פאָלקס־שפּראַך — „זשאַרגאָן": מען קויפט אַלץ, וואָס ווערט געדרוקט, נאָר מען דרוקט ווייניק, ווייל אמתע משׂכּילים שעמען זיך שרייבן אויף זשאַרגאָן. סמאָלענסקין האָט שוין לאַנג אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק, אַז אַ געבילדעטער מענטש, וואָס שרייבט זשאַרגאָן, איז עפּעס אַ משונהדיקע בריה,

„שני הפכים בנושא אחד”. פונדעסטוועגן האָפּט ער, דינעזאָן, שרייבן אינגיכן אַ נייעם סיפּור אין דער פאָלקס־שפּראַך, אויף וועלכער ער האָט כמעט אויפגעהערט צו שרייבן נאָך דער צייט פון „הנאהבים והנעימים”... אין דעם פאָלגענדן בריוו איז ער מודיע, אַז ער גרייט צו צום דרוק אַ גרויסן ראָמאַן „אבן נגף”.

אין יענע בריוו קלאָגט זיך דינעזאָן אויף שלום־עליכמס „פאָלקס־ביבליאָטעק”, וואָס איז אַרויס מיט אַ שאַרפער פּאָלעמיק קעגן זיין אַרטיקל אין „הויז־פריינט” וועגן די אויפגאַבן פון דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור. דינעזאָן האָט אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, אַז אַבראַמאָוויטש (מענדעלע מוכר ספרים) האָט געדאַרפט בעסער שרייבן העברעיש איידער זשאַרגאָן, ווייל זיינע ווערק זענען צו טיף פאַר דעם פשוטן לעזער, וואָס פאַרשטייט נישט זיינע אַלעגאָריעס און זיין קינסטלערישן הומאָר. אַזאַ מיינונג איז געווען פאַרשטענדלעך פון דעם שטאַנדפונקט, אַז אויף זשאַרגאָן דאַרף מען שרייבן נאָר פאַר דעם פּראָסטן המון; אָבער אין שלום־עליכמס „פאָלקס־ביבליאָטעק” האָט מען זיך געהאַלטן אָן אַן אַנדער שיטה: אַז די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור איז גלייכבאַרעכטיקט מיט דער העברעישער און מוז ווערן אַ ליטעראַטור פאַרן גאַנצן פאָלק. אָנשטאָט רויק אויפצוקלערן די חלוקי דעות, האָט מען דעם ערלעכן דינעזאָן אין דער „ביבליאָטעק” אויסגעלאַכט, און דאָס האָט אים זייער פאַרדראָסן. אין דער יונגער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור – קלאָגט ער זיך מיר – איז אַריינגעדרונגען די מכה פון דער העברעישער ליטעראַטור – רייסענישן און זידלערייען צווישן די שרייבער.

שפּעטער האָט מיר דינעזאָן אין אַ בריוו (אַפּריל 1889) אָפּגעזאָגט זיין ליטעראַרישן וידוי*): „אָרים און קליין איז אונזער זשאַרגאָנישע ליטעראַטור. און עס ווערט מיר נאָך טרויעריקער אויפן האַרצן, ווען איך דערמאָן זיך, אַז איך זעלבסט האָב נישט געטאָן דאָס, וואָס איך האָב געדאַרפט טאָן. מיט דעם ביכל, וואָס איך האָב אָנגעהויבן („הנאהבים והנעימים”) האָב איך מער

*) אַלע ציטאַטן פון דינעזאָנס בריוו זענען דאָ, ווי געזאָגט, איבערגעזעצט פון העברעיש.

שאָדן איידער נוצן דער ליטעראַטור געבראַכט, ווייל מיר האָבן נאָכגעמאַכט אַנדערע, באַזונדערס שמ״ר, און האָבן פאַרדאָרבן דעם געשמאַק פון די פשוטע לעזער... איך בין געווען אַ יינגל, בשעת איך האָב געשריבן מיין ערשטן ספור. איך האָב נישט געקענט פאָרזיכטיק זיין, און דידאַקטיקע חטאת נעורים וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אַפילו איצט, ווען איך וויל אַרויסגעבן דאָס נייע ווערק, וואָס איך האָב אָנגעשריבן, קלאַפּט ביי מיר דאָס האַרץ און איך בין נישט זיכער, אַז איך וועל דאָס מאָל יוצא זיין״.

נישט פיל פרייד האָט געבראַכט דינעזאָנען דער נייער ראָמאַן זיינער: „אבן נגף — אָדער אַ שטיין אין וועג״, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1890. אין אַ בריוו צו מיר, געשריבן אין אַפּריל פון יענעם יאָר, אַנטוויקלט ער אַ גאַנצע סיסטעם פון ראָמאַן־שרייבעריי פאַר דעם יידישן המון. „עס קען זיין, אַז איך האָב אַ טעות, אָבער איך האָב זיך שטענדיק צוגעהערט צו דעם, וואָס דאָס פאָלק לייענט מיט מער חשק און וואָסערע ווערטער זענען אים צום האַרצן... און איך ווייס, אַז דעם פשוטן לעזער האָט צוגעגעסן לייענען אָט די אַלע ווערק, ווו מען לאַכט אויס דעם אַלטן לעבנס־שטייגער... איר ווייסט דאָך מסתמא, אַז די גרעסטע מעלה, וואָס אונזער פאָלקס־מענטש גע־פינט אין אַ חזן, איז דאָס, אַז הערנדיק זיין זינגען, באַגיסט מען זיך מיט טרערן. מיט וואָס איז באַרימט געוואָרן דער קעל־מער מגיד, אויב נישט מיט זיינע דרשות, פון וועלכע דער עולם האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן?... מיר דוכט, אַז ס׳איז נישטאָ נאָך אַזאַ פאָלק, ביי וועמען דער „בעל בכי״ איז אַזוי הייליק און טייער, ווי ביי אונזער פאָלק, ווייל דאָס גאַנצע לעבן זיינס איז אַ ים מיט טרערן...״ נאָך דינעזאָנס מיינונג דאַרף מען די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור צופּאַסן נאָר צו די ני־דעריקע פאָלקס־שיכטן און נישט אויפהויבן זי צום ראַנג פון אַ פולשטענדיקער און מאָדערנער ליטעראַטור. דאָ רעדט ער כמעט ווי אַ משכיל פון יענער צייט: „וואָלט איך געשטרעבט אויפצוהויבן די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור צו דער מדרגה פון אַ

לעבעדיקער און שטענדיקער ליטעראַטור, וואָלט איך אויך אפשר געשריבן אין דעם נוסח פון אַבראַמאָוויטשן און זיין נאָכמאַכער שלום-עליכם, נאָך די כללים, וואָס זענען אָנגענומען אין היינ-טיקער צייט: אָבער מיין ציל איז דאָך גאָר אַן אַנדערער: איך וויל, אַז מיין לעזער זאָל פון מיינע ווערק אַרויסנעמען אַביסל פאַרשטאַנד און מוסר, — הייסט ווי זאָל איך זיך אָפּגעבן דער אַרבעט פון צופוצן די אויסערלעכע פאָרם אויפן חשבון פון אינהאַלט? אונזער אומגאַנגס-שפּראַך איז אַן איבערגאַנגס-שפּראַך („שפתנו המדוברת היא שפה עוברת"), זי האָט קיין תּכלית און קיין האָפנונג נישט: זי קען נאָר דינען אַלס אַ בילדונגס-מיטל פאַר יענע מאַסן, וואָס פאַרשטייען נישט קיין אַנדער שפּראַך... איך בין איבערצייגט, אַז נישט לאַנג וועט דויערן דער ווּקס פון דערדאָזיקער פאַרדאָרבענער שפּראַך. עס וועלן קומען צייטן, אפשר אין עטלעכע הונדערט יאָר אַרום, ווען זי וועט אינגאַנצן פאַרגעסן ווערן, און מיט איר — אַלץ, וואָס איז געשריבן אין דערדאָזיקער שפּראַך".

די לעצטע שורה פון דינעזאָנס בריוו איז, — אַז דער זשאַרגאָנישער לעזער פון המון זוכט אַפילו אין אַ נייעם ספור, אין אַ ראָמאַן עפּעס אַ שטיקל מוסר. אין דעם זין האָט ער געשריבן זיין „אבן נגף". דאָס איז טאַקע געווען אַן אמתער מוסר-ספר. דער גאַנצער ספור-המעשה איז געווען דאָ צוגעפּאַסט דערצו, אַז דעם לעזער זאָל דאָס אָננעמען פאַרן האַרצן, אַז ער זאָל זיך גוט אויסוויינען אויף דער אָדער יענער באַשריי-בונג פון אַ פאַמיליען-טראַגעדיע, פון אַן אומגליקלעכער ליבע, פון אַ „צדיק ורע לו, רשע וטוב לו". דער „לאַכנדיקער פילאָ-זאָף" שלום-עליכם האָט חוזק געמאַכט פון דעם „וויינענדיקן פילאָזאָף" — דינעזאָן. ער האָט מיר אין יענער צייט דערציילט, אַז אַבראַמאָוויטש-מענדעלע, נאָכדעם, ווי ער האָט איבערגעליי-ענט דינעזאָנס ראָמאַן, האָט ער געזאָגט: „פּיצעלע, וואָס וויינסטו! ברעקעלע, וואָס וויינסטו?" (אַן אָנצוהערעניש אויף דינעזאָנס קליינעם ווּקס). אפשר האָט דאָס גלייכווערטל געשאַפן שלום-עליכם אין אַ געשפּרעך מיט מענדעלען. איך האָב געהאַלטן,

אַז אויסלאַכן דינעזאָנען, וואָס האָט געשריבן זיין ווערק מיט האַרץ, איז אַ גרויסע עולה. אין מיין קריטישן איבערזיכט פון דער דאַמאָלסטיקער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור, האָב איך אויך אָנגעוויזן אויף דעם הויפט-פעלער פון דינעזאָנס „אבן נגף״ און האָב געשריבן, אַז דער מחבר „האָט דערטרונקען זיינע העלדן אין אַ טייך טרערן״: אָבער דערביי האָב איך באַמערקט, אַז ביי אַ געוויסן סאָרט לעזער איז אַזאַ מוסר-ראָמאַנטיק גראָד צום האַרצן. איך האָב באַוויזן, אַז אין דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור פאָרמירן זיך צוויי שיכטן: „פאָלקס-ליטעראַטור און המון-ליטעראַטור״ (אַזוי האָט געהייסן דער טיטל פון מיין אַרטיקל אין „וואָסכאָד״ אין סוף זומער 1890).

דינעזאָן איז געבליבן עפּעס ווי אָפּהענטיק ביי אַזעלכע באַציאונגען פון זיינע קאָלעגן אין דער יידישער ליטעראַטור. דער ערלעכער עניו האָט זיך מודה געווען, אַז ער איז שוין אַלטמאָדיש פאַר דעם נייעם דור, אַז זיין אַרט שרייבן וועט נישט געפעלן דער קריטיק, כאָטש „זיינע לעזער״ געפעלט דאָס זייער און ער באַקומט פיל בריוו פון מענטשן, וואָס זענען געווען טיף גערירט פון זיין ראָמאַן. אין דעמזעלבן בריוו (יוני 1890) שרייבט ער מיר: „אויפן האָריזאָנט פון זשאַרגאָן האָט זיך באַוויזן אַ נייער שטערן: דאָס איז מיין געליבטער פריינט פּ ר ץ, וואָס דער דיכטער פרוג האָט איבערגעזעצט אויף רוסיש זיינע ספּורים פון „פאָלקס-ביבליאָטעק״. דינעזאָן זאָגט, אַז נאָר ער האָט איינגערעדט פרצן צו שרייבן אויף אונזער פאָלקס-שפּראַך, וואָרום ער האָט באַמערקט אין אים אַ גרויסן טאַלענט, און איצט וויל ער אַרויסגעבן אין אַ באַזונדער ביכל פרצס זשאַרגאָנישע ספּורים. פון יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן יענע פריינטשאַפט צווישן דעם אַלטמאָדישן דינעזאָנען און דעם ניימאָדישן פרצן, וואָס האָט זיך געצויגן 25 יאָר, ביז פרצס טויט. דינעזאָן האָט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט אין דער ליטעראַטור און איז אינגאַנצן בטל געוואָרן אין פרצס אַרבעט, אַלס טעכנישער מיטאַרבעטער און עצה-געבער אין פאַרלעגערישע

זאַכן. ער האָט זיך אַליין מבטל געווען, כדי צו דינען ווי אַ פֿייערדיקער חסיד דעם רום פון זיין הייליקן רבין.

אַ לאַנגע צייט האָב איך גאָרנישט געהערט פון דינעזאָנען. ערשט אין יאָר 1900 באַקום איך פון אים זיין נייעם ראָמאַן „יאָסעלע" מיט אַ בריוו, ווו ער בעט מיך אַרויסזאָגן מיין מיי־נונג: איך האָב דאַן שוין נישט געפירט די ליטעראַטור־קריטישע אָפּטיילונג אין „וואָסכאָד" און האָב געקאָנט אָפּשאַצן דעם ראָמאַן נאָר פּריוואַט. איך געדענק, אַז „יאָסעלע" האָט אויף מיר גע־מאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. דאָ איז געבליבן דינעזאָנס אַרט שרייבן אַזוי, אַז ס'זאָל אָננעמען פאַרן האַרצן, אָבער דאָס איז שוין נישט געווען די עלעמענטאַרע סענטימענטאַליטעט פון זיינע אַלטע ראָמאַנען: עטוואָס טיפער און קאָמפּליצירטער זענען גע־ווען זיינע טראַגישע העלדן. מען האָט שוין געשפּירט פּרצס השפעה. איך האָב באַוויזן דאָס נייע ווערק מענדעלען, און ער האָט אויך מודה געווען, אַז דאָ איז עפּעס פאַראַן, וואָס קאָן ווירקן אויך אויף דעם מאָדערנעם לעזער. איך האָב מיטגעטיילט מיין מיינונג דינעזאָנען אין אַ בריוו פון אָדעס און האָב באַ־קומען פון אים אַ באַגייסטערטע תשובה (סעפּטעמבער, 1900); „איך האָב געלייענט אייער בריוו מיט דער גרעסטער שמחה, וואָס איך האָב אַזוינס אין מיין לעבן נישט געהאַט. דאָס מאָל האָב איך באַקומען דעם גרעסטן לוין, וואָס אַ יידישער מחבר קאָן נאָר באַקומען פאַר זיין אַרבעט... אין מיינע ערשטע ספּורים — דאָס פאַרשטייט איר גאַנץ גוט — האָב איך פּיל געזינדיקט קעגן די געזעצן פון שיינקייט און וואַרהייט, אָבער מיין כּונה איז געווען גוט: איך האָב געוואָלט צוציען דעם לעזער, געבנ־דיק אים שפּייז נאָך זיין געשמאַק... דערמאָנט זיך, ווען האָב איך אָנגעהויבן שרייבן ספּורים! אין יענער צייט וואָלט איך גאָרנישט דערוועגט צו האָפן, אַז מיך זאָל לייענען ווער עס איז, וואָס קען לייענען העברעיש אָדער אין די אייראָפּעישע שפּראַכן. איך האָב געהאַט אין זינען נאָר דעם פּשוטן לעזער, וואָס איז געווינט צו מעשהלעך מיט שדים, רוחות און גזלנים, וואָס האָט געקאָנט פאַרשטיין נאָר אַ „מעשה" מיט וווּנדער און

גוזמאות און האָט נישט געוואָלט לייענען אַ באַשרייבונג פון דעם, וואָס טוט זיך אַלע טאָג, ווייל דאָס איז דאָך אים גוט באַקאַנט... איצט אָבער האָט זיך געביטן דער געשמאַק אַפילו ביי דעם פשוטן לעזער. שרייבער, וואָס באַהערשן די העברעישע און די אייראָפּעישע שפּראַכן, האָבן אָנגעהויבן שרייבן אין אונזער פאָלקס־שפּראַך, און פון דער אַנדער זייט האָבן אָנגעהויבן לייענען זשאַרגאָנישע ביכער אויך געבילדעטע מענטשן. דערפאַר, קאָן איך זיך איצט שוין אָפּזאָגן פון מיין אַלטן סטיל. אַזוי האָב איך צוערשט געשריבן (אין דעם נייעם סטיל) מיין דערציילונג „הערשעלע" און איצט — מיין „יאָסעלע".

דאָ איז ווידער אַ טייל פון דינעזאָנס גרויסן ווידוי. מען דאַרף פאַרשטיין דעם אינערלעכן קאַמף אין דער נשמה פון אַ משכיל, וואָס האָט אָנגעהויבן שרייבן אויף „זשאַרגאָן" פאַר די „קלענערע ברידער", פאַר די עם־הארצים, און האָט מיט־אַמאָל דערזען פאַר זיך אַ געבילדעטן לעזער און אַ געבילדעטן חבר, — אַ קערן פון אַ געזונטער פאָלקס־ליטעראַטור. דינעזאָן האָט דאָס דערלעבט.

IV

## שלום־עליכם דער לאַכעדיקער פילאָזאָף

שלום-עליכם האָט אָנגעהויבן שרייבן אינמיטן פון די אַכציקער יאָרן אין דעם פּעטערבורגער „פאָלקסבלאַט” פון צעדער-בוים-לעוויס שניט. דער יונגער שרייבער האָט דאַן נאָך געזוכט דעם וועג און איז ביי זיך אַליין נישט געווען זיכער, אַז ער האָט אויסגעקליבן דעם ריכטיקן וועג, אָנהויבנדיק שרייבן יידיש. ער האָט געקענט אויסקלויבן אי די רוסישע אי די העברעישע שפּראַך און מיט דער צייט ווערן אַ מפורסם אין דידאָזיקע צוויי אָנערקענטע ליטעראַטורן. זשאַרגאָן האָט דאָך אין יענער צייט קיינער נישט געהאַלטן פאַר אַ פולשטענדיקער ליטעראַטור-שפּראַך. שלום-עליכם האָט אָבער טיף אין האַרצן געפילט, אַז דאָס יידישע לעבן דאַרף מען באַשרייבן אין דער שפּראַך פון יענעם לעבן, אַז די אַלע סענדערס, יאָסעלעך, און רחלעך דאַרפן רעדן צווישן זיך אין זייער אייגענער שפּראַך און נישט אין אַ רוסישער אָדער העברעישער איבערזעצונג. מען האָט געדאַרפט האָבן פיל מוט דערצו אין אַ צייט, ווען חוץ אַ פּאָר ווערק פון מענדעלען און די ערשטע נאָך שוואַכע ספרים פון ספּעקטאָרן, האָבן אין דער זשאַרגאָנישער בעלעטריסטיק געהערשט די נאַרישע ראָמאַנען פון שמ״ר, זייפערט, בלאָשטיין און אַנדערע מעשיות-דערציילער. אין אַזאַ צייט האָט שלום-עליכם געמוזט זוכן, אויף וועמען אָנצושפּאַרן

זיך אין דער אָנערקענטער ליטעראַטור. און דאָ איז אים געקומען צו הילף דער קריטיקער פון „וואָסכאָד״.

אונטער דעם פסעוודאָנים „קריטיקוס״ האָב איך דאָרטן אין יענער צייט „גערייניקט די שטאַלן״ פון דער יידישער ליטעראטור אין אַלע שפּראַכן. און דאָ האָב איך באַמערקט, „אין דעם הויפן מיסט״, ווי איך האָב זיך דאַן אויסגעדריקט, אַ קליינעם דימענט: „דאָס מעסערל, אַ דערציילונג פון קינדערשע יאָרן״, אונטערגעשריבן: שלום-עליכם*). דאָס איז געווען אין יאָר 1887. אין מיין קריטישן אַרטיקל „וועגן אונזער ביסל אָרעמקייט אין דער בעלעטריסטיק״ האָב איך אָנגעוויזן אויף סימנים פון עפּעס אַ פרישן טאַלענט אין דער קליינער דערציילונג, ווו שלום-עליכם האָט צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן שרייבן אין זיין הומאָריסטישן נוסח. דעם מחבר האָב איך נאָך דאַן פערזענלעך נישט געקענט. נאָר שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז אַ קיעווער סוחר סאַלאמאן ראַבינאָוויץ. אין אַ יאָר אַרום האָט ער מיר אָנגעהויבן שרייבן פון קיעוו אָפטע בריוו, אין וועלכע ער האָט אויסגעגאָסן זיין גאַנץ האַרץ, אַלע זיינע ליטעראַרישע דאגות. ער פלעגט מיר שרייבן רוסיש, אַזוי ווי מען האָט זיך נוהג געווען ביי יידישע אינטעליגענטן אין יענער צייט.

אין מאַי 1888 שיקט ער מיר צו זיינס אַ נייַ ביכל: „דאָס בינטל בלומען״, מיט אַ צונעמעניש: „לידער אין פּראָזע״. דאָ זענען געווען נאָכגעמאכט טורגעניעווס „לידער אין פּראָזע״, און שלום-עליכם האָט דאָ געשאַצט נישט אַזוי דעם אינהאַלט, ווי די פאָרם. „דאָס איז – האָט ער מיר געזאָגט אין אַ בריוו – דער ערשטער פּרווו שרייבן אויף זשאַרגאָן אַזעלכע לידער אין אַ גוטער שפּראַך, וואָס איז פריי אי פון דייטשע, אי פון רוסישע אויסדרוקן און ווערטער**)״. שוין אין דעמדאָזיקן ערשטן בריוו שרייבט ער מיר, אַז ער האָט בדעה אַרויסצוגעבן אַ „זשורנאַל

---

*) איך האָב שוין דערמאָנט וועגן דעם אין מיין פריער געשריבענעם אַרטיקל: „שלום-עליכם אין די אַכציקער יאָרן״, זע ווייטער

**) אַלע ציטאַטן זענען דאָ איבערגעזעצט פון רוסישן אָריגינאַל. שלום-עליכמס אַנדערע בריוו זענען געדרוקט ווייטער.

אויף זשאַרגאָן״. און פון די שפּעטערדיקע בריוו האָב איך אַרויסגעזען, אַז ער איז אינגאַנצן פאַרכאַפּט פון דער נייער אונטערנעמונג — „די יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק״. דערקלערנדיק מיר זיין פּראָגראַם הויבט ער אָן פון דער געשעפטלעכער זייט: „מיין זאַמלבוך האָט אַ צוויי-פאַכן צוועק — ערשטנס, געבן וואָס מער גוטן מאַטעריאַל פאַר אַ ביליקן פּרייז, און צווייטנס — געבן די מעגלעכקייט אונזערע נויטבאַדערפטיקע שרייבער (און וועלכער שרייבער איז נישט נויטבאַדערפטיק?) צו פאַרדינען אַ קערבל, וואָס איז נישט אַזוי לייכט, ווי איר ווייסט, אין אונזער ליטעראַטור. עס איז גענוג אייך צו זאָגן, אַז ביז היינטיקן טאָג האָב איך אויסגעצאָלט מיינע פריינט-מיטאַרבעטער האָנאָראַר כמעט טויזנט רובל. נאָר נישט דערמיט אַליין בין איך אויסן מיט מיין זאַמלבוך. איך וויל אים אויפהויבן אויף אַזאַ הויכער מדרגה, צו וועלכער עס האָבן נאָך נישט דערגרייכט אַפילו אַזעלכע אויסגאַבן ווי דער „האסיף״ אָדער „כנסת״ (העברעישע זאַמלביכער), און אין דערזעלבער צייט מאַכן אים צוגענגלעך פאַרן פאָלק. איך האָב דאָ צונויפגעקליבן דאָס בעסטע, וואָס אונזער ליטעראַטור פאַרמאָגט. עס האָבן זיך מיט אַ ברען גענומען צום זשאַרגאָן די בעסטע קרעפטן פון דער העברעישער ליטעראַטור. צוערשט גייען לעוו אָסיפּאָוויטש גאָרדאָן (יל״ג) און ד. פרישמאַן, און נאָך זיי דער אַלטער גאָטלאָבער, שאַצקעס, ווייסבערג, יהל״ל, קאַלמאַנסאָן און אַנדערע. אַ גרויסן אָנטייל אין מיין אויסגאַבע נעמען אויך אַבראַמאָוויטש (מענדעלע) און לינעצקי״.

דאָ קומט ער צו מיר מיט אַ בקשה. דער פּאָפּולערער דיכטער ש. פרוג, וואָס האָט דאַן געשריבן פעליעטאָנען אין וואָכנבלאַט פון „וואָסכאָד״ אונטער דעם נאָמען „צופעליקער פעליעטאָניסט״, האָט אין איינעם פון זיינע פעליעטאָנען אויסגעלאַכט אי דעם זשאַרגאָן (ער האָט אים אָנגערופן „אַ צרה, וואָס מען קען פון איר דערווייל נישט פּטור ווערן״) אי די קאָנקורענץ צווישן די אַרויסגעבער פון זאַמלביכער: ערשט איז אַרויס ספּעקטאָרס „הויזפריינט״, און אָט קומט „שלום-עליכם״ מיט אַ ברייטן פּראָספּעקט

וועגן דער „פאָלקס-ביבליאָטעק”. שלום-עליכמען האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן און ער האָט אויפגעשריבן אַ „בריוו אין דער רעדאַקציע” פון „וואָסכאָד” מיט אַ פּרינציפּיעלן ענטפער אויף פרוגס פעליעטאָן. נאָר ער האָט מורא געהאַט, אַז דער רעדאַקטאָר פון „וואָסכאָד” לאַנדוי, וועט זיין תשובה נישט דרוקן, ווייל זי איז קעגן דעם שטענדיקן מיטאַרבעטער און דער צירדע פון זשורנאַל — דעם גרויסן דיכטער, דעריבער האָט ער מיר צוגעשיקט דעם בריוו און געבעטן, איך זאָל אים אָפּשיקן לאַנדוין און פועלן, אַז ער זאָל געדרוקט ווערן. איך האָב דאָס געטאָן. דער בריוו איז געווען אָפּגעדרוקט — און שלום-עליכם האָט נישט געוווסט ווי מיר צו דאַנקען. „פאַר מיר איז וויכטיק — שרייבט ער אין סעפּטעמבער 1888 — נישט דאָס, וואָס איך האָב זיך אַ ביסל פאַרענטפערט פאַרן עולם... איך האָב נאָר געוואָלט אַרויסשטעלן דעם זשאַרגאָן, אויף וועלכן דאָס רוב לעזער פון „וואָסכאָד” קוקן מיט די אויגן פונם „צופעליקן פעליעטאָניסט”, אין אַ שע-נערער צורה... מען קוקט אויף אונז (זשאַרגאָן-שרייבער), עפּעס ווי אויף קליינינקע מענטשעלעך, פּימפּערלעך”.

פאַרן ערשטן בוך פון דער „פאָלקס-ביבליאָטעק” האָט שלום-עליכם געשריבן אַ גאַנצן ראָמאַן: „סטעמפּעניו”. דער העלד פון ראָמאַן איז געווען אַ רעאַלע פּערזענלעכקייט: אַ גרויסער בערדיטשעווער פידלער, וואָס איז אַמאָל געווען מפורסם צווישן די קלעזמערס אין וואָלין. שלום-עליכם איז געפאָרן קיין בערדיטשעוו, און האָט דאָרטן אויסגעהערט אַ סך דערציילונגען וועגן סטעמפּעניו פון אַלטע לייט, וואָס האָבן נאָך פּערזענלעך געקענט דעם געניאַלן פידלער. „גוואַלד! — שרייט אויס שלום-עליכם אין זיין בריוו צו מיר, ווו ער באַשרייבט דידאַקטיקע נסיעה קיין בערדיטשעוו, — וואָס פאַר אַן אוצר איז בערדיטשעוו פאַר אונ-זער חברה-קינסטלער! אַ שאָד, וואָס די געשעפטן (פאַרפלוכטע געשעפטן!) לאָזן מיך נישט בלייבן לענגער אין דעמדאָזיקן יידישן פּאַריז. נאָר איך וועל נאָך אים באַזוכן פון צייט צו צייט”. אין דעמזעלבן בריוו איז ער מודיע, אַז ער פאָרט אויף אַ קורצער צייט קיין אָדעס: דאָרטן וועט ער זיך באַקענען מיט

אַבראַמאָוויטשן, „דעם גרויסן מענטשן", וואָס האָט שוין אים צוגעשיקט די ערשטע קאַפּיטלעך פון „ווינטשפינגערל" פאַר דער „פאָלקס-ביבליאָטעק".

אין יענער צייט (האַרבסט 1888) האָט געזאָלט דערשיינען אין „וואָסכאָד" מיינער אַ גרויסער אַרטיקל וועגן דער באַדייטונג פון זשאַרגאָן אין אונזער ליטעראַטור, און שלום-עליכם האָט אויף אים מיט אומגעדולד געוואַרט. איינמאָל באַקום איך פון אים צוויי בריוו, ווו ער שרייבט מיר, אַז ער האָט זיך דערוווּסט דורך זיינעם אַ קאָרעספּאָנדענט פון פּעטערבורג, אַז דאָרטן אַגיטירט קעגן מיין קינפטיקן אַרטיקל דער זשאַרגאָן-פיינט לעווי, וועלכער האָט כּלומרשט געפּועלט ביי לאַנדוין, אַז דער אַרטיקל זאָל נישט געדרוקט ווערן אין דער פאָרם, ווי איך האָב אים געשריבן. דער עקספּאַנסיווער שלום-עליכם האָט דאָס מיר מיטגעטיילט בסודי סודות און האָט מיר געראָטן דיפּלאָמאַטיש אויפקלערן דעם „שרעקלעכן" פּלאַן פון „אונזער פיינט". איך האָב תּיכף געשיקט לאַנדוין אַ בריוו און אָנגעפרעגט, צי איז ריכטיק דער קלאַנג, אַז ווער עס איז האָט אין פּעטערבורג געקראָגן פון דער רע-דאַקציע די קאָרעקטור פון מיין אַרטיקל און האָט מיט אים גערעדט וועגן דעם. איך האָב באַלד באַקומען אַ תּשובה, אַז נישט געשטויגן, נישט געפלויגן: קיינער האָט וועגן דעם נישט גערעדט. איך האָב די תּשובה איבערגעגעבן שלום-עליכמען, נאָר ער האָט זיך אַלץ נישט געקענט באַרויקן: אים האָבן זיך או-מעטום געדוכט אינטריגעס קעגן אים און דעם זשאַרגאָן, — אַזוי איז אים לעווי דערגאַנגען די יאָרן אין „פאָלקסבלאַט".

דערפאַר איז אים אַזוי טייער געווען יעדעס גוט וואָרט וועגן זשאַרגאָן. עטלעכע חדשים נאָכדעם, ווי מיין אַרטיקל „וועגן דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור" איז דערשינען, שרייבט ער מיר (פעברואַר 1889): „איר וועט מסתּמא נישט פאַרגעסן אומקערן זיך (אין דער קריטישער אָפּטיילונג פון וואָסכאָד") צו אונזער זשאַר-גאָן, וואָס האַלט אייך פאַר זיין הויכן באַשיצער, נאָכדעם ווי צען יאָר נאָכאַנאַנד, אויב נישט מער, האָט אונזער עמאַנסיפּירטע שוועסטער, די רוסיש-יידישע ליטעראַטור, איגנאָרירט

איר פעיקן קליינעם ברודערל — דעם זשאַרגאָן״. ער וואַרט אויף אַ רעצענזיע וועגן דעם ערשטן באַנד „יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק״, לאָזט מיך נישט צורו — איך זאָל אים פריוואַט אַרויסזאָגן מיין מיינונג וועגן זיין „סטעמפעניו״ א. אַ. וו. ער גרייט שוין צום דרוק דעם צווייטן דיקן באַנד פון דער „ביבליאָטעק״. פאַר אים שרייבט ער אַ נייעם ראָמאַן „פערעלע״, וואָס איז שפּעטער אַרויס אונטער דעם נאָמען „יאָסל סאלאוויי״. ביידע ראָמאַנען זענען געווען ווייט פון שלום-עליכמס הומאָריסטישן נוסח: דאָס זענען געווען אמתע „ראָמאַנען״ אויפן קלאַסישן שטייגער, און דערפאַר זענען זיי שלום-עליכמען אָנגעקומען מיט אַזויפיל מי. „פערעלע — שרייבט ער מיר (יולי 1889) — האָט מיך געקאָסט אַ האַלב יאָר אַרבעט און אפשר עטלעכע יאָר לעבן. איך האָב נאָך קיינמאָל אַזויפיל נישט געאַרבעט אויף אַ ווערק. מיין נייער ראָמאַן האָט אַ לירישן כאַראַקטער. ווי עס זאָל מיך נישט ציען צום פריילעכן הומאָר, האָב איך נישט קיין מוט, ביי אונזער היינטיקער סאָציאַלער לאַגע, נאַריש מאַכן זיך״...

אין דערזעלבער צייט הויבט ער אָן צו שרייבן אויף העברעיש קליינע הומאָריסטישע עסקיזן פאַרן „המליץ״. זיין העברעישער סטיל איז שטאַרק זשאַרגאָניזירט, נאָר גראָד דערפאַר האָט ער, ביי דעם הומאָריסטישן אינהאַלט, אַ באַזונדערן חן.

אין זומער 1890 האָב איך פאַרבראַכט אַ פּאָר וואָכן אין קיעוו, און דאָ האָב איך זיך צוערשט באַקענט מיט מיין קאָ-רעספּאָנדענט, שלום-עליכמען. איך האָב געוווינט ביי אים אין באָיאַרקע, אין איינער פון די שענסטע דאַטשעס (ווילע). דאָס איז געווען מיט עטלעכע חדשים פאַר זיין פינאַנציעלן באַנקראָט: עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן זיין ירידה אויף דער קיעווער בערזע. ער איז געווען זייער צוטראָגן און פלעגט מיר אָפט זאָגן: מען דאַרף גיכער וואָס מער אָנשרייבן. שפּעטער וועט זיין שווער. אים האָט אַלץ מער געצויגן צו העברעיש. ער פלעגט שרייבן זיינע קליינע הומאָרעסקן פאַרן „המליץ״ זיצנדיק מיט מיר אין גאָרטן, אָדער אין וואַגאָן צווישן באָיאַרקע און קיעוו.

„איך רו אָפּ בשעת דער אַרבעט — שרייבט ער מיר אין

אַ בריוו נאָך מיין אַוועקפאָרן פון קיעוו. – איך שרייב אַלץ קליינע זאַכן, נאָר, דאַכט זיך, געלונגענע, און מער אין אונזער אַלטער שפּראַך, וועלכע איך האָב זייער ליב געקריגן. און נאָר איך אייל און אייל, אַזוי, ווי איך וואָלט טאַקע מורא געהאַט, ווי איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך וועל פאַרשפּעטיקן".

אין אַ פּאָר חדשים אַרום (אָקטאָבער 1890) האָב איך באַקומען פון אים אַ טרויעריקן בריוו: „אייער צושפּאָלטענער פריינט האָט זיך אַ גליטש געטאָן און איז פאַרפאַלן, פאַרפאַלן פאַר דער וועלט פון גאָלד און פּאַפּיר... וואָס וועט די וועלט זאָגן. ווי וועלן דאָס אויסהערן מיינע פריינט, אמתע און פאַלשע? האַלטנדיק אייך פאַר אַן אמתן גוטן פריינט, בעט איך אייך דערמאָנען זיך, וואָס מיר האָבן גערעדט אין באָיאַרקע. די געשעפטן זענען שוין דאַן געווען שלעכטע, נאָר איין אויפּטו, וואָס איך האָב געמאַכט, כּדי אַרויסצוקריכן פון דער אומבאַשטימטער לאַגע, האָט נאָך גיכער געפירט צום סוף. אַ פּאָר מאָל נישט אָפּגעגליקט, אַ פּאָר שרעקלעכע באַנקראָטן – און איך בין אַריינגעפאַלן אין פייער, אין אַ קנויל פון חובות, וואָס דראָען מיר נישט מיט אָרעמקייט אַליין, נאָר מיט עפּעס נאָך ערגערעס. וווּהין וועל איך אַוועקגיין – דאָס ווייסט נאָר גאָט אַליין".

איך האָב דערזען שלום-עליכמען אין אַ האַלב יאָר אַרום נאָכן קריזיס, אין אָדעס, מיר זענען דאָ געוואָרן שכנים – פריער אין שטאָט, און דערנאָך אין די זומער-וווינונגען אויפן ברעג פון שוואַרצן ים. פון די גרויסע ליטעראַרישע פּלענער, – אַרויסגעבן ווייטער די „פאָלקס-ביבליאָטעק" און נאָך אַזוינס איז שוין גאָרנישט געוואָרן. שלום-עליכם האָט זיך געראַנגלט מיט נויט און האָט אַפילו נישט געהאַט וווּ צו דרוקן זיינע ווערק. אין יענער צייט האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אויף רוסיש. ער האָט אויפגעשריבן אַ גרויסע דערציילונג פאַרן „וואָסכאָד", אונטער דעם נאָמען „מיין באָבעס ראָמאַן", און האָט דאָס מיר איבערגעגעבן אויסצובעסערן דעם סטיל. איך האָב געהאַט גאָר ווייניק אויסצובעסערן, ווייל שלום-עליכם האָט גאַנץ גוט געשריבן רוסיש. דורך מיין השתדלות איז די דערציילונג געדרוקט געוואָרן אין

גרויסן זאַמלבוך פון „וואָסכאָד", וואָס איז אַרויס סוף יאָר 1891 אָנשטאָט די מאָנאַט-העפטן פונם זשורנאַל, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט דאַן אָפּגעשטעלט אויף אַ האַלב יאָר. ביי אַנדערע אומשטענדן וואָלט מעגלעך געווען, אַז שלום-עליכם זאָל דאַן ווערן אַ רוסישער שרייבער...

אין יענעם זומער פון יאָר 1891 — דער שווערער יאָר פון גירוש מאָסקווע און אַנדערע גזירות — האָבן מיר ביידע געוווינט אַרום אָדעס, ביים ברעג פון שוואַרצן ים. ער אויפן „גרויסן פאָנטאַן", איך אין לוסט-דאָרף — אַ שעה גאַנג פון אים. צו אונז אין דאָרף איז די פּאָסט נישט געגאַנגען, און מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז שלום-עליכם באַקומט מיין קאָרעספּאָנדענץ און שיקט מיר זי אָפּ דורך דעם פורמאַן פון אָמניבוס („לינייקע"), וואָס פלעגט גיין עטלעכע מאָל אין טאָג פון פאָנטאַן קיין לוסט-דאָרף. דורך דעם פורמאַן האָבן מיר אָפּט געפירט אַ הומאָריסטישע קאָרעספּאָנדענץ צווישן זיך. מיר האָבן זיך דורכגעשריבן אין דעם „מגלה טמירין " לשון — דעם קאָמישן זשאַרגאָנישן העברעיש פון צוויי חסידים, וואָס מען קאָן אים נישט לייענען אָן געלעכטער. שלום-עליכמען האָט באַזונדערס געצויגן צו דעמדאָזיקן קאָמישן סטיל פון די „דונקל-מענער". איך וועל דאָ אויסשרייבן נאָר אַ פּאָר ציטאַטן פון יענע שלום-עליכמס בריוו צו מיר:

„ב"ה, היום יום ד', שעה ז' בבקר הלכתי עם הבוך שלי לפאָנטאַן הגדול, ואי"ה בעוד ד' שעות אוכל למסור לך, אהובי רעי, את הפּאָסילקע שקבלתי אתמול, כשהייתי באדעס. שם באדעס התמהמהתי בבית זקננו היקר (מענדעלע מוכר ספרים) ונתתי עליך דאָנאָס שהיית גם אתה באדעס ולא הלכת לבקרו... כמו"כ אוכל להודיעך שנתקבל על שמך שני בריוולעך... ואשתדל לשלוח אותם אליך קודם צאת הלינייקע, ואם ח"ו אעבור המועד אזי אשנס את מתני ואלך בכבודי ובעצמי עם הבריוולעך... ואחת היא לי אם לישב בחדרי עם הבוך שלי ולעשות קאַפּיטלעך חדשים או פה בקלייטעל של קוואַס, או בלוסטדאָרף לפני אוהל מועד של

הקירקע שלכם. העיקר הוא שיהיה לי קולמוס וטינטוריל, והמקום לא ישתעשע שום ראָליע אצלי.״

„למה נשאנו אישות? הנני שואל ממך, אהובי. לאיזה שנה טובה לקחנו לנו אישות? רצה צדיק כמוני לראות את פני חבריו הישרים והתמימים עם כל קהלות הקודש של ארבעה סופרים מזוינים גבורי ישראל. וקפץ עלי רגזה של אשתי ואמרה לי בפירוש שלא תתנני לכתת את רגלי לאלה הגדולים בשום אופן. ואני אומר לה: אבל, יונתי, כך אני רוצה, וכלום לא תבטל רצונך מפני רצון בעלך? והיא אומרת לי: לא... ואני אומר לה: ומה היא השכל בזה? והיא אומרת: אין שום שכל... ואני אומר: לפי דבריך אין לי שום שכל, כי אז הנני טפש או חרש שוטה וקטן. והיא אומרת: אולי אתה באמת טפש... ואני אומר: אם כן, למה לך להתקשר עם שוטה וטפש, הלא טוב לך לקבל ממני גט פטורין״...

אָט אַזוי האָבן מיר זיך אין שווערע צייטן אַביסל נאַריש געמאַכט. אָבער ביי שלום־עליכמען איז דאָס געווען נישט נאָר אַ שפּיל. ער האָט דאָ געפּיילט זיין שפּעטערדיקן הומאָריסטישן קאָרעספּאָנדענץ־סטיל. געמאַכט הכנות צו זיינע מנחם־מענדלס בריוו. אין אַ קורצער צייט האָבן אויפגעהערט זיינע וואַקלע־נישן צווישן די דריי שפּראַכן: ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז באַרופן שרייבן נישט העברעיש און נישט רוסיש, נאָר יידיש, „זשאַרגאָן״. די 90־ער יאָרן זענען געווען אַן איבער־גאַנגס־צייט אין זיין שאַפן, אַ שווערע צייט פאַר אים פּערזענ־לעך און פאַר דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור בכלל. ער האָט אין 1894 אַרויסגעגעבן זיין בערזע־קאָמעדיע „יקנה״ז״—אַ פאָטאָגראַ־פיע פון קיעווער און אָדעסער געשעפטמאַכער, מיט וועלכע אים אַליין איז אויסגעקומען צו האָבן געשעפטן. דערנאָך האָט ער זעלטן געדרוקט נייע זאַכן, ווייל עס איז פּשוט נישט געווען וווּ צו דרוקן: נישט געווען קיין פּעריאָדישע אויסגאַבע. נאָר פון 1900 יאָר, ווען עס האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין „דער יוד״

אין וואַרשע און שפּעטער „דער פריינד“ אין פּעטערבורג, האָט שלום-עליכם באַקומען די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן דאָס, וואָס ביי אים האָט זיך אָנגעזאַמלט פאַר די פריערדיקע יאָרן און שרייבן נייע ווערק.

דאָ איז דער איבערגאַנגס-פּונקט פון „זשאַרגאָן“ צו „יידיש“, פון אַ שוואַך צווייגל צום שטאַרקן בוים. און דאָ שטעל איך אָפּ מיינע עראינערונגען וועגן שלום-עליכמס עוואָלוציע. איך האָב באַשריבן די צייט פון קאַמף פאַר די עלעמענטאַרע רעכט פון „זשאַרגאָן“: לאָזן אַנדערע באַשרייבן די נצחונות פון „יידיש“, מיט וועלכע עס איז פאַרבונדן אויך שלום-עליכמס פּאָפּולאַריטעט

## V

## מענדעלע מוכר-ספרים

מיט דעם „זיידן“ איז מיר אויסגעקומען באַקענען זיך אַביסל שפּעטער ווי מיט די „איינקלעך“. דאָס איז געווען אין שפּעט האַרבסט 1890, ווען איך האָב זיך באַזעצט אין אָדעס. איך האָב שוין אַמאָל דערציילט באריכות וועגן מענדעלען, באַלד נאָך זיין טויט (1918), און איך וועל דאָס נישט איבער־חזרן. *) דאָ וויל איך זיך נאָר האַלטן אין די גרענעצן פון מיין טעמע און וועל אויפקלערן בקיצור דעם גאַנג פון „זשאַר־גאָן“ צו יידיש אין דער פּופּציק־יאָריקער אַרבעט פון מענדעלע מוכר־ספרים.

דרייסיק יאָר ליטעראַרישע אַרבעט זענען שוין געלעגן הינטער מענדעלען צו יענער צייט, ווען מיר האָבן זיך באַ־געגנט, נאָך יינגלווייז האָב איך געלייענט זיינע העברעישע „תולדות הטבע“ און „האבות והבנים“ און זיין יידישע „קליאַ־טשע“. אויף אַ קורצער צייט האָט ער כמעט אויפגעהערט שרייבן. דאָס איז געווען אין די שווערע יאָרן 1879—1883, ווען ער האָט זיך געראַנגלט מיט דער נויט אין זשיטאָמיר ון האָט זיך קוים איינגעאָרדנט אַלס דירעקטאָר פון דער רע־
א
אָרמירטער גרויסער „תלמוד־תורה“ אין אָדעס. די באַגרי־
פ

---

*) זע ווייטער: „זכרונות וועגן אבראמאָוויטש־מענדעלע“.

סונגען, וואָס ער האָט באַקומען צו זיין 25־יאָריקן ליטעראַרישן יובילײ (1884), האָבן אים אַביסל אויפגעמונטערט און ער האָט זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט אָנגעהויבן איבעראַרבעטן זיינע פריערדיקע יידישע ווערק („פישקע דער קרומער", די קליאַטשע" און אַנד.) פאַר זיינע געזאַמלטע שריפטן („אַלע כתבים", די ערשטע צוויי בענדער זענען ערשינען אין אָדעס, 1888—1889). אין שלום־עליכמס „פאָלקס־ביבליאָטעק" האָבן זיך דאַן געדרוקט די ערשטע טיילן פון זיין גרויס עפּישן ווערק „ווינשפינגערל".

בשעת איך בין אָנגעקומען קיין אָדעס, בין איך נאָך געווען אונטער דעם שטאַרקן איינדרוק, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט דער צווייטער טייל „ווינשפינגערל". איך האָב אים דאַן רעצענזירט אין „וואָסכאָד" און פאַרגלייכט מיט גאָגאָלס „טויטע נפשות". וואַרעם און פריינדלעך האָט מיך אויפגענומען מענדעלע, ווען איך בין צו אים געקומען צום ערשטן מאָל אין אַ אומעטיקן נאָוועמבער־אָוונט, אין זיין וווינונג ביי דער תלמוד־תורה אויף יענעם עק באַזאַרנער גאַס, וואָס איז נאָענט צום יידישן קוואַרטאַל פון מאָלדאַוואַנקע. עטלעכע שעה זענען מיר געזעסן און געשמועסט וועגן אַלץ אין דער וועלט: וועגן ליטעראַטור, פּאָליטיק, פּעטערבורג, אָדעס, וועגן זיין „ווינש־פינגערל" און דעם פּלאַן פון די ווייטערדיקע טיילן. גערעדט האָט מען ר ו ס י ש. רוסיש האָט מענדעלע אין יענער צייט גערעדט מיט אַלעמען, אַפילו מיט יענע שרייבער, וואָס האָבן געשריבן העברעיש אָדער יידיש. דאָס איז שוין געווען אַ כּלל: אויף יידיש מוז מען שרייבן פאַרן „פאָלק", וואָס רעדט נאָר מאַמע־לשון. אָבער די אינטעליגענץ דאַרף זיך באַנוצן אין לעבן נאָר מיט דער מלוכה־שפּראַך. וועגן רעדן העברעיש האָט קיינער אין אונזער קרייז דאַן נישט געדאַכט, און מענדעלע האָט נאָך שפּעטער חוזק געמאַכט פון די שפה־ברורה־ניקעס, וואָס האָבן אין זייערע קרייזלעך גערעדט געבראָכענעם לשון־קודש. דערפאַר איז אים אָבער טייער געווען דאָס געשריבענע העברעישע וואָרט. גראָד אין יענער צייט האָט ער

געשאַפן זיין רייכן אָריגינעלן העברעישן סטיל, וואָס איז געווען צוגעפּאַסט צום לעבן און צו די נייע באַגריפן. יידיש האָבן מיר אַלע פּשוט גערופן „זשאַרגאָן“, נישט זעענדיק אין דעם וואָרט קיין שום באַליידיקונג. און ערשט שפּעטער האָט מענדעלע אַליין געשטעלט די פראַגע וועגן פּאַסנדן נאָמען פאַר דער פאָלקס-שפּראַך, ווי איך וועל דאָ דערציילן.

צווישן די ביידע שפּראַכן — העברעיש און יידיש — האָט מענדעלע זיין ליבע געטיילט, און אָפט נישט אין אַ גלייכער מאָס. אין דעם מאָמענט, ווען איך האָב מיט אים געהאַט דעם ערשטן שמועס, איז ער נאָך געווען אַריינגעטאָן אין זיין יידישן „ווינשפינגערל“; נאָר גאָר אינגיכן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שלום-עליכמס „פאָלקס-ביבליאָטעק“ וועט שוין מער נישט ערשיינען און ס'איז פּשוט נישטאָ ווו צו דרוקן דאָס נייע ווערק. עס איז געקומען אַ צייט פון ירידה פאַר דער „זשאַרגאָנישער“ ליטעראַטור, און גראָד דאַן האָט זיך אַ הויב געטאָן די העברעישע: „המליץ“ און „הצפירה“ זענען געוואָרן טעגלעכע צייטונגען, אין אָדעס, אין מענדעלעס קרייז, האָט אָנגעהויבן ערשיינען דאָס זאַמלבוך „פּרדס“, און דערנאָך איז צוגעקומען דאָס יאָרבוך „לוח אחיאסף“ אין וואַרשע. מענדעלע האָט זיך אומגעקערט צו דער אַלטער נאַציאָנאַלער שפּראַך — און דאָ האָט ער אַליין געשאַפן אַ גאַנצן רענעסאַנס. ער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון דעם אָרעמען משכילישן מליצהסטיל און האָט געשאַפן אַ רייכע ניי-העברעישע שפּראַך, אין וועלכער ער האָט אַריינגעצויגן די דיאַלעקטן פון משנה און מדרש, און האָט זיי צונויפגעפּאָרט אין זיינע לעבנס-בילדער מיט דעם פּשוטן יידישן אָדער „זשאַרגאָנישן“ סטיל. אַזוי האָבן זיך באַוויזן זיינע קליינע פּערל-שטיק, די קורצע און פייןאָפּגעטאָקטע סיפּורים „לא נחת ביעקב“, „בימי הרעש“, „בימים ההם“, „בישיבה של מעלה“. לעצטנס איז אויך דאָס „ווינשפינגערל“ אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער רענעסאַנס-אַרבעט און איז מגולגל געוואָרן אין „בעמק הבכא“.

דאָס איז געווען אין דער צווייטער העלפט פון די ניינ-

ציקער יאָרן. אחד־העם האָט אַרויסגעגעבן זיין „השלח״ און האָט איינגעלאַדן מענדעלען אַלס הויפּט־מיטאַרבעטער אין דער בעלעטריסטישער אָפּטיילונג. מענדעלע האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן איבערמאַכן דאָס „ווינשפינגערל״ אויף העברעיש. פון דער צייט, ווען דאָס „ווינשפינגערל״ האָט זיך אָפּגעשטעלט אין „פאָלקס־ביבליאָטעק״, האָב איך נישט אויפגעהערט צו דערמאָנען מענדעלען, אַז ער איז מחויב ווייטער שרייבן און פאַרענדיקן דאָס גרויסע ווערק; נאָר ער האָט נישט געקאָנט שרייבן, נישט וויסנדיק ווען און ווו וועט דאָס געדרוקט ווערן. דאָ איז צוהילף געקומען דער „השלח״. נישט באַשערט אין „זשאַר־גאָן״, דאַרף מען שרייבן העברעיש. מענדעלע, וואָס איז אין יענע יאָרן געווען אַריינגעטאָן אין דעם שאַפונגס־פּראָצעס פון דעם ניי־העברעישן סטיל, האָט זיך מיט אַ ברען גענומען צו דער אַרבעט, און דאָ האָט זיך געטראָפן אַ מערקווירדיקע זאַך. ביז וואַנען מענדעלע האָט געהאַט פאַר די אויגן דעם יידישן אָריגינאַל פון די ערשטע טיילן „ווינשפינגערל״, האָט ער גע־מאַכט די העברעישע איבערזעצונג — אָדער געניטער, די אי־בעראַרבעטונג — מייסטערהאַפט און אָן שום שוועריקייטן, אָבער ווען עס איז געקומען צו שרייבן ווייטער אָן דעם יידישן אָרי־גינאַל, האָט ער דערפילט, אַז עס וועט נישט גיין גלאַט. מען קאָן נישט שאַפן אינהאַלט און שפּראַך צוזאַמען, נאָר איינס נאָך דאָס אַנדערע; דעם אינהאַלט מוז מען פריער שאַפן אין דער שפּראַך פון יענעם לעבן, וואָס ווערט געמאָלן אין דעם קונסט־ווערק, און אויף דעם פונדאַמענט קאָן מען שוין בויען דעם סטיל פון דער באַלעבטער העברעישער שפּראַך. אַזוי־אַרום האָט מענדעלע אָנגעהויבן בויען אַ צוויי־גאָרנדיקן בנין.

יעדן קאַפּיטל פלעגט ער צוערשט שרייבן אויף יידיש און דערנאָך איבערזעצן אים אויף העברעיש. דאָרטן האָט ער זיך פאַרטיפט אין דעם תּוך, אין דעם פאָלקס־לעבן, האָבנ־דיק דערצו אַ פאַרטיקע פאָרם אין דער לעבעדיקער פאָלקס־שפּראַך; דאַ האָט ער אַריינגעלייגט דעם פאַרטיקן אינהאַלט

אין אַ ניי־געשאַפענער, באַלעבאַטער העברעישער שפּראַך, ווו ער האָט אָן אויפהער געפיילט די פאָרם. אָפט פלעגט ער מיר לייענען די פּאַרטיקע קאַפּיטלען אין יידיש אָדער העברעיש, נאָך אין דער ערשטער האַנטשריפט, מיט אַסך אויסגעשטרי־כענע ווערטער און גאַנצע שורות, און דאָס האָט מיך אַריינ־געפירט אין דער לאַבאָראַטאָריע פון זיין שאַפן. ער האָט גע־לייענט מיט אַזאַ עקספּרעסיע, אַז נישט נאָר די בילדער — די ווערטער זענען געוואָרן לעבעדיק; מען האָט געזען דאָס געשאַפענע ווערק אָדער אויסדרוק, אַזוי ווי עס האָט זיך אויס־געגאָסן פון דעם מייסטערס גייסט — פריש, גלאַנצעדיק, ניי־געבוירן. מיר ביידע האָבן געפילט, אַז דאָ ווערן געשאַפן נייע ליטעראַרישע פאָרמען לדורות, מוסטערן פאַר קומענדיקע קינסט, ער.

מענדעלעס אַרט שרייבן איז געווען דער היפּוך פון שלום־עליכמס. יענער האָט געקאָנט שרייבן, ווו ער שטייט און גייט — אין טראַם־וואַגאָן, און רעש און גערודער, און אַרבעטן פלעגט ער אָן הכנות, גיך שרייבן אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל. מענדעלע פלעגט זיך פאַרשפאַרן בחדרי־חדרים, אָנגעבויגן אויפן בויגן־פאַפּיר מיט דער פעדער אין האַנט און שעהן־לאַנג געטראַכט ביז ער פלעגט אָנשרייבן אַ שורה. אָט זיצט ער, צוגעטראָגן די האַנטשריפט צו זיינע קורצזיכטיקע אויגן, און קוקט איבער דאָס געשריבענע, האַלטנדיק די פעדער נאָענט, כדי אָן רחמנות אַרויסצוּוואַרפן יעדן נישט פאַסנדן אויסדרוק און אַריינשטעלן אַן אַנדערן. אַ שיינעם משל האָט ער אונז דערציילט, פאַר־גלייכנדיק די דאָזיקע צוויי אַרטן שרייבן: אַ פרוי גייט צו קינד אָפטמאָל אַ פאָר טעג נאָכאַנאַנד; עס ציטערט דאָס גאַנצע הויז, מען גייט אויף די שפּיץ־פינגער. מען שושקעט זיך, מען וואַרט טאָג און נאַכט, ביז וואַנען עס קומט אָן די גליק־לעכע בשורה, אַז די קימפּעטאָרין האָט למזל געבוירן אַ קינד. און אין דער זעלבער צייט זעט מען, ווי אַ הינדעלע זעצט זיך אַוועק אויף אַ ווייל אין אַ ווינקל, טוט זיך אַ קוועטש — און פאַרטיק: געלייגט אַן איי

אין די ערשטע יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט זיך די לאַגע געביטן: יידיש האָט זיך אַ הויב געטאָן. עס האָבן זיך באַוויזן גוטע צייטשריפטן („דער יוד" אין ווארשע און אַנדערע), און אין יאָר 1903 האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין אין פעטערבורג אַ טעגלעכע צייטונג — „דער פריינד". מענדעלע האָט זיך געפילט, ווי אַ בכבודיקער מחותּן אויף אַ חתונה. איינמאָל קום איך אַריין צו אים: ער האַלט אַ בלאַט „פריינד". איך פרעג אים: ווי געפעלט אייך די נייע צייטונג? „גאַנץ גוט — זאָגט ער — אָבער פּאַרוואָס גיבן זיי זיך אַליין אַ פּאַטש אין פּנים?" — און באַווייזט מיר אויף דעם אונטערקעפּל פון בלאַט: „דאָס ערשטע זשאַרגאָנישע טאָגבלאַט אין רוסלאַנד". — „אַרויסגעבער פון אַ יידישער צייטונג רופן אַליין זייער שפּראַך „זשאַרגאָן"! זיי האָבן דאָך געקאָנט פּשוט שרייבן: אַ יידיש טאָגבלאַט". דאָ האָט זיך צום ערשטן מאָל אַרויסגעוויזן די קראַפט פון אַ געשעענעם פאַקט. אָט ערשט האָבן מיר אַלע צווישן זיך באַנוצט דאָס וואָרט „זשאַרגאָן", און מיטאַמאָל האָבן מיר אַלע אָנגעהויבן פיִלן, אַז דאָס פּאַסט נישט, אַז מיר האָבן אַ פאָלקס-שפּראַך: יידיש, אַז מיר מוזן איר געבן דעם נאָמען, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק גיט איר. אַ ייד רעדט „יידיש" און נישט „זשאַרגאָן"... פון יענער צייט איז אַוועק אין אונזער ליטעראַרישער וועלט דאָס וואָרט „יידיש". און דער „פריינד" אַליין האָט אײַנגיכן אַרויסגעוואָרפן דאָס צונעמעניש „זשאַרגאָן".

אין יענער צייט האָט זיך מענדעלע ווידער גענומען צו רעדאַגירן זיינע יידישע ווערק, צוגרייטנדיק אַן אויסגאַבע פון „אַלע כתבים". אין די יאָרן פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, 1905 — 1906, האָט ער געזען, ווי יידיש ווערט אַ שפּראַך פון פּאָליטישע פּאַרטייען, וואָס קלינגט אין פאַרזאַמלונגען און מיטינגען. וווינענדיק אַ פּאָר יאָר אין דער שווייץ נאָכן אָדעסער פּאָגראָם, האָט זיך מענדעלע געקאָנט איבערציַיגן, וואָס פאַר אַ גרויסע השפּעה עס האָבן געהאַט זיינע יידישע געשריבענע ווערק ביי דער דעמאָקראַטישער יוגנט,

וואָס האָט שטודירט אין די אויסלענדישע הויכשולן. דער גרוי־
סער טריומף, וואָס מען האָט אים געמאַכט אין יאָר 1909, ווען
ער איז דורכגעפאָרן וואַרשע, לאָדזש, ביאַליסטאָק און אַנדערע
שטעט, האָט אים באַוויזן, אַז עס וואַקסט אַ דור, פאַר וועמען
„יידיש" איז שוין נישט עפּעס אַ „זשאַרגאָן", נאָר אַן אמתע
ליטעראַטור־שפּראַך. ווען איך בין געקומען קיין אָדעס אין סוף
פון יענעם יאָר, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך נישט געזען מער
ווי זעקס יאָר, האָב איך באַמערקט אַ טשעקאַווע זאַך: דער
זיידע פלעגט אָפטמאָל אין אונזערע שמועסן אַריבערגיין פון
רוסיש אויף יידיש, און גערעדט האָט ער אַזוי שיין, אין אַזאַ
ריינער, נישט געקינצלטער פאָלקס־שפּראַך, אַז מיר פלעגן ביידע
פירן דעם ווייטערדיקן שמועס אויף יידיש, פאַרגעסנדיק, אַז
13 יאָר נאָכאַנאַנד האָבן מיר גערעדט נאָר רוסיש. אונזער
חברה — ביאַליק, ראַווניצקי און אַנדערע פריינד — האָט מיטן
זיידן אין יענע יאָרן גערעדט כמעט נאָר יידיש.

ער האָט אין יענער צייט געשריבן זיין וווּנדער־שיין
אויטאָביאָגראַפיש ווערק „שלמה ר' חיימס", געשריבן גלייכצײ־
טיק אין יידיש און העברעיש. אין די לעצטע יאָרן פון זיין
לעבן האָט ער זיך מיט אַ באַזונדערן ברען גענומען צו אי־
בעראַרבעטן אַלע זיינע ווערק אויף העברעיש. אין דער באַ־
נייטער נאַציאָנאַלער שפּראַך, אין וועלכער ער האָט אַריינגע־
לייגט אַ שטיק לעבן, האָט ער געזען זיין השארת הנפש. ער
האָט אַפילו איבערגעמאַכט זיין יוגנטלעכן ראָמאַן „האבות
והבנים" פון דעם מליצהדיקן לשון־קודש אין זיין נייעם העב־
רעישן סטיל.

אָט אַזוי האָבן זיך ביי מענדעלען צוזאַמען געלעבט
צוויי שוועסטער־שפּראַכן: העברעיש און יידיש, נישט רייסנ־
דיק זיך איינע מיט דער אַנדערער. מענדעלע איז געווען
נישט העברעיסט און נישט יידישיסט, אָבער ער האָט געשאַפן
אַ נייעם ליטעראַרישן פונדאַמענט פאַר ביידע שפּראַכן.

---

# זכרונות

## שלום-עליכם

# שלום-עליכם אין די אכציקער יאָרן *)

דאָס איז געווען אין יענע אומעטיקע צייטן, אין די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. אין אונזער דערשלאָגענער ליטעראַטור, וואָס איז געוואָרן רייך אין שפּראַכן און אָרעם אין אינהאַלט, האָבן זיך באַוויזן די ערשטע סימנים פון אויפלעבונג, נאָר דאָס ביסל נייע איז נאָך געווען אַזוי טונקל און האָט נאָך געדאַרפט אויסהאַלטן אַ שווערן קאַמף מיט דעם אַלטן ליטעראַרישן נוסח. אין דער העברעישער ליטעראַטור האָבן נאָך געוועלטיקט די „בעלי מליצה" מיט זייער מבול ווערטער און טרוקענע געדאַנקען. אין דער פאָלקס-ליטעראַטור אויף יידיש האָט געפירט דאָס רעדל שמ"ר מיט זיינע „העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען", און אין דער דאָזיקער בלאָטע זענען שיער נישט פאַרפלייצט געוואָרן די געזונטע זוימען, וואָס ס'האָט געזייט מענדעלע מוכר-ספרים.

אויסגעוואַקסן איז דענסטמאָל נאָר די יידישע ליטעראַטור אין דער רוסישער שפּראַך. פרוג האָט צוגענומען די דיכטער-קרוין פון יהודה-לייב גאָרדאָנס קאָפּ. אין די פעטערבורגער זשורנאַלן פון יענער צייט זענען אַרויסגעטראָטן נאָך עטלעכע נייע קרעפטן. ביי אַלע פעלערן פון אונזער ליטעראַטור אין רוסיש האָט זי דאָך געהאַט איין גרויסע מעלה: אַן אייראָ-

---

*) געשריבן אין דעם יאָר פון שלום-עליכמס טויט. געדרוקט אויף רוסיש אין „יעווריעיסקאיא סטאַרינא" (1916) און יידיש אין ניגער-צינבערגס זאמלבוך „צום אָנדענקען פון שלום-עליכם (פּעטערבורג 1917).

פּעישן קריטעריום אָפּצושאַצן ליטעראַרישע ווערק און אָפּטיילן אמתע שאַפונג פון פאַלשע בלענדווערק אָדער בטלנות. די נייע קריטיק האָט זיך דאַן פאַרנומען מיט ריייניקן די שטאַלן פון דער נייער העברעישער און יידישער ליטעראַטור. מיר איז באַשערט געווען אָנטייל צו נעמען אין דער דאָזיקער ריייניקונגס־אַרבעט, און „קריטיקוס" (מיין פּסעוודאָנים) פ׳עגט אָפּטאָן די מלאכה מיט גרויס התמדה אין „וואָסכאָד" פון די אַכציקער יאָרן. אָט קומט אָן פון דער רעדאַקציע אַ פּעקל נייע ביכער; מען דאַרף שרייבן וועגן זיי רעצענזיעס. הויבסטו אָן זוכן אין דעם הויפן מיסט, אפשר געפינט זיך דאָרטן אַ פּערל, אַ פונק פון אַן אמתן טאַלענט, אַ סימן פון ערנסטער ליטעראַרישער שאַפונג, — אָבער זעלטן־זעלטן טרעפט זיך אַזאַ מציאה.

זומער־צייט פונם יאָר 1887 האָב איך געפירט אַ גאַנצע מלחמה מיט די ראָמאַנען־מאַכערס פון שמ"רס חברה און מיט אַ׳ערליי דילעטאַנטישע מחברימלעך איןביידע אונזערע שפּראַכן. איינמאָל קוק איך איבער די ביכער, וואָס די רעדאַקציע האָט מיר צוגעשיקט, און געפין דאָרט אַ קליין העפט: „דאָס מעסערל — אַ טרויעריקע מעשה פון די קינדער־יאָרן", — אַ סעפּעראַט־אָפּדרוק פון דעם פּעטערבורגער „יודישן פאָלקסבלאַט",— אונטער אַ פריילעכן פּסעוודאָנים „שלום־עליכם". עפּעס ווי אַ פּר׳ש ווינטעלע האָט אויף מיר אַ בלאָז געטאָן פון אָט די עטלעכע בלעטלעך, פון דער טרויעריקער קינדער־מעשה, וואָס איז לעבעדיק, הומאָריסטיש געשריבן. איך האָב דאָס אַרויסגעזאָגט אין מיין קריטישן איבערבליק אין יולי־העפט פון „וואָסכאָד". אויף שלום־עליכמס „מעסערל" האָב איך אָנגעוויזן, ווי אויף אַ יוצא מן הכלל, ווי אויף „אַ לעבעדיקן גראָשן אין אַן אָרימאַנס טאָרבע". שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אָט די עט׳עכע ווערטער פון דעם יונגן „קריטיקוס" האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם יונגן הומאָריסט, האָבן אים צוגעגעבן חשק צו זיין אַרבעט.

אין אַ יאָר אַרום האָט זיך שלום־עליכם אָנגעהויבן דורכ־

שרייבן מיט מיר וועגן ליטעראַרישע ענינים. ער האָט דאַן געוווינט אין קיעוו. איך האָב גראָד פאַרבראַכט עטלעכע טעג אין דער דאָזיקער שטאָט אין האַרבסט פון יאָר 1887, נאָר מיט שלום־עליכמען האָב איך זיך נישט באַגעגנט. ערשט איבער־אַיאָר זומער האָב איך באַקומען פון קיעוו אַ בריוו מיט דער פירמע: סאָלאָמאָן נאומאָוויטש ראַבינאָוויטש (אויף רוסיש) און מיט דער אונטערשריפט „שלום עליכם״, און מיט דער זעלבער פּאָסט זיין „בינטעל בלומען — ליעדער אין פּראָזאַ״. פון יענער צייט אָן, אין משך פון אַ פּאָר יאָר, פלעגט שלום־עליכם מיר אָפט שרייבן בריוו וועגן זיינע ליטעראַרישע פּלענער, באַזונדערס וועגן זיינע צוויי ראָמאַנען, וואָס ער האָט דאַן געשריבן — „סטעמפּעניו״ און „יאָסעלע סאָלאָוויי״, וועגן דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק״ — אַ גרויסן זאַמלבוך, וואָס ער האָט אָנגעהויבן אַרויס־צוגעבן אין יאָר 1888, א.ד.גל. ער פלעגט זיך אָפט קלאָגן אויף זיינע שונאים — די „פיינד פון זשאַרגאָן״, באַזונדערס אויף ישראל לעווי, דעם פּעטערבורגער דרוקער, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דאָס „יודישע פאָלקסבלאַט״, אינאיינעם מיט צע־דערבוימען. אין דעם „בלאַט״ גופא האָט שלום־עליכם עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד געדרוקט זיינע ערשטע דערציילונגען, אָבער נאָכדעם ווי דער מיטאַרבעטער פון „פאָלקסבלאַט״ איז אַליין געוואָרן אַ רעדאַקטאָר פון אַ יאָרבוך, האָט מען אים אָנגע־הויבן זידלען אין „פאָלקסבלאַט״, און בכלל דעם „זשאַרגאָן״ און די גאַנצע נייע יידישע ליטעראַטור. אָט איז געווען אי־בערהויפּט אַ משונהדיקע זאַך: אַ יידישע, „זשאַרגאָנישע״, צייטונג האָט זיך געשטעלט אַ ספּעציעלע אויפגאַבע — באַ־וויזן דעם פאָלק דורך „זשאַרגאָן״ דווקא, אַז דאָס איז גאָר קיין שפּראַך נישט, נאָר גלאַט אַזוי עפּעס אַ צרה, אַ צוטשע־פּעניש, וואָס מען מוז פון איר פּטור ווערן צוליב דער אַל־טער נאַציאָנאַלער שפּראַך, אָדער דער רוסישער מלוכה־שפּראַך *). איך האָב דאַן געשריבן אין „וואָסכאָד״ אַ פּאָר פּרינציפּיעלע

*) זע אויבן: „פון זשאַרגאָן צו יידיש“, קאַפּיטל I.

אַרטיקלען וועגן דער באַדייטונג פון דער יונגער נייער פאָלקס־ליטעראַטור, — האָט מען מיך, דאַכט זיך, אויך אין „פאָלקס־בלאַט" באַשפּייט.

צוויי יאָר האָט געדויערט אונזער בריוו־בייט מיט שלום־עליכמען (אין דער רוסישער שפּראַך, אין וועלכער ער אַליין האָט אָנגעהויבן צו שרייבן זיינע בריוו), און אויפן דריטן יאָר האָבן מיר געמאַכט פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט. זומער אין יאָר 1890 איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין קיעוו ביי דעם באַרימטן אויגן־דאָקטאָר מאַנדעלשטאַם. איך האָב באַנוצט די געלעגנהייט און אָנגענומען די פריינדלעכע איינלאַדונג פון שלום־עליכמען — פאַרברענגען ביי אים אַ וואָך־צוויי אויף זיין זומער־וווינונג אַרום קיעוו.

דאָ האָב איך זיך ערשט צוגעקוקט צו שלום־עליכמס אויסנווייניקסטן לעבן. איך האָב אים געזען אין זיין רייכער שטאָט־קוואַרטיר, אויף דער יעליזאַבעטישער גאַס אין קיעוו, און אין דער פּרעכטיקער דאַטשע, אין גרויסן סאָסנע־וואַלד פון באָיאַרקע. שלום־עליכם האָט דאַן איבערגעלעבט די לעצטע צייט פון זיין באַלעבאַטישן גליק. ער איז געווען פאַרטון אין בערזע־געשעפטן, אין די לופט־עסקים, וואָס ער האָט שפּעטער אַליין אויסגעלאַכט אונטער דעם נאָמען יכנה"ז. פון דעם קאַפּיטאַל, וואָס ער האָט אין עטלעכע יאָר אָנגעקליבן, האָט ער שוין אַ היפּש ביסל אָנגעוווירן ביי פאַרשידענע בערזע־אָפּעראַציעס, און אין דעם זומער, ווען איך בין ביי אים געווען צו גאַסט, איז ער שוין געווען נאָענט צו אַ יורד. אין אונזערע לאַנגע שמועסן, ביים שפּאַציר־גאַנג צווישן די גרויסע אַלעען, האָט מיך שלום־עליכם אַביסל באַקאַנט געמאַכט מיט זיין שווערער לאַגע און מיט די בערזע־קונצן בכלל. אָפּטמאָל פלעג איך אים זען אַ צעטראָגענעם, מיט אַ קאָפּ־ווייטיק, מיט נאַסע האַנטיכער אויפן קאָפּ. אָבער אַפילו אין דער צייט האָט אים זיין געוויינטלעכע הומאָריסטישע שטימונג נישט פאַרלאָזן, דער לאַכעדיקער שלום־עליכם האָט זיך פעסטער איינגעוואָרצלט אין מיין זכרון, איידער דער טרויעריקער...

אין די צוויי וואָכן, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אַרום קיעוו, האָבן מיר איבערגעשמועסט וועגן אַלע ליטעראַרישע און פּאָליטישע אינטערעסן פון יענער צייט. דאָס איז געווען אַ שווערער זומער פאַר יידן: די פינצטערע יידן־פיינטלעכע רעאַקציע האָט געהאַלטן אין רעכטן ברען. עס איז געווען נאָענט צו גירוש־מאָסקווע און צו דער גרויסער עמיגראַציע פון יאָר 1891. דערווייל פלעגט מען יידן פאַרפינצטערן דאָס לעבן מיט צירקולאַרן פון גובערנאַטאָרן, מיט אָרטיקע גזרות, למשל, ווי אָפּצוגעבן כבוד נאַטשאַלסטווע, אַראָפּנעמען דאָס היטל פאַר אַ גובערנאַטאָר, אַן איספּראַווניק און גלאַט אַ טשינאָווניק. איך האָב דענסטמאָל געפירט קעגן אַזעלכע מיאוסע מעשים אַן אַנאָ־נימע אַגיטאַציע אין דער רוסישער פּרעסע (פון דאָרטן איז דער קאַמף אַריבערגעגאַנגען אין די אויסלענדישע צייטונגען), און עס איז געוואָרן אַ רעש. ביים שמועסן וועגן אַזעלכע ענינים איז אַפילו שלום־עליכם נישט אַלעמאָל געווען הומאָריסטיש געשטימט.

איינמאָל, אין דער וואָך פון תשעה באב, זיצן מיר אַזוי שפּעט אין אָוונט אויפן באַלקאָן פון שלום־עליכמס דאַטשע און שמועסן זיך שטילערהייט. עס איז שוין געווען אַרום האַלבע נאַכט. מיטאַמאָל הויבט זיך אויף שלום־עליכם און זאָגט צו מיר: „הערט, וואָס איך וועל אייך פאָרלייגן. לאָמיר איינער דעם אַנדערן געבן אַ וואָרט, אַז אין צען יאָר אַרום, אויב מיר וועלן נאָך זיין אויף דער וועלט, וועלן מיר זיך צונויפפאָרן, ווי ווייט מיר זאָלן נישט זיין איינער פון דעם אַנדערן און אין וואָסער לאַגע מיר זאָלן נישט זיין אין יענער צייט". מיר איז געפעלן געוואָרן דער שיינער ראָמאַנטישער איינפאַל, און איך האָב גלייך מסכים געווען. „נו, — מאַכט צו מיר שלום־עליכם, — לאָמיר אונזערע התחייבות אַוועקשטעלן אין אַ כּתב". מיר האָבן גענומען אונזערע וויזיט־קאַרטלעך און אויפגעשריבן אויף יעדערער די דאָזיקע ווערטער (אויף רוסיש און צום סוף העברעיש):

„פאַרטיפט אין טרויעריקע געדאַנקען וועגן דעם, וואָס

איז באַשערט איבערצולעבן דער מענטשהייט בכלל און אונזער לײדנדן פאָלק בפרט, האָבן מיר אָפּגעמאַכט צווישן זיך און געגעבן אַ וואָרט, צום אָנדענק פון דעם דאָזיקן מאָמענט, אַז מיר זאָלן זיך נישט אַנדערש זען איינער מיט דעם אַנדערן אין צען יאָר אַרום, אין אָנהויב פון דעם צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט. ווען מיר נאָך דערלעבן? Memento mori 18 יולי 1890. נכתב ונחתם בארבעה עשר יום לירח המר והנמהר *) אב, בשנת צרה ומצוקה תר״ן. ש. דובנאָוו. ש. ראַבינאָוויץ״. — „איך בין אַן עדות. אָלגאַ ראַבינאָוויץ״ **).

שפּעטער האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ביי שלום־עליכמען איז אפשר געווען נאָך אַ כוונה, בשעת ער האָט געמאַכט זיין אָריגינעלן פאָרשלאַג: ער האָט פון טאָג צו טאָג געוואַרט אויף אַ שווערן פינאַנציעלן קריזיס, וואָס האָט געדאַרפט אויס־ברעכן ביי נישט גאָר פאַסיקע באַדינגונגען פאַר אים, ווי פאַר אַ געשעפטסמאַן (ווי עס האָט זיך טאַקע דערנאָך אַרויסגעוויזן),— האָט ער מורא געהאַט, טאָמער ווען זיך פון אים דענסטמאָל אָפּזאָגן פון אים זיינע ליטעראַרישע פריינט. ער האָט אפשר געוואָלט אויספּרוּוון, ווי שטאַרק איז אונזער ריין־ליטעראַרישע פריינטשאַפט, צי וועל איך נישט צושטיין צו יענע, וואָס וועלן אים שולדיק מאַכן... דאָס איז געווען אַן אומזיסטע זאָרג.

אין אַ קורצער צייט נאָך מיין אַוועקפאָרן פון קיעוו, באַקום איך פון שלום־עליכמען אַ בריוו, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „אייער צעשפּאָלטענער פריינט... האָט זיך אַ גליטש געטאָן — און איז פאַרפאַלן, פאַרפאַלן פאַר דער וועלט פון גאָלד און פאַפּיר״. איך האָב פאַרשטאַנען ווען וואָס עס רעדט זיך דאָ. אין יענער צייט (האַרבסט 1890) בין איך געווען אין פּעטערבורג, און אַז איך בין שפּעטער געקו־מען אין אָדעס, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז שלום־עליכם איז

*) אין דער דאָזיקער העברעישער פראַזע האָבן מיר מיט אַ כוונה אריין, געהאַקט אַ פּאָר מליצה־ווערטער [פון וועלכע מיר האָבן דענסטמאָל חוזק געמאַכט.

**) שלום־עליכמס פרוי.

געוואָרן באַנקראָט און האָט געמוזט אַוועקפאָרן פון קיעוו ער-געץ קיין אויסלאַנד. אין אָדעס האָב איך באַגעגנט זיינע ווייב און קינדער, און עטלעכע חדשים אַרום איז געקומען פון רו-מעניע אונזער „נעלם" אַליין. נאָך דעם קיעווער אויפפיר פון אַן אויפגעקומענעם נגיד, האָב איך דאָ געזען די גאַנצע משפחה אין דער לאַגע פון געפאַלענע באַלעבאַטים...

קלאָר איז געבליבן אין מיין זכרון דער זומער פון יאָר 1891. מיר האָבן זיך באַזעצט אין אָדעסער זומער-ווינונגען נישט ווייט איינער פון דעם אַנדערן; שלום-עליכם אויף דעם גרויסן פאָנטאַן, און איך — עטלעכע ווערסט ווייטער, אין דער דייטשער קאָלאָניע לוסטדאָרף. די פאָסט פלעגט אָנקומען אין מיין דאָרף נישט רעגולער; דערום האָב איך איינגעאָרדנט, אַז מיין קאָרעספּאָנדענץ זאָל גיין דורך שלום-עליכמס הענט, און ער זאָל מיר זי צושיקן יעדן טאָג דורך אַ בעל-עגלה — דעם קוטשער פון אָמניבוס אָדער „לינייקע", וואָס פלעגט קור-סירן צווישן פאָנטאַן און לוסטדאָרף. מיר פלעגן אָפט זיין איי-נער ביים אַנדערן, באַזונדערס אין יענע טעג, ווען עס פלעגט זיך פאַרקלייבן צו אונז פון שטאָט די גאַנצע חברה אונזערע מיט מענדעלע מוכר-ספרים בראש. אין די טעג, ווען מיר האָבן זיך נישט געזען מיט שלום-עליכמען, פלעגן מיר שרייבן איינער דעם אַנדערן „בריוולעך" אויף אַ באַזונדערן לשון, — ווי עס איז אָפּגערעדט געוואָרן צווישן אונז, — נאָך דעם נוסח פון די צוויי חסידים אין „מגלה טמירין", ד. ה. אויף זשאַרגאָניזירטן לשון קודש, צו וואָס מיר האָבן נאָך צוגעגעבן אַלערליי מליצה-פראַזעס פון די נייע העבּרעיסטן. אונזער הו-מאָריסטישע קאָרעספּאָנדענץ איז געגאַנגען דורך דעם „לינייש-טשיק" — דעם קוטשער פון אָמניבוס, אויפן דרך פון די אַלטע חסידים, וואָס פלעגן שיקן זייערע בריוו דורך „כאָדאַקעס" אָדער בעלי-עגלות. ביי מיר איז נאָך ביז איצט געבליבן אַ פּאָר צענדליק אַזעלכע „בריוולעך" פון שלום-עליכם, ווו אַחוץ ליצנות און גלאַט שפּאַס-מאַכעריי געפינען זיך אויך געלונגענע

הומאָריסטישע שטיקלעך.*) אַזוי האָבן מיר זיך פריילעך גע־מאַכט אין יענער פינצטערער צייט...

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך זיך מיט שלום־עליכמען נישט באַגעגנט. ער האָט זיך אומגעקערט קיין קיעוו און כּמעט אינגאַנצן אַריינגעלאָזט זיך אין דאגת פּרנסה.

...אין זומער פון יאָר 1900 האָט זיך געענדיקט דער צעניאָריקער טערמין, ווען (.ויט דעם אָפּמאַך אין באָיאַרקע) מיר האָבן זיך געדאַרפט צונויפפאָרן. שלום-עליכם האָט מיר צוגעשיקט אַ קאָפּיע פון אונזער „קשר" און האָט פאָרגעלייגט, אַז אונזער באַגעגעניש זאָל פאָרקומען אין דעם וואַ־דהויז, ביים דניעפּער, אין מינסקער גובערניע, ווו איך פ׳ עג פאַרברענ־גען זומער־צייט צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר ליטעראַטן. צום בריוו האָט שלום-עליכם צוגעלייגט אַ הומאָריסטישע „פּראָגראַמע פון דעם פּאַראַד, וואָס דאַרף פאָרקומען ביי דער באַגעגעניש פון צוויי יידישע שרייבערס". מיר האָבן שוין אַלץ צוגעגרייט צום „פּאַראַד" און געוואַרט אויף דעם ליבן גאַסט, נאָר ער איז נישט געקומען: ערשטנס, זענען די דאַמפּערס נישט גע־גאַנגען, און דערנאָך האָבן אים נישט געלאָזן פאַמיליע־אָנגע־לעגנהייטן. אונז איז אויסגעקומען צו זען זיך שוין שפּעטער, און דער פּאָעטישער פּלאַן פון זומער 1890 איז, דאַכט זיך, אויסגעפירט געוואָרן „אין אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונ־דערט" גאָר נישט יום־טובדיק...

עס זענען ווייטער אַריבער עטלעכע יאָר — מיטאַמאָל, צום סוף יאָר 1903, באַקום איך פון שלום־עליכמען אַ פּאָר שיינע בענד פון זיינע „געזאַמלטע ווערק", וואָס האָבן זיך דאַן געדרוקט אין קראָקע מיט אַ רירנדער אויפשריפט, וואָס האָט מיר דערמאָנט די יונגע יאָרן. צו די ווערטער פון דער אויפ־שריפט: „פון דעם דאַנקבאַרן מחבר" איז געווען צוגעשריבן אַ באַמערקונג: „דעם ערשטן אימפּולס און דעם ערשטן געדאַנק צו פירן ווייטער מיין ליטעראַרישע טעטיקייט האָט מיר געגעבן

*) זע אויבן: „פון זשאַרגאָן צו יידיש", קאַפּיטל IV.

די רעצענזיע פון „קריטיקוס” אין „וואָסכאָד” וועגן מיין ערשטן שטיקל אַרבעט — „דאָס מעסערל”. אָט דעם צופאַל דאַרף איך באמת דאַנקען מיין גאַנצער ליטעראַרישער קאַריערע”. לייענענדיק די עטלעכע שורות, ווו מיין ראָלע איז זעלבסטפאַרשטענדלעך צו הויך געשאַצט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מיין אַלטער פריינט האָט דאָס געשריבן אין אַ שווערן מאָמענט פון לעבן, ווען די זכרונות פון יונגע יאָרן שפּאַרן אָן אויפן האַרצן און די נשמה זינגט „אל מלא רחמים” דער פאַרגאַנגענהייט...

און די צייט איז טאַקע געווען אַ שווערע פאַר שלום-עליכמען. די אַרויסגעבער פון זיינע ווערק פלעגן אים צאָלן דאַן האָנאָראַר, פון וועלכן מען האָט געקאָנט לעבן ווי אַמאָל דער צדיק רבי חנינא בן דוסא. בעת עס האָט זיך געגרינדעט דער „פריינד” אין פעטערבורג, איז געווען אַ האָפענונג אויף שטענדיקער אַרבעט אין דער דאָזיקער צייטונג. מיט אַזאַ האָפענונג איז שלום-עליכם פאַרפאָרן צו מיר קיין ווילנע אויף זיין וועג קיין פעטערבורג (אין האַרבסט 1904), נאָר פון דעם איז גאָרנישט אַרויסגעקומען.

דער אָקטאָבער-פּאָגראָם 1905 האָט אַרויסגעשטופּט שלום-עליכמען פון קיעוו. ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד און פאַרקראָכן אַזש אין אַמעריקע. דאָרטן האָט מען דעם באַליבטן הומאָריסט באַגעגנט בקול-י-קולות — מיט אָוואַציעס, באַנקעטן א.ד.ג. (ער האָט מיר אַ פּאָר מאָל געשריבן וועגן דעם, צולייגנדיק אַרטיקלען פון אַמעריקאַנער יידישע צייטונגען, ווו עס זענען געווען באַשריבן די „שמחות”). פון דעם אַמעריקאַנער רוישנדיקן צייטונגס-יריד איז שלום-עליכם צוריקגעקומען אַהיים. דאָ האָט ער אָנגעהויבן אַרומפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך און לייענען זיינע ווערק אויף פאַרשידענע פאַרזאַמלונגען, וואָס זענען מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן בשעת דער פרייהייטס-באַוועגונג. ער האָט דאָס געטאָן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז אין איין שטעטל איז ער געפעלעך קראַנק געוואָרן. מיר האָבן באַקומען די טרויעריקע ידיעה אין פעטערבורג אין יאָר 1907,

און דאָ האָט מען אַלץ, וואָס עס איז מעגלעך געווען, געטאָן צוזאַמען מיט עטלעכע כּלל-טוער אין וואַרשע און קיעוו, כּדי אַוועקצושיקן דעם קראַנקן אין איטאַליע און אויסקויפן זיינע ווערק ביי די אַלטע ארויסגעבערס, וואָס האָבן אים ממש באַגזלט.

עטלעכע יאָר האָט שלום-עליכם פאַרבראַכט אין איטאַליע און אין דער שווייץ. זיין געזונט איז בעסער געוואָרן, זיינע ווערק זענען געוואָרן אַלץ מער באַליבט ביים עולם; מען האָט זיי אָנגעהויבן איבערזעצן אין רוסיש און אַנדערע שפּראַכן, זיין מאַטעריעלע לאַגע איז אויך פעסטער געוואָרן... מיטאַמאָל קומט אים אין זינען ווייטער פאָרן קיין רוסלאַנד לייענען זיינע ווערק אין אַ צענדליק שטעט. אַרום שבועות 1914 קומט שלום-עליכם אָן אין פעטערבורג, שוין פאַרמאַטערט פון „גאַסטראָלן" און באַנקעטן אין עטלעכע גרויסע שטעט. דאָ האָב איך אים באַזוכט (ער האָט אַפילו קיין כּוח נישט געהאַט אַריינקומען צו מיר) אין האָטעל „אַסטאַריאַ", ווו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט זיין פרוי.

אין אַ העלן זומער-טאָג זיצן מיר אין אַ צימער פון דעם פּרעכטיקן גרויסן האָטעל, וואָס זשומעט, ווי אַ בינשטאָק. דורך דעם אָפענעם פענצטער קוקט אַריין דער גאָלדענער קופּל פון איסאַקיען-קלויסטער, עס הערט זיך דער ליאַרעם פון דער מאָרסקאַיאַ גאַס, — און מיר זיצן דאָ און דערמאָנען אַלטע צייטן. אַז מיר האָבן זיך שוין גענוג אָנגערעדט וועגן טאָג-פראַגעס, הויבט שלום-עליכם מיטאַמאָל דערציילן, אַז ער שרייבט שוין זיין אויטאָביאָגראַפיע, און באַלד טאַקע דערמאָנט ער עטלעכע עפּיזאָדן, וואָס זענען נוגע צו אונזביידן. שטיל האָט זיך געזעגנט זיין געשפּרעך, עפּעס ווי אַ ווידוי: „איך געדענק נאָך דעם איינדרוק, וואָס ס'האָט געמאַכט אויף מיר אייער רעצענזיע וועגן „דאָס מעסערל"... און איר געדענקט אונזערע שמועסן אין באָיאַרקער וואַלד, אונזער אָפּמאַך צונויפפאָרן זיך אין צען יאָר אַרום? אָט זיצט דאָך דער עדות, וואָס האָט געחתמעט אונזער „קשר" — זאָגט ער, באַווייזנדיק

אויף זיין פרוי, וואָס איז דערביי געזעסן. און געדענקט איר נאָך די חסידישע קאָרעספּאָנדענץ צווישן פּאָנטאָן און לוסט־דאָרף ?.. דאָס וועט אַלץ פאַרצייכנט ווערן אין מיין לעבנס־באַשרייבונג״... עפּעס ווי שלום־עליכם האָט געפילט, אַז דאָס איז אונזער לעצטע באַגעגעניש אין לעבן...

און דאָס איז טאַקע אַזוי געווען. אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה. שלום־עליכם איז דעמאָלט געווען אין אַ קוראָרט אין דייטשלאַנד. דער וועלט־שטורעם האָט אים אַ וואָרף געטאָן אין קאָפּענהאַגן, און פון דאָרטן אין אַמעריקע... דאָ האָט זיך געענדיקט די טרויעריקע לעבנס־דראַמע פון אונזער „פריילעכן הומאָריסט.

*

דאָס לעבן איז אויסגעגאַנגען, איידער די לעבנסבאַשרייבונג איז געווען פאַרענדיקט (אין זיין „פונם יאַריד״ האָט שלום־עליכם באַוויזן צו דערציילן נאָר וועגן זיין קינדהייט און יוגנט אין דער פאַר־ליטעראַרישער צייט). אָבער גרויסע שטיקער אויטאָביאָגראַפיע ליגן באַגראָבן אין שלום־עליכמס טויזנטער בריוו: ער איז דאָך, ווי באַקאַנט, געווען אַ גרויסער בריוו־שרייבער. אַלס דערגאַנצונג צו מיינע זכרונות, וויל איך דאָ ברענגען זיינע בריוו צו מיר פון די יאָרן 1888—1890, פון יענע יאָרן, ווען דער יונגער אָדלער האָט צו־ערשט צעשפּרייט זיינע פליגלען אונטער אונזער ליטעראַרישן הימל. אונזער קאָרעספּאָנדענץ האָט אַ שייכות צו דעם ערשטן, שטילן קאַמף פון דער פאַרשטויסענער פאָלקס־שפּראַך פאַר אַן אָרט אין דער מאָדערנער ליטעראַטור. פון עטלעכע בריוו זע־נען דאָ אויסגעשלאָסן יענע ציטאַטן, וואָס זענען שוין אַרויס־גענומען פון זיי אין דעם אויבן־געדרוקטן פערטן קאַפּיטל „פון זשאַרגאָן צו יידיש״, ווי ס׳איז פאַרצייכנט ווייטער אין באַזונדערע באַמערקונגען צו אַזעלכע ערטער. אַלע בריוו זענען דאָ איבערגעזעצט פון דעם רוסישן אָריגינאַל. ווו ס׳איז נויטיק, זענען דאָ געמאַכט דערקלערנדע באַמערקונגען.

# די בריוו פון שלום-עליכמען צו שמעון דובנאָוון

(1890—1888)

№ 1

קיעוו, דעם 29 מאַי 1888 י.

ביילייגנדיק דערביי מיין חיבור „דאָס בינטל בלומען" אָדער „דער בוקעט", פ ע ר ז ן  א י ן  פ ר אָ ז ע (אין דער יידישער שפּראַך דער ערשטער פּרווו צו שרייבן אַזעלכע לידער, וואָס דערפירט די שפּראַך צו פולשטענדיקייט, נישט אָנקומענדיק נישט צו קיין דייטשע, נישט צו קיין רוסישע אויסדרוקן און ווערטער), בעט איך אייך צו געבן וועגן דעם אַ פּאָר ווערטער אינם נאָענטסטן בוך פון „וואָסכאָד"*).

עס איז נישט באַשערט געווען, מיר זאָלן זיך דאָ טרעפן; ערשט ווען איר זענט אָפּגעפאָרן, האָט מיר ה' קאַלמענסאָן איבערגעגעבן, אַז איר זענט געווען אין קיעוו; כ'האָב געהאַט מיט אייך אַסך צו רעדן, דער עיקר וועגן מיין אונטערנעמונג — אַרויסצוגעבן אַ יידישן זשורנאַל אין זשאַרגאָן.

עס וואָלט זיך אויך שטאַרק געוואָלט זאָגן אייך אַ פּאָר ווערטער מכּוח אייער אַרבעט „די געשיכטע פון חסידיזם". די מעשה, פאַרשטייט איר מיך, באַשטייט אין דעם, וואָס דאָ איז

*) אַ קורצע ידיעה וועגן דעם דאָזיקן בוך איז דערשינען אין דער אָפּהאַנדלונג „וועגן דער זשאַרגאָן-ליטעראַטור" (וואָסכאָד, 1888, בוך X, זייטן 21—22)

פאַראַן אַ גאַנץ אָריגינעלע פערזאָן (מיינער אַ גוטער באַקאַנ־טער), וואָס טענהט, אַז איינער פון די איידעלע צווייגן פונם בעש״ט האָט זיך געשמדט און האָט אַ לאַנגע צייט געדינט אין פעטערבורג, ווי אַ באַאַמטער פון עפּעס אַ דעפּאַרטאַמענט. איך ווייס נישט, אויף ווי ווייט אַזאַ מין פאַקט איז אַן און פאַר זיך אינטערעסאַנט פאַר אייער אַרבעט, ווייל אייער „הקדמה״ באַצייכנט נישט גענוג קלאָר דעם כאַראַקטער פון אייערע ווייטערדיקע אַרבעטן.

ביז אייער ליבנסווירדיקן ענטפער פאַרבלייב איך מיט אמתער אַכטונג

שלום-עליכם

№ 2

קיעוו 4.VII.88

אייער פריינטלעכן בריוו פון 28-טן יוני דערהאַלטן און איך אייל זיך אייך צו ענטפערן, אַז דער בעל־דבר, ביי וועלכן איר ווילט באַקומען ידיעות וועגן די צדיקים, איז לחלוטין נישט אַזאַ מין סאָרט מענטש, וואָס זאָל זיך אַראָפּלאָזן צו אונ־זער חברה פעדער־שמירער און איבערגעבן אייך ידיעות. נאָר אַדאַנק דעם אָרט, וואָס איך פאַרנעם, ברוך השם, צווישן דער היגער אַרכי־פּלוטאָקראַטיע, קאָן איך, אויף אַ קרומען וועג, אַרויסקוועטשן פון אים אַלץ, וואָס איר דאַרפט. און דווקא צופעליק, זייטיק, אגב-אורחהדיק, — וואָס איך זאָג אייך טאַקע צו מקיים צו זיין אויפן סאַמע בעסטן אופן.

אין מיין „זאַמלבוך״ איז פאַראַן איין אינטערעסאַנטע אָפּהאַנדלונג מכוח דער גאַנצער חסידישער כיתה, און זי וועט, דוכט מיר, האָבן פאַר אייך אַ געוויסן ווערט, די אַרבעט האָט אָנגעשריבן דער באַוווסטער קריטיקער־סאַטיריקער מ. א. שאַצ־קעס. ווען איר וועט זיין אין קיעוו, בין איך צו אייער דינסט.

ביים סוף האָב איך צו אייך אַ בקשה. איר פאָרט דאָך

קיין קיעוו צו מאַנדעלשטאַמען *). די שטאָט קיעוו איז אַ היי־
ליקע שטאָט, און דעריבער איז זי נישט איבעריק גאַסטפריינט־
לעך פאַר אונזערן אַ ברודער. איך דערוועג זיך אייך צו פאַר־
זיכערן, אַז ביי מיר וואָלט אייך געווען אויסגעצייכנט און באַ־
קוועם צו וווינען, בעסער ווי ביי גאָט הינטערן אויוון. דער־
פאַר טאַקע בעטן מיר אייך, איך און מיין ווייב, ד. ה. מיין
ווייב און איך, מיר וועלן אייך מקבל פנים זיין מיט ברויט
און זאַלץ, זייער חשובער סעמיאָן מאַרקאָוויטש, איר וועט זיין
ביי אונז אַ טייערער גאַסט. איך ווייס, אַז איר וועט דערויף
ענטפּע־ן אויסמיידנדיק, פאַרשטייט זיך — זייער העפלעך:
אַזוי צו זאָגן, אַזוי און אַזוי, און אַזוי ווייטער — איך נעם
אָבער נישט אָן קיין שום אויסרייד, און אייער אָפּזאָג וועט זיין
פאַר מיר — אויב איך זאָל עס אויסדריקן אין מ יי ן לשון —
כמעט אַ פּאַטש אין פּנים.

אַלזאָ, בלייבט אַזוי. נו, זייער שיין. איך וואַרט בלויז
אויף אייער ידיעה וועגן דעם טאָג פון אייער אַרויספאָר. איך
וואָלט אייך געראָטן צו קומען אַהער צום 15־טן יולי: צוליב
דעם 900־יעריקן טויף פון רוס איז ביי „אונז” דאָ אַ גרויסער
יום־טוב; ס׳וועט קומען צו אונז די גאַנצע וועלט, יעדנפאַלס
אַ האַלבע געוויס.

אייער איבערגעגעבענער
ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם

№ 3

7־טער אויגוסט 1888

אייער פריינטלעכן בריוו פון 31־טן יולי דערהאַלטן. כדי
אייך נאָך שטאַרקער צו באַווייזן, אַז איר ד אַ ר ף ט איינשטיין
ביי מיר, מוז איך אייך איבערגעבן אַ גאַנץ באַדויערנסווערטן
עפּיזאָד וועגן דעם, ווי אַזוי דאָ האָט פאַרבראַכט איינער פון

*) אַ באַוווּסטער אָקוליסט און געזעלשאַפטלעכער טוער, צו וועלכן איך
פלעג פאָרן היילן די אויגן. — ש. ד.

אייערע באַקאַנטע, וועלכן איך האָב ליב. מען רופט אים י. דינעזאָן. דער דאָזיקער פיינער מאַן איז איינגעשטאַנען אויף כּאָדאָל ביי זיינע באַקאַנטע, און פּונקט אין חצות, בעת ער האָט זיך געקוויקט מיטן לייענען מיין „בוקעט" (דאָס זאָג איך דרך־אגב), האָט מען אָנגעקלאַפּט צו אים אין טיר... נו, און אַזוי ווייטער. מ'האָט אים געבעטן, ער זאָל מוחל זיין און איבערלאָזן די „פּערזן אין פּראָזע" אויף אַן אַנדערש מאָל, און „איידער וואָס־ווען" האָט מען אים אָפּגעהאַלטן אַ שעה צען אין עפּעס אַ קבר. דאָס איז פאָרגעקומען ערשט מיט צוויי וואָכן צוריק. ער האָט זיך געגעבן אַ וואָרט מער קיינמאָל מיינע ווערק נישט צו לייענען, אָבער אויך אויף פּאָדאָל מער נישט צו בלייבן. איצט, דאַכט זיך, איז קלאָר, אַז איר דאַרפט ווינען ביי מיר. וועגן ענגשאַפט קען קיין רייד נישט זיין. דערצו נאָך קלייבט זיך מיין ווייב אין סעפּטעמבער קיין יאַלטע, און איר וועט מיך פּשוט מחייה זיין. כ'האָב אייך פאַרגעסן דעמאָלט מודיע צו זיין, אַז ביי מיר זענען פאַראַן צוויי מלאכימלעך אין דער געשטאַלט פון מיידעלעך, וועלכע איר וועט באַלד ליב קריגן, פּונקט ווי דינעזאָן האָט זיי ליב באַקומען און האָט נאָך געבראַכט דערצו, אַז ה' פרישמאַן זאָל זיך פון ווייטנס (?) (ש פון וואַרשע) אין זיי פאַרליבן.

איר פרעגט מיך, וואָס פאַר אַ זאַמלבוך איך גיב אַרויס*) און ווען ער וועט דערשיינען? כ'וועל אייך ענטפערן פריער אויף דער לעצטער פראַגע: דערשיינען וועט ער פּונקט אין אנדערטהאַלבן חדשים אַרום, און ביז דער צייט ווערן נישט אָנגענומען קיין באַשטעלונגען, וואָרים דער בידנער לעצער פונם יידישן בוך צאָלט אָפּ די שווער־פאַרהאָרעוועטע קאָפּיקע און קאָן זיך שפּעטער אויפן בוך נישט דערוואַרטן. אויף דער ערשטער פראַגע ווידער וועל איך אייך ענטפערן נאָך קירצער: איך בין זיכער, אַז ער (דער זאַמלבוך) וועט פולשטענדיק

*) „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק", I באַנד, דערשינען אין קיעוו אין יאָר 1888.

געווינען אייער סימפּאַטיע. זיין ציל איז אַ צוויפאַכיקער: ערשטנס — געבן ווי ווייט מעגלעך בעסערן מאַטעריאַל פֿאַר אַ צוטריטלעכן פּרייז און געבן די מעגלעכקייט די באַדערפֿטיקע שרייבער (און וועלכער שרייבער איז נישט קיין נצרך?) צו פֿאַרדינען אַ רובל־צוויי, — וואָס עס גייט זיך, ווי אייך איז באַוווּסט, אין אונזער ליטעראַטור (ד. ה. אין דער יידישער בכלל) נישט אַזוי גרינג איין. עס וועט זיין גענוג צו באַמערקן, אַז ביז דער היינטיקער דאַטע האָב איך אויסגעצאָלט האָנאָראַר מיינע קאָלעגן־מיטאַרבעטער כמעט טויזנט רובל. נאָר דערמיט שעפּט זיך נאָך נישט אויס דער הויפּט־ציל פֿון מיין זאַמלבוך. איך האָב זיך געוואָלט דערהייבן צו אַזאַ הויך, צו וועלכער עס איז נישט דערגאַנגען קיין איינע פֿון דעם מין אויסגאַבעס, נישט אויסשליסנדיק דעם „האסיף", „כנסת" אאַנד. — און דערביי בלייבן צוטריטלעך פֿאַרן פֿאָלק. איך האָב באמת גרופּירט אַלץ, וואָס עס איז נאָר פֿאַראַן גוטס אין אונזער ליטעראַטור. אינם ברען פֿון ליבע צו יידיש זענען צו מיר אַריבער די בעסערע קרעפֿטן פֿון דער העברעישער ליטעראַטור, וואָס אין זייער שפּיץ וועט איר טרעפֿן י. ל. גאָרדאָנען און ד. פֿרישמאַנען — און הינטער זיי דער באַיאָרטער גאָטלאָבער, און שאַצקעס, און ווייסבערג, און יהל"ל, און קאַלמענסאָן א. א. וו. פֿון די שריפֿטן, וואָס זענען געבליבן נאָכן טויט, האָב איך אַרויסגענומען זייער אַ טייערן, אין היסטאָרישן זין ווערטפֿולן כתב־יד פֿון יצחק־בער לעווינזאָן און די קלוגע פֿערזן פֿון צווייפֿעלן, ווי אויך אַ בריוו־אויסטויש, וואָס איז זייער אינטערעסאַנט, צווישן יצחק־בער לעווינזאָן מיט דר. עטינגערן. אַ לעבעדיקן אָנטייל אין מיין אויסגאַבע נעמען אויך אַבראַמאָוויטש און לינעצקי. ס'איז אוממעגלעך אין בריוו אַלעמען אויסצורעכענען. איינע פֿון שאַצקעסעס אַרבעטן קאָן זיין אינטערעסאַנט אויך פֿאַר אייך ווי מאַטעריאַל פֿאַר דער „געשיכטע פֿון חסידיזם", נאָר איך וועל עס אין ערשטן באַנד פֿון מיין ביבליאָטעק, דאַכט זיך, נישט געבן; נאָר אַז איר וועט דאָ זיין, וועט איר זיך דערמיט באַנוצן, אויב איר וועט עס האַלטן פֿאַר נויטיק.

לסוף — אַ בקשה, און אַ הכנעהדיקע בקשה. אויפן פע־ליעטאָן פונם ה' צופעליקער פעליעטאָניסט אינם לעצטן נומער „וואָסכאָד“ האָב איך אָנגעשריבן אַן ענטפער, וואָס איך האָב געקלערט אָפּצושיקן אין דער רעדאַקציע פון „וואָסכאָד“ *); האָב איך אָבער אַ טראַכט געטאָן, — און גאַנץ באַגרינדעט — אַז מיין ענטפער וועט אַוועק גלייך אין קויש אַריין, און איך וועל זיך נאָך, ביי בעסערע באַדינגונגען, דערוואַרטן אַן ענט־פער אין דעם „פּאָסט־קאַסטן פון דער רעדאַקציע“. דערפאַר ווענד איך זיך צו אייך מיט דער שטאַרקער בקשה צו טאָן מיר די אַזוי פאַר מיר וויכטיקע טובה, וועלכע איך וועל אייך נישט פאַרגעסן ווייל איך לעב. זייט מיר בלויז מוחל, וואָס נישט זייענדיק מיט אייך באַקאַנט צוּמאָל, דערעס איך אייך שוין מיט מיינע בקשות; וואָס וועט ערשט זיין שפּעטער? עס וועט גאָרנישט נישט זיין. איר וועט אייך נאָר דערווערבן אַ הייס־איבערגעגעבענעם פריינט, וועלכער קען אייך זיין נוצלעך און אָנגענעם אין אַלע באַציונגען (ווי אַ גאַגאָלשע דאַמע).

איך האָב אייך נאָך געוואָלט פרעגן: ווען רעכנט איר צו ענדיקן אייער „געשיכטע פון חסידיזם“? איך האָב שוין גערעדט מיט איינעם אַ סטודענט, וועלכער איז מסכּים איבער־

---

1) צוליב דעם, וואָס די צייטונגען האָבן געדרוקט דעם פּראָספּעקט פון I־טן באַנד פון שלום־עליכמס „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק“, האָט דער „צופעליקער פעליעטאָניסט“ (פּסיידאָנים פונם פארשטאָרבענעם ע. פרוג) אָפּגעדרוקט אין דער וואָך־כראָניק פון „וואָסכאָד“ (1888 י. № 31) זייער אַ בייסיקן פעליעטאָן, ווו ער האָלט „זשאַרגאָן“ פאַר אַ „צייטווייליק און אומפאַרמיידלעך שלעכטס“ און לאַכט אויס די דעמאָלטיקע מאָדע־קאָנקורענץ פון די ארויסגעבער פון ליטעראַטור־זאַמל־ביכער, וועלכע האָבן זיך אָן שום נויטווענדיקייט געמערט, הגם אין זיי האָבן זיך באַטייליקט אַלץ די זעלבע שרייבער. די אויסלאַכנדיקע פאָרם פונם פעליעטאָן איז בלי־ספק געווען אַ באַליידיקונג פאַר שלום־עליכמען. האָט ער דורך מיר צוגע־שיקט אַ „בריוו אין רעדאַקציע“ מיט זייער אַ שאַרפן ענטפער, און דאָס איז געווען געדרוקט אין נר. 35 פון דער וואָך־כראָניק פון „וואָסכאָד“. — ש. ד.

צוזעצן אייער אַרבעט אויף יידיש פאַר מיין „ביבליאָטעק" (2. באַנד). פאַרשטייט זיך, אַז קודם-כל דאַרף איך אייער הסכמה, און דערנאָך מוז איך מיט אייך אַ שמועס טאָן מכּוח דעם, אַז עס איז אומבאַדינגט נויטיק אין געוויסע ערטער די אַרבעט צו קירצן, דער עיקר מוז מען מיט „מיינע" לעזער אינגאַנצן אין אַן אַנדער טאָן רעדן מכּוח „שבחי בעש"ט. „מיינע" לעזער קאָנען עס אָננעמען פאַר אַ גוטע מטבע, און דעמאָלט וועט דערפון אַרויס אַ צווייטער „שבחי בעש"ט. איך לייג אָפּ די דאָזיקע באַראַטונג ביז אונזער פּערזענלעכער באַגעגעניש.

כ'וועל אייך נישט אָפּלאָזן. נאָך איין שאלה. ה' קאַל־מענסאָן (דער זון) האָט אָנגעשריבן פאַר מיין „ביבליאָטעק" (1. באַנד) נישט קיין שלעכטע קאָמפּילאַציע וועגן די מיינונגען פון פאַרשידענע געלערנטע און פילאָזאָפן וועגן יידישן פאָלק. די אַרבעט איז אָנגע־שריבן נישט שלעכט, נאָר מיך באַאומרויקט דער געדאַנק, אַז פאַר קיין פאָלק פּאַסט נישט צו מאַכן אַזאַ צימעס דערמיט, וואָס מיר, מ'שטיינס געזאָגט, זענען אַ צאַצקע ביים רבונו-של־עולם, אַן „אתּה בחרתּנו". ווי איז אייער מיינונג וועגן דעם? איך וואַרט אויף אַן ענטפער. גרייט צו אייער דינסט, אייער איבערגעגעבענער

ראַבינאָוויטש

עיקר שכחתי: פאַרגעסן וועגן מיין בקשה. איך בעט אייך, איר זאָלט זיך משתדל זיין פאַר מיר אין דער רעדאַקציע „וואָסכאָד". שיקט צו מיין „בריוו" אַהער, און דאַן וועלן זיי זיכער דרוקן. אויב אָבער אייך איז אומבאַקוועם, דער בריוו זאָל דורכגיין דורך אייערע הענט, דאַן שיקט מיר אָפּ דעם „בריוו" צוריק, און איך וועל אים שוין אַליין שיקן, איר שרייבט זיי דערוויל אָן. איך שיק אים אייך אין אַ פּאַרטיקן קאָנווערט, און איר וואָלט דעם בריוו גלייך געקענט אַוועקשיקן,

אויב איר זאָלט וועלן, פון מסטיסלאַוול; די רעדאַקציע וועט נישט באַמערקן.

№ 4

2-טן סעפּטעמבער 1888.

גלייכצייטיק מיטן נומער „וואָסכאָד“ באַקומען אויך אייער פריינטלעכן בריוו און, איך מוז מיך מודה זיין, איך בין איצט אין אַ פאַרלעגנהייט: איך ווייס נישט, מיט וואָס קאָן איך אייך אָפּדינען פאַר דער גרויסער טובה, וואָס איר האָט מיר געטאָן. איך בין פולשטענדיק זיכער, אַז אָן אייער מיטווירקונג וואָלט דער בריוו נישט געדרוקט געוואָרן. די וויכטיקייט, פאַרשטייט איר, פון דער זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס איך האָב זיך אַביסל פאַרענטפערט פאַרן עולם; אינגאַנצן נישט, הגם אַלע, וואָס קאָנען מיך און וואָס קאָנען מיך נישט, ווייסן גאַנץ גוט, אַז מיין אונטערנעמונג איז נישט קיין מסחר-זאַך, נאָר אַ גוטע זאַך. איך האָב בלויז געוואָלט פאַר די לעזער פון „וואָסכאָד“, וואָס ס׳רוב קוקן זיי אויף זשאַרגאָן מיט די אויגן פונם צו-פעליקן פעליעטאָניסט, אַוועקשטעלן מיין געליבטן יידיש אין אַ שענערן ליכט, אַזוי-ווי ער (דער יידיש-לשון) פאַרדינט, מיט וואָס איר, ווי איך זע, זענט אויך מסכים. צום באַדויערן, טיילן נישט קיין סך אונזער מיינונג. אַנדערע קוקן באמת אויף אונז, ווי אויף קליינינקע מענטשלעך, פּימפּערלעך; אַנדערע הויבן מיט די אַקסלען פון פאַרוואונדערונג; אַנדערע ווידער, וואָס קוקן אויף אָט דער נ יי ע ר ליטעראַטור דורך די געלע אויגן פון שנאה, ווערן פאַרברענט פון כעס. אין אָט אַזעלכע באַדינגונגען קומט אונז אויס צו אַרבעטן. וואָס פאַר אַ ערפאָלג קען דאָ שוין זיין, מ׳שטיינס געזאָגט?

דאַרף איך אייך דעריבער דאַנקען פאַר אייער אנטייל, נאָר דאַנקען וועל איך אייך נישט, איך וועל בעסער וואַרטן אויפן צופאַל, ווען איך וועל אייך קענען ביי דער ערשטער געלעגנהייט אָפּדינען.

אַלס צייכן פון אָנערקענונג און פון מיין טיפער אַכטונג צו אייך, שיק איך אייך מיין פאָטאָגראַפיע און כ'וואָלט זייער געוועז צופרידן, ווען איר צאָלט מיר אָפּ מיט דעם זעלביקן.

כ'האָב אייך פאַרגעסן צו באַמערקן, אַז „ר' סענדער בלאַנק" איז דער ערשטער טייל פונם ראָמאַן *). דעם צווייטן טייל — „מאַרקוס בלאַנק" ענדיק איך איצט אין כתב־יד, און דעם דריטן — „דער לעצטער פון דער משפחה ב׳אַנק" — וועל איך ערשט אָנשרייבן מיט דער צייט, ווען איך וועל זיך בעסער, גענויער און זייטיקער באַקענען מיט אונזער יונגן דור, וואָס איז ראוי ערנסט שטודירט צו ווערן. ווי איר זעט, האָב איך זיך אָנגעשטעקט מיט עמיל זאָ׳אַס געדאַנק בנוגע דעם צוזאַמענשטעל פון זיין אומשטערבלעכן ווערק „די קאַר־יערע פון די רוגאָנס" (להבדיל).

איך פאַרליר נאָך אַלץ נישט די האָפענונג אייך דאָ צו זען.

פאַר מיין זאַמלבוך שרייב איך אַ „י י ד י ש ן ראָמאַן" מיטן נאָמען „סטעמפעניו". דער דאָזיקער נאָמען געהער צו אַ פערזענ׳עכקייט, וואָס איז אין אַ געוויסער מאָס היסטאָריש. יעדנפאַלס פאַרן מערב־דרומדיקן יידנטום. סטעמפעניו איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי אַ מערקווירדיקער מאַעסטראָ, אַ פידלער אין בערדיטשעוו, היינט בין איך צוריקגעקומען פון בערדיטשעוו, ווו איך האָב אויפן אָרט צונויפגעזאַמלט אַביסל ידיעות וועגן דעם דאָזיקן העלד, — און שטעלט אייך פאָר, אַז אַלע פרטים, וועלכע איך האָב באַשריבן, זיין אויסערלעכקייט אדגל. שטימען אויף דער האָר מיט די אינפאָרמאַציעס פון די בערדיטשעווער אַלטע לייט. בלויז אין איין פרט האָב איך געזינדיקט קעגן אמת: פאַר מיר איז געווען זייער וויכטיק, אַז סטעמפעניו זאָל נאָך זיך קיין קינדער נישט לאָזן; און אָט לאָזט זיך גאָר אויס, אַז אין בערדיטשעוו לעבן זיינע

---

*) אן אָפּהאַנדלונג וועגן דעם זע אין דער ארבעט „וועגן דער יידישער ליטעראַטור", „וואָסכאָד", 1888, בוך X, זייטן 19—21.

קינדער ביזן היינטיקן טאָג. טיפּן, ד. ה. כ׳האָב געוואָלט זאָגן כ אַ ר אַ ק ט ע ר ן, זענען אין גאַנצן פּאַראַן קוים דריי: סטעמ־פּעניו — אַ קינסטלער, אַ דיכטער אדגל. אינם יידישן זין; זיין ווייב — אַ קליינלעכע, זשעדנע און אכזריותדיקע פּערזאָן; און לסוף — די יידישע לאַאוראַ, דער אידעאַל פון ריינקייט, זיסקייט, שיינקייט און פילבאַרקייט. דער ספּור־המעשה גופא נישט שטאַרק דערפינדעריש, דער ליבע־פּראָצעס — אַן אויגנ־בליק, ווי עס פּאַסט פאַר יידן מיט 20 יאָר צוריק. דער סטיל דערפירט צו פולקאָמענהייט...

גאָט מיינער, ס׳אַראַ עשירות די שטאָט בערדיטשעוו איז פאַר אונזער ברודער דעם מאָלער! אַ שאָד, וואָס די אינטע־רעסן (די פאַרשאָלטענע אינטערעסן!) דערלויבן מיר נישט לענ־גער צו בלייבן אין אָט דעם יידישן פּאַריז. איך וועל איר אָבער באַזוכן פון צייט צו צייט. ביי אונזער פּערזענלעכער באַגעגעניש וועל איך אייך דערציילן אַ געשיכטע פונם אמתן לעבן אין בערדיטשעוו, פון וועלכער איר וועט דערקוויקט ווערן. אָט איז דאָס לעבן!.. נאָר איך האָב אייך שוין מן הסתם גענוג דערעסן. דעם 7־טן פאָר איך אויף אַ דריי טעג — אַוועקפירן מיין ווייב, וואָס פאָרט קיין יאַלטע. איך פאָר קיין אָדעס. ענד־לעך וועל איך זען אַבראַמאָוויטשן. ער איז אַ גרויסער מענטש. ווען איך זאָל נישט וויסן, אַז די צייט איז אייך אַזוי טייער, וואָלט איך, — נישט געקוקט דערויף, וואָס מען פירט זיך נישט אַזוי, — אַרויסגעשיקט אייך זיין אַרבעט (אין דער קאָ־רעקטור) „דאָס ווינשפינגערל״, וואָס איך וועל דרוקן אין מיין „ביבליאָטעק״.

איך האַלט פאַר מיין אָנגענעמען חוב צו טיילן זיך מיט אייך מיט דער גוטער ידיעה, אַז בן־עמי ש׳קט מיר אַרויס זיינע אַן אַרבעט פאַר דער „ביבליאָטעק״. חוץ דעם האָט מיר ה׳ מ. ג. מאַרגאָליס (אָדעס) אויסגעדריקט זיין גרייטקייט מיט־צואַרבעטן אין דער „ביבליאָטעק״. מי לאדני אלי! אַ״ע אַהער!

איך האָב נאָך מיט אייך וועגן עפּעס צו שמועסן און

זיך מיישב צו זיין, נאָר כ׳האָב שוין פּשוט קיין האַרץ נישט.
איך דריק אייך די האַנט, אייער טיף־איבערגעגעבענער
שלמה ראַבינאָוויטש

פּ. ס.: ווען פאָרט איר אַריבער קיין פּיטער און ווען וועל איך האָבן אייער אַדרעס?

№ 5

קיעוו, 20. IX. 1888

ווען איך זאָל וויסן, אַז איר זענט נאָך אין מסטיסלאַוול, וואָלט איך אייך מיטגעטיילט אַן אויפרעגנדיקע ידיעה וועגן אַן אומדערהערטער פאַרשוועכונג פון אייער אַרבעט אין אַ געוויסער רעדאַקציע*) — אַ באַליידיקונג, וואָס האָט מיך אויפגעבראַכט ביז דער טיפעניש פון דער נשמה. איך ראָט אייך אָנצונעמען אַלע פאָרזיכטיקייט־מיטלען בנוגע די מענטשן, וועלכע ליגן מינעס אַרום אייך און וואָס לייענען אייערע אַרבעטן איידער זיי ווערן געדרוקט, פאַרגוואַלדיקנדיק אייער פרייען געדאַנק אויפן סאַמע האַסטיקסטן אופן...

איך פאַרשווער אייך, די זאַך זאָל בלייבן צווישן אונז!
אייער טיף־איבערגעגעבענער
שלמה ראַבינאָוויטש

№ 6

קיעוו, 1־טער אָקטאָבער 1888

כּדי צו שטילן אייער פולשטענדיק פאַרשטענדלעכע ניי־געריקייט, שיק איך אייך דערביי אַ „בריוו", וואָס וועט אייך קלאָר מאַכן די סיבה פון מיין אויפרעגונג.

---

*) זע דעם צווייטן בריוו און די באַמערקונג.

איך האַלט פֿאַר איבעריק איבערצוחזרן אייך מײַן בקשה, אַז דער „סוד” זאָל געהאַלטן ווערן בסוד. איך פֿאַרלאָז זיך אויף אייער ערלעכקייט, וועגן וועלכער איך ווייס גאַנץ גוט, און איך בעט אייך מיר אומצוקערן צוריק דעם „בריוו”, וועלכן איך שיק אייך דערבײַ.

איר וועט, נאַטירלעך, אָננעמען די נויטיקע מיטלען צו מאַכן אַ סוף צו ענלעכע באַליידיקונגען, נאָר טוט עס אַזוי קלוג און פֿאָרזיכטיק, אַז די דאָזיקע הערן, וועלכע לייענען אייערע אַרבעטן אין דער קאָרעקטור, זאָלן נישט וויסן פֿון דעם שפּיאָן (ד. ה. פֿון מיר).

דער דאָזיקער אויסוווּרף ה׳ ל. זאָגט, אגב, אינם בריוו: „איך האָב באַוויזן צו פֿאַרכאַפּן א. א. וו.” וואָס באַדײַט עס? צי האָט מען דען נישט „איבערגעמאַכט” שוין אייער אַרבעט?*) אָפּלייגנדיק דעם ענטפֿער אויף אײַערע איבעריקע פֿראַגן אויפֿן צווייטן מאָל, אײַל איך אויף פּאָסט.

אינגאַנצן אײַערער

ש ל מ ה ר אַ ב י נ אָ ו י ט ש

---

*) דער דאָזיקער אינצידענט האָט אַ שייכות דערמיט, וואָס איך האָב מיטגעטיילט אין דער באַמערקונג צום בריוו-אויסטויש מיט א. ע. לאַנדוי. די „אינטריגע”, וועלכע איז ביזן הײַנטיקן טאָג פֿאַרבליבן פֿאַר מיר אומקלאָר, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט שלום-עליכמען געשריבן פֿון פּעטערבורג, אַז עמעצער האָט כּלומרשט געלייענט אין דער רעדאַקציע פֿון „וואָסכאָד” די קאָרעקטן פֿון מײַן אַרבעט „וועגן דער יידישער ליטעראַטור”, וואָס איז שפּעטער דערשינען אין אָקטאָבער-בוך 1888, און אַז ער האָט „געלייגט מינעס אַרום מיר”. איך געדענק שוין נישט דעם אינהאַלט פֿונם בײַגעלייגטן, געהיימען בריוו, וועלכן איך האָב צו דער צײַט צוריקגעקערט שלום-עליכמען. דער דאָ דערמאָנטער מחבר פֿונם דאָזיקן בריוו מיטן איניציאַל ל. איז, אויף וויפֿל איך געדענק, דער רעדאַקטאָר פֿונם פּעטערבורגער וועכנטלעכן „יידישן פֿאָלקסבלאַט”, ישראל לוי, וועלכער האָט זיך פֿײַנטלעך באַצויגן צו שלום-עליכמען. — ש. ד.

№ 7

קיעוו, דעם 13-טן אָקטאָבער 1888

איך שיק אייך דעם פּראָספּעקט וועגן דעם דערשיינען (אין נאָוועמבער) פון מיין זאַמלבוך „יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק". ס'וואָלט געווען כּדאי, אויף צו להכעיס מיינע שונאים, אַז אין „וואָסכאָד" זאָל זיין געדרוקט אַ נאָטיץ וועגן דער דאָזיקער וויכטיקער ליטעראַרישער דערשיינונג. איך בעט אייך, אויב איר קענט, זייט מיר אין דעם בייהילפיק. איך וואַרט נאָך אַלץ אויף אייער ענטפער און אויף דער צוריקקערונג פון יענעם בריוו. אייער איבערגעגעבענער

ראַבינאָוויטש

№ 8

קיעוו, 18-טער נאָוועמבער 1888.

ערשט נעכטן צוריקגעקומען פון יאַלטע, ווו כ'האָב פאַר-בראַכט אַ דריי וואָכן, און האָב געפונען אייער בריוו פון 24-טן אָקטאָבער. איך אייל זיך אייך מודיע צו זיין, אַז אייער בריוו מיטן „דאָקומענט" האָב איך דערהאַלטן נאָך פאַר מיין אָפּפאָר קיין יאַלטע. כ'האָב אייך פאַרגעסן דעמאָלט צוצוגעבן, אַז אין דעם איבערקוקן אייער ווערק אין די קאָרעקטן האָט, לויט מיין השערה, פיגורירט איינע זייער אַ חשובע און באַקאַנטע פערזענלעכקייט... נאָר לאָמיר דערפון מער נישט רעדן. ווען-עס-איז, ביי אַ פּערזענלעכער באַגעגעניש, וועל איך אייך אי-בערגעבן אַ סך אינטערעסאַנטע און באַלערנדיקע זאַכן בנוגע די דאָזיקע „חשובע און באַגאַבטע" פּערזענלעכקייטן. דערווייל, כּדי נישט אויסצוזען ביי אייך ווי אַן אויסערגעוויינלעכער מי-זאַנטראָפּ, מוז איך זיך פאַרענטפערן, אַז איך בין, לויט מיין נאַטור, גענויגט לייכט צו גלויבן און דערצו בין איך גענוג אומפּראַקטיש, און ביידע זאַכן צוזאַמען קאָסטן מיך זייער טיי-ער אינם זין פון בלוט און לעבן.

צי וועט איר טאַקע נישט זיין אין קיעוו? משמעות, אייערע אויגן „שפּייען" אויף מאַנדעלשטאַמען. און ווען קלייבט איר זיך קיין פּיטער? עס גייט נישט אַדורך קיין איין בריוו אָן אַ בקשה. ווידער אַ בקשה. די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס מיין נייער ראָמאַן „סטעמפּעניו", וועגן וועלכן כ'האָב אייך אַנומלט געשריבן און וועלכער גייט אַריין אין צוזאמענשטעל פון דער „ביבליאָטעק", דרוקט זיך באַזונדער — אין אָדעס — און איז שוין אַרויס פון דרוק. און אָט האָט זיך מיר פאַרגלוסט, אַז איר זאָלט אַ קוק טאָן דערויף איידער עס דערשיינט אין דער „ביבליאָטעק", און איר זאָלט מיר פּריוואַט זאָגן אייער מיינונג וועגן דעם. ס'וועט גיין?

ווייזט אויס, אַז קיין שום זלזולים פון לעווינען און אַנפאַלן פונם צופעליקן פעליעטאָניסט האָבן נישט געהאַט קיין ווירקונג: מען שרייבט אויס די „ביבליאָטעק" זייער לעבעדיק און, דאַכט זיך, מען דאַרף שוין נישט צווייפלען אין דעם ערפאָלג פון מיין אונטערנעמונג. אגב, וועלן מיר נאָך שפּעטער זען. זייט געזונט און שלעפּט נישט אָפּ מיט קיין ענטפער.

אינגאַנצן אייערער

ש. ראַבינאָוויטש

№ 9

קיעוו, 11-טער נאָוועמבער 1889.

גלייכצייטיק דערמיט שיק איך אייך אַרויס עקספּרעס מיין ניי ווערק „סטעמפּעניו", מיין ערשטן ראָמאַן, וועלכן כ'האָב אייך שוין לאַנג צוגעזאָגט. „סטעמפּעניו" איז אַ קינסטלעריש ווערק, און פון אים איז אָפּהענגיקן דער גאַנצער ווייטערדיקער גורל פון מיין ליטעראַרישער טעטיקייט. איבערנעמענדיק זיך מיטן געדאַנק אָנצושרייבן אַ יידישן ראָמאַן פאַרן פּאָלק, האָב איך זיך צו אים אַראָפּגעלאָזט, צום פּאָ.ק, איבערגענומען פון אים אַלע וואונדערשיינע לעגענדעס וועגן דער

דאָזיקער, אַזוי צו זאָגן, היסטאָרישער פּערזענלעכקייט. „סטעמ-פּעניו״ איז באמת אַ פּערזענלעכקייט, וועלכע עקזיסטירט אין אונזער לאַנד, און אין בערדיטשעוו (ווו ער איז געבוירן געוואָרן), זשיטאָמיר און אנדערע שטעט פון וואָלין און אוקראַינע איז נישטאָ קיין איין אַלטער יידישער איינוווינער, וואָס זאָל נישט קענען — אויב נישט „סטעמפּעניו״ אַליין, איז ווייניקסטנס די גרויסע צאָל אַנעקדאָטן, געשיכטעס און לעגענדעס וועגן אים. מיט אָט דעם צוועק בין איך געפאָרן קיין בערדיטשעוו, גענומען זיך איבערשרייבן און פאַרבונדן פּערזענלעכע באַציונגען מיט כלי-זמרים, וועלכע האָבן טיילווייז אַנטפּלעקט פאַר מיר די נשמה פונם דאָזיקן מענטשן; דאָס איבעריקע האָט שוין אויסגעפּילט מיין שעפערישע פאַנטאַזיע. פונדעסטוועגן אַזוי-ווי איך קען זיך נישט דערוואַרטן אויף אייער געדרוקטע מיינונג, בעט איך אייך מיטצוטיילן מיר ש ר י פ ט ל ע ך אייער זייער פאַר מיר אויטאָריטעטע מיינונג. איך בין זיך משער, אַז איר זענט נאָך אין מסטיסלאַוול, ווייל איך האָב נאָך נישט באַקומען פון אייך די צוגעזאָגטע ידיעה וועגן אייער אַריבערוואַנדערונג קיין צפון.

איך לייג דאָ ביי דעם תוכן פון מיין זאַמלבוך, פונוואַנען איר וועט זיך דערוויסן, אַז דער זאַמלבוך איז שוין פולשטענדיק פאַרטיק; די טעג וועט ער ווערן פונאַנדערגעשיקט. די אַרבעט $XXXV_I$, וועלכע איז געקומען אין אַ רויט רעמל, איז נוגע אייך פּערזענלעך.*) איך וואַרט אויף אַן ענטפער.

אייער איבערגעגעבענער

ש ל ו ם ע ל י כ ם

---

*) זע די קריטישע אָפּטיילונג פון דצר „יידישער פאָלקס-ביבליאָטעק", באנ' I.

№ 10

קיעוו, 89 .II 9

אַ גרויסער שאָד, וואָס די פאַרהעלטעניש האָבן אייך געשטערט זיך אַדורכצוגיין איבער מיין זאַמלבוך. איך וויל האָפן, אַז נאָך אייער קומען קיין מסטיסלאַוול וועט איר נישט פאַרגעסן זיך צוריק אומצוקערן צו אונזער זשאַרגאָן, וועלכער פאַררעכנט אייך פאַר זיין ה ו י כ ן ק ר ו ב נאָכדעם, ווי גאַנצע צען יאָר, און אפשר מער, האָט אונזער עמאַנציפירטע שוועס־טער, די ר ו ס י ש - י י ד י ש ע ליטעראַטור, אינגאַנצן איגנאָ־רירט איר באַגאַבטע ייִנגערע שוועסטער — יידיש. באַזונדערס אינטערעסירט מיך אייער אומפאַרטייישע מיינונג וועגן „סטעמ־פעניו", וועלכער איז שוין נישט קיין קאָפּיע פון דער ווירק־לעכקייט, נאָר אַ קינסטלעריש בילד, וואָס באַלעבט די ווירק־לעכקייט מיט זיינע שיינע, האַרמאָנישע און קלאָרע בילדער און שטריכן. דאָס איז מיין ערשטער פרווו איבערצוטעפערן עפּעס זייער שיינס דער הערשאַפט פון דער פאַנטאַזיע, אויף אַ יידישן פאָלקסטימלעכן אונטערשלאַק. איר דאַרפט עס אָפּשאַצן, צי די אויפגאַבע פונם קינסטלער איז דורך מיר ריכטיק אָדער נישט ריכטיק געלעזן געוואָרן. אין מיינע ווייטערדיקע ווערק קער איך זיך אום צו מיין געוויינלעכן זשאַנר — צו דער באַשרייבונג.

איר פרעגט, ווי גייען די באַשטעלונגען ד. ה. דער פאַרקויף פון דער „ביבליאָטעק", אויב דאָס איז אַ ערפאָלג, קאָן די „ביבליאָטעק" אויף אים פרעטענדירן, ווייל אין משך פון חודש יאַנואַר איז צעשיקט געוואָרן ביז 2000 עקזעמפּלאַרן און מען שרייבט נאָך אַלץ אויס, אַזוי, אַז — לויט דער מיי־נונג פונם עקספּעדיטאָר — דאַרף זיך די אויפלאַגע אין פעב־רואַר און מערץ פאַרקויפן אינגאַנצן און שפּעטער ווערן שוין אַ ביבליאָגראַפישע זעלטנהייט. די מיינונגען פון מבינים דער־גרייכן שוין אין זייער באַגייסטערונג אַ סך העכערע גרענעצן. נאָר אייער מיינונג איז פאַר מיר וויכטיק, איידער איך נעם

קלייבן מאַטעריאַל פאַרן 2-טן באַנד, צו וועלכן איך האָב חשק צוצוטרעטן גאָר בקרוב, נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן אומאַנגענעמלעכקייטן, געמיינקייט, נידעריקייט און אומנויטיקע רכי׳ות...

אינגאַנצן אייערער

שלום עליכם

פּ. ס. — צי וועט אין דער וואָכן-כראָניק פון „וואָסכאָד״ קיין וואָרט נישט דערמאָנט ווערן וועגן דער „ביבליאָטעק״?

№ 11

קיעוו, 89 IV 14

ערשט היינט זיך דערוווּסט, אַז איר זענט שוין אין מסטיסלאַוול. איך ברען פון אומגעדולד צו הערן אייער מיינונג וועגן מיין „סטעמפּעניו״. דאָס איז נישט קיין געוויינ-לעכע נייגעריקייט, נאָר זייער אַ וויכטיקע פאַראינטערעסירונג פון מיין זייט בנוגע מיינע ווייטערדיקע ווערק. אייער וואָרט איז שטענדיק פאַר מיר אַ וועגווייזער-שטערן אויף מיין שריי-בערישן וועג.

איך האָב נאָך צו אייך אַ פּריוואַטע בקשה. צי ווייסט איר נישט, פון וועלכע קוועלן איך קען שעפּן ידיעות וועגן דער געשיכטע פון דער אָפּשטאַמונג פון דער יידישער קליי-דונג? פּראָפעסאָר דאָבראָסלאַווין אין פּעטערבורג האָט דאָ נישט לאַנג געלייענט אַ לעקציע וועגן דער יאַרמלקע ביי יידן. נאָר דאָס איז פאַר מיר צו ווייניק.

איך זאַמל מאַטעריאַל פאַרן צווייטן באַנד פון מיין „פאָלקס-ביבליאָטעק״.

זייט געזונט.

אינגאַנצן אייערער

ש. ראַבינאָוויטש

№ 12

סט. באַיאַרקע, 19 מאַי 1889.

איך האָב אייך שוין מיטגעטיילט דעם אויסגאַנג פון אייער באַמיונג פאַר מיינעטוועגן ביים ה׳ פרוג, וואָס איז געקרוינט מיט ערפאָלג. נאָכאַמאָל אַ דאַנק אייך פאַר דער טרחה. צי ווייסט איר נישט אַמאָל, ווען וואָלט איך געקענט אין פעטערבורג איבערגעבן די פונקציע צו זאַמלען מאַטעריאַלן אָדער אַרויסצונעמען דעם אינהאַלט פון דעם דאָזיקן יידישן ביכל „גזרת ת״ח ות״ט״, אויף וועלכן איר ווייזט אָן אין אייער „ביבליאָגראַפיע״ ביים באַהאַנדלען די בראָשור פון ה׳ גורלאַנד? איך זאַמל דעם דאָזיקן מאַטעריאַל פאַר מיין „ביבליאָטעק״, און אויב איך זאָל וויסן, אַז איר וועט עס נישט אָננעמען פאַר קיין באַליידיקונג, וואָלט איך געבעטן אייך פערזענלעך צו נעמען אויף זיך די דאָזיקע אַרבעט פאַר אַ געהעריקן האָנאָראַר. ווי עס זאָל נישט זיין, וואַרט איך אויף אייער גיכן ענטפער.

№ 13

באַיאַרקע, 18־טער יולי 1889.

אַ דאַנק אייך פאַר דעם קאַרטל, זייט מוחל, וואָס כ׳האָב אייך ביז איצט נישט געענטפערט. ענינים, אינטערעסן און ענינים! (קודם כל ליטעראַרישע). אינגיכן טרעט איך צו צום דרוקן דעם צווייטן באַנד „ביבליאָטעק״, וועלכער דאַרף איבערשטייגן דעם ערשטן באַנד אין אַלע זיינע אָפטיילונגען. כ׳האָב אַליין אָנגעשריבן אַ ראָמאַן „פערעלע״ *), וואָס קאָסט מיך אַ האַלב יאָר אַרבעט און, דאַכט זיך, עטלעכע יאָר לעבן. איך האָב נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געהאָרעוועט איבער אַ ווערק און נישט באַאַרבעט אַזוי גענוי אַ זאַך פון אַלע זייטן. דער פאַ-

---

*) שפעטער איז צרויס דער ראָמאַן „יאָסעלע סאָלאָוויי״

ראַקטער פון מיין נייעם ראָמאַן איז אַ לירישער. ביי מיין גאַנצער נייגונג צו פריילעכן הומאָר, האָב איך אין אונזער היינטיקער סאָציאַלער לאַגע נישט קיין האַרץ צו מאַכן זיך נאַריש, בפרט ווען איך געפין און גראָב אויס אינם לעבן, וואָס איך באַשרייב, אַזעלכע פערל, ווי פּ ע ר ע ל ע אָדער ר ח ל ע אין „סטעמפעניו". אגב „סטעמפעניו" דרוקט זיך איצט אין אַ דייטשער איבערזעצונג אין לעמבערגער „איזראַעליט". האָבן זיך, פונדעסטוועגן, דאָך געפונען מענטשן, וועלכע זענען בכוח אָפּצושאַצן אַ זאַך, כאָטש זי איז געשריבן אויף זשאַרגאָן. אין אונזער יידישער ליטעראַטור האָב איך איצט אַזוי פיל קעגנער, אַז איך פאַרשטיי באמת נישט, פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ כבוד, וואָרים „אַ סך שונאים — אַ סך כבוד". טיילמאָל ווערט מיר טאַקע געגוג פיינלעך אין אַזעלכע אומשטענדן.

צי האָט איר נישט אַזאַ באַקאַנטן אין פּעטערבורג, וואָס זאָל זיך וועלן אונטערנעמען — פאַר אַ געהעריקן שכר — איבערצושרייבן די בראָשור „מעשה גדולה מטבח אומאן" אין דער ביבליאָטעק פון דער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע ? *)
ווען רעכנט איר צו זיין אין פּיטער ? איך דאַרף עס וויסן. זייט נאָכאַמאָל מוחל, וואָס כ'האָב פאַרשפּעטיקט מיטן ענטפער.
אינגאַנצן אייערער

ש. ראַבינאָוויטש

פּ. ס. — צי וועט זיין בקרוב אַ ידיעה אין „וואָסכאָד" וועגן מיין „ביבליאָטעק" ? מיינע העברעישע „טיפּן און סילועטן" דרוקן זיך אין „המליץ". כ'וועל אייך שפּעטער צושיקן אַ גאַנץ ביכל מיט די דאָזיקע קליינע זאַכן.

---

*) די קאָפּיע פון „מעשה גדולה מן אומאן ואוקריינא" האָט געמאַכט ד. מגיד אין פּעטערבורג. שלום-עליכם האָט געדרוקט פון איר נאָר עטלעכע אויסצוגן אין צווייטן באַנד פון דער „פאָלקס-ביבליאָטעק". איצט ווערט זי מיט וואַריאַנטן געדרוקט אין דעם I-טן באַנד „היסטאָרישע שריפטן פונם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט" אונטער דער רעדאַקציע פון א. טשעריקאָווער. — ש. ד.

№ 14

קיעוו, 3-טער אויגוסט 1889.

זייט אַזוי פריינדלעך און גיט מיר צוּוויסן, ווי איך קאָן קריגן דאָס ביכל וועגן די קאַווקאַזער יידן, וואָס איר האָט עס באַהאַנדלט דעם פאָריקן יאָר... דעם „וואָסכאָד" האָב איך שוין, זייענדיק אויף דאַטשע, לאַנג נישט געלייענט. — דאַכט זיך, כ'האָב אייך שוין מודיע געווען, אַז מיין „סטעמפעניו" ווערט איבערגעזעצט אויף דייטש אינם לעמבערגער „איזראַעליט".

אייער איבערגעגעבענער

ש. ראַבינאָוויטש

№ 15

באָיארקע, 17. VIII, 89

אייער פּאָסט-קאַרטל דערהאַלטן. און אייער רעצענזיע אין „וואָסכאָד" (יולי) איבערגעלייענט. איר זענט דער איינציקער שרייבער, וועלכער באַציט זיך מיט מיטגעפיל און הומאַניטאַר צום אָרעמען זשאַרגאָן... ס'איז מיר שווער אויסצודריקן אייך די וואַרעמע דאַנקבאַרקייט, וועלכע כ'וואָלט אייך געדאַרפט אויסדריקן. איך לעב לעצטנס אַדורך אַזויפיל רדיפות און אומגערעכטע אָנפאַלן אויף מיר און אויף יידיש, מיט וועלכן כ'האָב פאַרבונדן מיין נאָמען, אַז איך מוז זיך פרייען מיט יעדן גוטן וואָרט. דער עיקר האָב איך פיל אויסצושטיין פון איינעם אַ פּסיכאָפּאַט, וועלכער האָט אַריינגענומען אין זיינע אומריינע הענט די איינציקע „פּאָלקס-בלאַט", וואָס איז דורך אים פאַרוואַנדלט געוואָרן איצט אין אַ מיסט-אָרט צו גיסן די פּאָמגיצעס אויפן אַדרעס פון יידיש און זיינע אַדעפּטן-אָנהענגער, און דער עיקר אויף מיין אַדרעס, — נאָכדעם ווי כ'האָב נו, שטעלט אייך פאָר וואָס ? — אָפּגעזאָגט דעם דאָזיקן מנוול (לעווי) די הלוואה פון 6000 רובל !!.. פון דעם דאָזיקן מאָמענט אָן הויבט זיך אָן זיין קאַמפּאַניע קעגן מיר און קעגן

מיר און קעגן יידיש (דער אָרעמער, גאָט דער נשמה שולדיקער יידיש!) און איר האָט געדאַרפט זען, ווי אַזוי אַן אַרויסגעבער (ער איז דאָך דער פאַקטישער רעדאַקטאָר) פון אַ י י ד י ש ע ר צייטונג שרייט אין יעדן נומער: „נידער מיטן ברודיקן זשאַרגאָן!" אָט אַ העלדישקייט! נאָר דאָס וואָלט נאָך גאָרנישט געווען. כדי אינגאַנצן אונטערצוגראָבן די אויטאָריטעט פון יידיש, גיט ער אין די לייט-אַרטיקלען, אין די פעליעטאָנען, פאָליטישער און אויסלענדישער כראָניק, צווישן די לעזער וועגן דעם, אַז שלום-עליכם רויכערט צען-רובלדיקע ציגאַרן און קויפט אונטער זיינע קריטיקער (צווישן זיי אויך איך, נאַטירלעך), כדי צו רעקלאַמירן זיינע ווערק א. א. וו. שמוץ, וואָס ס'איז אַ חרפה איבערצודערציילן. ס'איז אַ חידוש, וואָס נאָך אַלע רדיפות מצד ליטעראַרישע שונאים, איז זיך פונדעסטוועגן מיין „ביבליאָטעק" אַזוי גיך און מיט אַזאַ ערפאָלג פונאַנדערגעגאַנגען צווישן פאָלק; און דער אָפרוף און מיטגעפיל פון אויפריכטיקע מענטשן גיבן מיר צו כוח און מוט זיך צו ראַנגלען קעגן דער אָפענער אומגערעכטיקייט אויף צווייערליי וועגן: פאַראַכטונגספולע באַציונג צו יעטוועדן מין מנוולים און ענערגישע שטרעבונג פאָראויס — די פאַרשפרייטונג פון נוצלעכע ביכער צווישן די מאַסן. — אייער באַמערקונג בנוגע דעם, וואָס אין דער „ביבליאָטעק" פעלן פאָפולערע היסטאָרישע אַרטיקלען, נעם איך צו קענטעניש מיט האַרציקער אָנערקענונג.

אייער איבערגעגעבענער

ש. ר אַ ב י נ אָ װ י ט ש

№ 16

קיעוו, 2-טן פעברואר 1890

שוין לאַנג צו אייך נישט געשריבן. נישט דערפאַר, ווייל ס'איז נישט געווען וועגן וואָס, נאָר גיכער צוליב דער אוממעגלעכקייט זיך אָפּצורייסן פון די שווערע באַשעפטיקונגען

(די טעג גייט אַרויס אויף דער שיין דער 2-טער באַנד פון מיין „ביבליאָטעק") און צוליב דעם ווילן יענעם אויך נישט צו שטערן. אַוועק יענע געבענטשטע צייטן, ווען מענטשן האָבן זיך געגויטיקט אין מיינונגס-אויסטויש. איצט האָט מען דעם געדאַנקען-אויסטויש פאַרביטן אָדער אויף געשעפטלעכער קאָ-רעספּאָנדענץ, אָדער אויף זשורנאַליסטישער גריזשעניש. די איינציקע ישועה איז די קונסט, וווהין דו כאַפּסט זיך אַוועק אויף אַ שטיקל צייט און דו פאַרגעסט וועגן דעם גאַנצן לי-טעראַרישן שמוץ. רעדנדיק וועגן קונסט האַלט איך פאַר מיין אָנגענעמען חוב אייך מודיע צו זיין, אַז אין אַ צוויי וואָכן אַרום וועל איך אייך צושיקן מיין נייעם ראָמאַן „יאָסעלע סאָ-לאָוויי", וואָס דאַרף אַריין אינם צווייטן באַנד פון דער „ביב-ליאָטעק". אויב איר האָט זיך אַזוי פריינדלעך באַצויגן צו „סטעמפּעניו", ווייס איך שוין נישט, וואָס איר וועט שוין זאָגן וועגן דעם דאָזיקן ווערק. איך האָב עס, יעדנפאַלס, איבערגע-שריבן אַ מאָל פינף און, דאַכט זיך, נישט בחינם אַזוי איבער דעם געהאָרעוועט. אגב, שיק איך אייך גלייכצייטיק מיטן בריוו אויך מיינע „טיפּן און סילועטן", מיינע ערשטע פּרוּוון אין דער שפּראַך פון אונזערע אבות.

אייער איבערגעגעבענער

ש. ראַבינאָוויטש

№ 17

קיעוו, 16-טער פעברואַר 1890.

איך הויב שוין אָן קלערן, אַז איר זענט אין פּיטער און אַז מיינע בריוו ווערן דעריבער פאַרפאַלן אין מסטיסלאַוול. נאָר איך ריזיקיר און שרייב אייך פונדעסטוועגן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. גלייכצייטיק מיטן דאָזיקן בריוו שיק איך אייך מיינע קלענערע דערציילונגען אין העברעיש, אַלס די ערשטע פּרוּוון פון מיין פעדער (איך האָב זיי אייך, דאַכט זיך, געשיקט קיין פּעטערבורג). וואָס שייך זייער אינהאַלט, קען איך זיך מיט אים

נישט רימען, וואָרים כ׳האָב די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט גע-
שענקט דער שיינקייט פון סטיל. איך האָב געמוזט זיך ווענדן
קודם-כל צו טיפּן „אָפּגעלעבטע", נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז
איך האָב בדעה צו געבן אַ גאַנצע סעריע פון אַזעלכע טיפּן
און סילועטן אַזש ביז דער נייער צייט, און די דאָזיקע טי-
פּעלעך וועלן מיר צונויפקומען ווי אַ פּאַראַלעל... אויב די
צייט וועט אייך דערלויבן, שרייבט אָן וועגן זיי אין „וואָסכאָד"
און גיט מיר, אגב, צו וויסן אייער מיינונג. די טעג וועט איר
באַקומען מיין נייעם ראָמאַן „יאָסעלע סאָלאָוויי", וועלכן איך
בעט אייך איבערצולייענען מיט אַ באַזונדערער אויפ-
מערקזאַמקייט. צום ווידערזען. אינגאַנצן אייערער

ש. ראַבינאָוויטש

№ 18

5. III. 90. קיעוו

איך שיק אייך ענדלעך מיין ראָמאַן און אַ בריוו פון
דער קריטישער אָפּטיילונג פון דער ביבליאָטעק, אין וועלכן
עס ווערט איבערגעגעבן די „profession de foi" פונם ראָמאַן,
ד. ה. נישט פון דעם איינעם, נאָר פון אַ גאַנצער ריי ווערק,
וו איך האָב אייך שוין אַמאָל מודיע געווען. איך וואַרט מיט
אומגעדולד אויף אייער פּריוואַטער מיינונג.

אייער איבערגעגעבענער

ש. ראַבינאָוויטש

№ 19

15. III. 90 קיעוו

. . . ס׳אַראַ שאָד, וואָס כ׳האָב זיך אַזוי געאײַלט אַרויס-
צושיקן אייך מיין ראָמאַן „יאָסעלע סאָלאָוויי"! אין אָט דער
רגע דרוקט זיך אַ צוגאָב-קאַפּיטל צום ראָמאַן (צווישן דעם

XXXI-טן און XXXII-טן). ווי נאָר עס ווערט פאַרטיק, וועל איך אייך גלייך צושיקן און בעטן אַריינשטעלן דעם קאַפּיטל אין מיין בוך. אייער איבערגעגעבענער

ש. ראַבינאָוויטש

№ 20

קיעוו, 20-IV. 90

כ'בין ערשט נעכטן געקומען צוריק פון אָדעס, וווּ איך האָב זיך באַטייליקט, אין דער ראָל פון אַ דעלעגאַט, אין די וואַלן פון מיטגלידער פון דער חברה „חובבי ציון", און כ'האָב דערהאַלטן אייער בריוו און אייערע בראָשורן, פאַר וועלכע איך דאַנק אייך האַרציק. איר קאָנט אייך גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי מיך האָט פאַראומערט אייער בריוו, ווי איר גיט מיר צוּוויסן וועגן אייער באַשלוס אָפּצוזאָגן זיך, לפּחות אויף אַ באַשטימטע צייט, פון די רעצענזענט-פליכטן. איך וואָלט אייך געבעטן זיך צו באַמיען לפּחות, אַז אָן אייך זאָל קיינער וועגן 2-טן באַנד פון דער „יידישער פאָלקס-ביבליאָטעק" קיין רעצענזיע נישט שרייבן, וואָרים איך ווייס, ווער און ווי אַזוי עס וועט זיך נע-מען צו דער דאָזיקער אַרבעט; מען וועט זיך אויך נישט באַ-גיין אָן שמוץ און פאַלשע ידיעות, פאַר וועלכע מ'האָט שוין געגעבן אַן אָרט אינם „בריוו-קאַסטן פון דער רעדאַקציע" אין דער כראָניק פון „וואָסכאָד". איך וואַרט אַ ידיעה וועגן אייער נייער אויסגאַבע, ווו איך דערקלער מיך לכתחילה פאַר אַ מיט-אַרבעטער אין וואָרט און טאַט.

אינגאַנצן אייערער

ש. ראַבינאָוויטש

№ 21

באָיאַרקע, 17-טער מאַי 1890

אייער בריוו האָט מיך דערפרייט: ענדלעך וועלן מיר זיך
באַקענען. צי וועט איר אָבער זיין אין קיעוו טאַקע ב ק ר ו ב?
יעדנפאַלס, אויב איר וועט קומען קיין קיעוו, בעט איך אייך
פאַרפאָרן אָדער קיין קיעוו אויף עליזאַוועטינסקע=גאַס נומער 8,
אָדער קיין באָיאַרקע, דאַטשע 26, ווי איר וועט וועלן. מיין
עצה איז, איר זאָלט פאַרפאָרן גלייך קיין באָיאַרקע, פון וואַ-
נען עס זענען פאַראַן אַ 5—6 קיעווער צוגן אַ טאָג. דר. מאַנ=
דעלשטאַם וווינט אויך אין באָיאַרקע, ד. ה. ער קומט טאָג=
טעגלעך צופאָרן 5 אַזייגער מיטן דאַטשע=צוג און פאַרברענגט
דאָ ביז צו מאָרגנס אין דער פרי, ווי דער שטייגער פון אַלע
דאַטשניקעס. איך ראָט אייך דעריבער אַזוי צו טאָן, כדי ס'זאָל
אייך נישט אויסקומען צו נ ע כ ט י ק ן אין קיעוו, וואָס עס
איז וויכטיק אין אַ ל ע פרטים. ווייטער פאָדער איך און שטיי
אָן אויף אייך מיט דער בקשה, איר זאָלט קומען וואָס=גיכער,
ווייל אין יוני=יולי — ווער קאָן וויסן? — קאָן נאָך דר. מאַנ=
דעלשטאַם ערגעץ=ווו אַוועקפאָרן. עס איז קלאָר, דאַכט זיך, ווי
אַ זומערדיקער טאָג, אַז איר ד אַ ר פ ט תיכף קומען צופאָרן, —
און צו אייער פולשטענדיקער דיספּאָזיציע שטייט מיין ווינטער=
וווינונג, וועלכע איז איצט אינגאַנצן ליידיק, און אויך אַ גוט
אָפּרו=אָרט און די סאַמע „באַלעבאַטישסטע” גאַסטפריינדלעכ=
קייט אין באָיאַרקע. איך בעט אייך, סעמיאָן מאַרקאָוויטש,
זאַמט נישט לאַנג, וואָרים אין מיטן זומער קלייב איך זיך קיין
אָדעס. איך וואַרט אויף אייער בריוו מיט דער באַשטימונג פונם
טאָג אין וואָך, ווען איר קומט צו אונז צופאָרן. אינגאַנצן אייערער

ש. ר אַ ב י נ אָ וו י ט ש

פ. ס. — דער פאַל מיט ה' לינעצקין איז פאַר מיר נישט
קיין נייעס *): דער דאָזיקער אומדערטרעגלעכער מחבר קאָסט

---

*) . פיים דאָזיקן בריוו פון שלום-עליכם האָב איך געפונען אַ בריוו פונם באַקאַנטן שרייבער לינעצקי פון אָדעס, אַדרעסירט צום רעדאַקטאָר פון „וואָסכאָד” און צוגעשיקט מיר „צום באַשטעטיקן”. לינעצקי — אַ טאַלאַנטירטער, נאָר אַפיסל

מיך אָפּ אַפּאַך געלט, בלוט און לעבן. 70 טײװאָלים און 140 מכשפות דעם, װאָס האָט אויסגעטראַכט אַ יידישע זשורנאַליסטיק און ײדישע שרײבער.

№ 22

באַיאַרקע, 14 יוני 99

דערהאַלטן אייער קאַרטל און איך זע, אַז איר זוכט די געלעגנהייט צו קומען דווקא דעמאָלט, ווען איך וועל נישט זיין אין דער היים, ווייל קיין אָדעס רופט מיך אַרויס... (אַן אומ־לעזבאַר וואָרט); גאַנץ מעגלעך, אַז מ׳קען מיך אַרויסרופן יעדן טאָג פון 20־טן ביזן 25־טן יוני. איך וועל דאָרט בלייבן 8 טעג. נאָר איך האָב געפונען אַ „מאָדוס וויווענדי“, אַז די באַגעגע־ניש פון די „צוויי אייראָפּעישע שריפטשטעלער“ זאָל צושטאַנד קומען פאַר יעדן פרייז, דהיינו: סיי איך און סיי איר זענען מיר זיך ביידע מתחייב אינם טאָג פון אונזער אַרויספאָר פון דער היים מודיע צו זיין איינער דעם צווייטן מיט אַ קורצער טעלעגראַמע: „כ׳פאָר אַרויס היינט“, אַזוי אַז יעדער איינער פון אונז וועט געווי וויסן לכתחילה וועגן צווייטן. אויב, למשל, איך וועל דעם 18־טן, 19־טן אָדער אפילו 20־טן באַקומען אייער דעפּעשע וועגן אייער אַרויספאָר קיין באָיאַרקע, וועל איך, נישט קוקנדיק אויף דער אַרויספאָ־דערונג, וואַרטן אויף אייך אַ טאָג־צוויי, און מיר וועלן, נאָכן פאַרברענגען דאָ אַ קורצע צייט, קענען צוזאַמען אַרויספאָרן קיין אָדעס. אָדער, אויב איך גיב אייך צו וויסן דעם 20־טן יו־ני וועגן מיין אַרויספאָרן קיין אָדעס, וועט איר זיך פאַרהאַלטן אין דער היים, לאָמיר אָננעמען, ביזן 25־טן אָדער 26־טן יוני,

---

„ווילדער“ שרייבער — באַקלאָגט זיך אויף שלום־עליכמען, וועלכער האָט אין 2־טן באַנד „ביבליאָטעק“ געקירצט און „איבערגעפּירט“ לינעצקיס ראָמאַן „דער וואָרם אין כריין“. זע וועגן דעם אין מיין אָפּהאַנדלונג וועגן דער „ביבליאָטעק“, „וואָס־כאָד“ 1890, בוך IX, זייטן 29—30 (II אָפּט.).

וועןאיך וועל אייך פון אָדעס מודיע זיין וועגן מיין צוריק־
פאָרן אַהיים. בקיצור, מיר וועלן האָבן ידיעות איינער פון
צווייטן. אַזוי־אַרום איז די „באַגעגעניש פון די צוויי שריפט־
שטעלער" פאַרזיכערט און פאַרזיכערט איז אויך די פּאָליטישע
גלייכגעוויכט פון אייראָפּע; אַזוי־אַרום וועט קומען אַן אַלגע־
מיינע אַנטוואָפנונג, די שטייערן פאַלן, די אינדוסטריע בליט־
אויף, „וגר זאב עם כבש" א. אז. וו. עס וואָלט געווען שטאַרק
כדאי, מיר זאָלן קענען זיין צוזאַמען אין אָדעס. דערווייל
שרייבט מיר יעדן טאָג אַ קאַרטל, כדי איך זאָל פונדעסטוועגן
וויסן, ווען איר האָט בדעה צו פאַרלאָזן מסטיסלאַוול, הגם איך
האָב — כ'מוז זיך מודה זיין — גאָרנישט צו דער דאָזיקער
שטאָט. איינגאַנצן אייערער

שלום עליכם

№ 23

באָיאַרקע, 20־ער יולי 1890

פאַריתומט און פאַראַלמנט קריך איך אַרום אַ גאַנצן טאָג
אין גאָרטן, איבער אייער באַליבטער אַלעע, און איך טראַכט
אַלץ וועגן דעם, ווי וויל דאָס וואָלט געווען, ווי גוט און
נוצלעך, ווען דאָס קלאַפּן פון אייערע זוילן לאָזט זיך הערן
אין עסצימער, מעג זיין אַפילו דעמאָלט, בעת איך שלאָף. דער
בעסטער באַווייז, ווי שטאַרק איך בענק, איז דאָס, וואָס כ'האָב
כמעט פאַר׳אָרן דעם אַפּעטיט!... נאָר גענוג צו זיין סענטימענ־
טאַל. לאָמיר רעדן וועגן וויכטיקערע זאַכן. עמאַ *), אייער גע־
ליבטע, זוכט עמעצן אַרום אין גאָרטן און פרעגט: „ווו דער
פּעטער?" אפשר ווייסט איר, חשובער הער, וועגן וועמען טרוימט
דאָס דאָזיקע מיידל? זייט מוחל, אַלס אַ פּאָטער נעם איך זיך
דאָס רעכט אַריינצודרינגען אין די האַרץ־געהיימנישן פון מיי־
נע טעכטערלעך, וועלכע זענען עפּעס צופיל היימיש מיט יידי־

---

*) שלום־עליכמס דריי־יעריק טעכטערל.

שע שרייבער. אגב, וועגן זיי, די שרייבער אונזערע... „צי זענען זיי אייך שוין אָבער נישט נמאס געוואָרן?" — וועט איר פרעגן. גאַנץ ריכטיק, זיי זענען מיר שוין שרעקלעך נמאס געוואָרן, נאָר פונדעסטוועגן ציט מיך צו זיי עפּעס אַ פאַרשאָלטענע קראַפט. איך בין זיכער, אַז ווען איך זאָל איצט זיין אין אַמעריקע, צי אין מסטיסלאַוול, וואָלט זיך זיכער די געשטאַלט פון דובזשעוויטשן 1) אַוועקגעשטעלט פאַר מיינע גייסטיקע אויגן... מיין בילדער-גאַלעריע פון שרייבער אָדער „אורייתא בגלותא" דרוקט זיך אין נר. 159 פון „המליץ". אין דעם זעלבן נומער טאַקע איז פאַראַן פאַר אייך אַסך אינטערעסאַנטס און אפילו נוצלעכס פאַר אייער אַרבעט. איך וואָלט אייך נאָך געשריבן און געשריבן, נאָר איך ווייס, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר, אַז איר שווימט אינם איצטיקן מאָמענט איבערן דניעפּער; וועט איר, הייסט עס, מיט דער לעבעדיקייט פון אייער טעמפּעראַמענט, פאַרברענגען אַ 3—4 טעג מיט „מאָטקען" 2), דערנאָך וועט איר אַ וואָך צייט פאַרברענגען אין דער שטאָט פּראָפּויסק, און ערשט אַרום הושענא-רבה וועט איר קומען אַהיים. אַזאַ מיינונג האָבן אַלע מיינע בני-בית, וועלכע שיקן אייך די האַרציקסטע גרוסן... כ'נעם אייך אַרום און בייס מיר די נעגל פון פאַרדרוס, — וואָס איך טו, איבעריקנס, שטענדיק. אינגאַנצן אייערער

שלום עליכם

№ 24

אָיארקע, 27-טער יולי 1890

כ'וואונדער זיך נישט לחלוטין, וואָס ביז היינט האָב איך נישט פון אייך קיין וואָרט. איך וואָלט זיך אַסאַך שטאַרקער געחידושט, ווען די פּאָסט ברענגט מיר פּלוצלינג אַ בריוו פון

1) אַן אַלטער משכיל אין קיעוו, מחבר פון אַ פּאָלעמיש ווערק „לא דובים ולא יער" און פאַרשידענע מאמרים און פירושים צו תנ"ך און תלמוד.

2) מרדכי בן הלל הכהן אין האָמעל.

אייך. דאָס נעמט, פונדעסטוועגן, נישט אַראָפּ פון אייך די אחריות פאַרן אונטערהאַלטן אונזער קאָרעספּאָנדענץ. מיר זענען אַלע געזונט און... זייט מוחל, לחלוטין נישט געזונט, נאָר מיר זענען קראַנק אויף כאָליערע, וועלכע הערשט ביי אונז. אינם איצטיקן מאָמענט בין איך קראַנק נישט אויף קיין געלעכטער; געטראַכט היינט, אַז איך האָב כאָליערע, געוואָלט שוין מאַכן אַלע נויטיקע הכנות, נאָר די ליטעראַרישע זינד האָבן נישט דערלאָזט. די זאַך איז אַזאַ, וואָס מיט אַ שעה צוריק האָב איך פאַרענדיקט אַ נייע דערציילונג אין יידיש, אַ קליין שעדעווער, מיטן טיטל „אַ קוויטל אויף ישוב ארץ-ישראל". איר דערקענט שוין לויטן קעפּל, אין וואָס עס האַנדלט זיך. דאָס שטערט אָבער נישט, אַז די דערציילונג זאָל אַרויסגעגעבן ווערן דורכן קיעווער קרייז „חובבי ציון", און פריער האָב איך בדעה אי-בערצולייענען דעם כתב-יד עפנטלעך טאַקע אין קיעוו. עס וועט עס אַ ביסל אַ ווימל טאָן אונזער מוראַשניק, רבונו של עולם! — געוועז ביי מיר דער מחבר פון „לא דובים ולא יער" *; אפילו צו-גאַסט קומען אונזערע יידישע שריפטשטעלער אין כאַלאַט און לאַטשן...

אינגאַנצן אייערער

ש. ראַבינאָוויטש

פּ. ס. — ב. ל. בערמאַן האָט מיר צוגעשיקט אַן איינ-לאַדונג זיך צו באַטייליקן אין דעם דורך אים אַרויסגעגעבענעם זאַמלבוך „פּאַלעסטינאַ". צי האָט איר געהערט עפּעס וועגן אָט דעם זאַמלבוך?

פּ. פּ. ס. — מאַכט 500 שפּרייזן און ענטפערט תיכף.

№ 25

קיעוו, 5-טער אויגוסט 1890

באַקומען, ענדלעך, אייער בריוו נאָך אַ לאַנגן, לאַנגן וואַרטן. כדי אַריינצוברענגען אָרדענונג אין אונזער בריוו-

*) דער אויבנדערמאָנטער דובושעוויטש

אויסטויש, וואָלט איך, אייגנטלעך, געדאַרפט וואַרטן אויף אַן ענטפער אויף יעדן צווייטן בריוו; נאָר דאָס וואָלט געהייסן וואַרטן נאָך אַן ערך אַ חודש, וואָס עס איז ביי מיין עקספּאַנסיווקייט אוממעגלעך. זינט דער צייט, ווען מיר האָבן זיך צונויפגעשמעקט, פיל איך אַ באַזונדערע באַדערפעניש צו טיילן מיט אייך מיינע געדאַנקען און געפילן; און אָט איז גאָר די מסטיסלאַוולער שווערקייט מיט איר לאַנגזאַמקייט אין איבערגעבן בריוו. אַך, ווי וואָלט איך שוין וועלן, איר זאָלט אַריבער קיין פּיטער! איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר איך האָב פיינט אייער מסטיסלאַוול! — אגב, אויך די ליטעראַטור הויבט אים אָן, משמעות, צו פאַרגעסן: מ'האָט אים אויסגעטוישט אויף ביאַליסטאָק, און דאָס אָרט פון אייער אַדל-פירער האָט איצט פאַרנומען דר. גראַנאָווסקי, אַ קינסטלער, אַן אולטראַ-רעאַליסט און טאַטואירער *). אָבער אויך דער לעצטער וועט, משמעות, אינגיכן אָפּטרעטן דאָס אָרט אַ דריטן העלד. נישטאָ קיין שום אייביקע זאַך אונטער דער לבנה. צי וועט מען אייך נעמען אין געריכט אַריין? מיך — נישט נאָר וואָס עס פרייט מיך נישט, נאָר עס מאַכט מיך אמת אומרויק. איך האָב מורא פאַר דעם וואָרט ווי פאַר פייער.

מיין דערציילונג, וועגן וועלכער כ'האָב אייך שוין גע-

---

*) עס רעדט זיך דאָ וועגן דער „מסטיסלאַוולער געשיכטע" (די דראָונגען מצד דער אָרטיקער מאַכט, אויפן סמך פון גובערנאַטאָרישן צירקוליאַר, צו שטראָפן קערפּערלעך אַלע יידן, וועלכע וועלן, בעתן באַגעגענען, נישט באַגריסן „נאַטשאַלסטווע"). דאָס פאַרעפנטלעכן דורך מיר דעם דאָזיקן פאַקט און זיין געעָריקע פאַרטייטשונג אין „וואָסכאָד" האָבן אַרויסגערופן אַ טומל אין דער רוסישער און אויסלענדישער פרעסע. אינגיכן האָט אָנגעמאַכט אַ רעש דער ווילדער איינפאַל פון דר. גראַנאָווסקי אין ביאַליסטאָק אויסצוברענען מיט לאַפּיס דאָס פּנים פון אַ קליין יידיש יינגל, וואָס האָט זיך אַריינבאַקומען אין זיין גאָרטן. מיר האָט דעמאָלט געדראָעט נישט קיין געריכט, ווי עס ווערט ווייטער געשריבן, נאָר אַן אַדמיניסטראַטיווע שטראָף, ווייל די „אָכראַנע" האָט גוט געוווּסט, פון וועמען עס שטאַמען די אַנטפּלעקונגען, וועלכע האָבן דעמאָלט אויפגערעגט די גאַנצע עפנטלעכע מיינונג. — ש. ד.

שריבן, איז שוין געלייענט געוואָרן אויף אַ זיצונג פון אונזע־
רע „חובבי״ און, ווי מען שמועסט, אַריינגעבראַכט אַלעמען
אין התפעלות. איך וועל זי איבגיכן דרוקן. צוזאַמען דערמיט
וועט אַרויס אויף דער וועלט נאָך איין אַרבעט מיינע, שוין
אין העברעיש: „פרוזדור וטרקלין״ — אויך מיטן צוועק צו
פּראָפּאַגירן די פּאַלעסטינישע אידעע — נאַטירלעך, אָן טענ־
דענצן, וועלכע איך האָב נישט ליב, און אויף אַ רעאַלן גרונט.
אגב, זאָגט מיר, ווי גאָט איז אייך ליב, ווי זאָל איך איבער־
זעצן אויף רוסיש דעם נאָמען „פרוזדור וטרקלין״?...

קיין באַזונדערע נייעס דערווייל ניטאָ. דער צושטאַנד פון
מיין גייסט איז אַלץ דער זעלבער; נאָר דערווייל רו איך זיך
אָפּ אין דער אַרבעט, ד. ה. איך שרייב אַלץ קליינע, הגם,
דאַכט זיך, געלונגענע זאַכן, און מערער אויף העברעיש, וועלכע
איך האָב שרעקלעך ליב געקראָגן. און איך יאָג זיך אַלץ, איך
איל, הגם, ווי איך האָב אייך געזאָגט, איך וועל נישט באַווייזן,
איך פּאַרשפּעטיק... נו, און ווי לעבט זיך עס אייך? איך זע
פּאָר, אַז איר קלייבט זיך ערגעץ־ווו און אוודאי קיין פּיטער.
און איך, וווהין קלייב איך זיך?...

אַדיע, טייערער פריינד, פאַרגעסט נישט. אייער איבערגע־
געבענער בלב ונפש

ש. ראַבינאָוויטש

№ 26

קיעוו, 28־טער אויגוסט.

וואָס שייך מיך גופא, האָט זיך אַזוי פיל אָנגעקליבן, אַז
ס׳איז פשוט אוממעגלעך און אַן עבירה צום שרייבן. איך לעב
אַ הינטיש לעבן. איך רו זיך אָפּ ערשט דעמאָלט, ווען איך
בין שוין שטאַרק פאַרנומען און פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. איך
שוועב אינם הבל־הבלימדיקן לעבנס־אַעראָסטאַט, אין אַלע ריכ־
טונגען. אין קאָפּ שווינדלט מיר, אין די אויערן קלינגט אָן
אויפהער, און מיין גאַנצע נשמה — ווי זי וואָלט געווען אין

עמעצנס הערשאַפט, אין דער מאַכט פון אַ היינט-צייטיקן דעמאָן; נאָר זעלטן גיב איך אַ קוק אַראָפּ אונטן, אויף דער וועלט, וועלכע שפרייט זיך אונטער מיר, און איך דערזע איר פּראַכט, שיכור זיך אָן מיט איר שיינקייט און לאַך איבער איר אומ-אויסשעפּלעכער נאַרישקייט. מיט איין וואָרט, דאָס איז נישט קיין לעבן, נאָר עפּעס אַ שדיכע, און איין גאָט ווייסט, ווו איך וועל אָנקומען — אוודאי אין גהינום...

מיין ניי יידיש ביכל וועט אינגיכן דערזען די וועלט. אַ דערציילונג, אַ הומאָריסטישע, לעבעדיק, באַוועגלעך און נישט אָן קיין פּסיכאָלאָגישן אמת. מיין העברעישע דערציילונג ווי-דער איז שוין אויך גרייט צום דרוק, נאָר איך בין פון איר געבליבן אומצופרידן, און זי וועט אפשר די וועלט נישט דער-זען, אויב איך וועל זי נישט באַאַרבעטן.

אינגאַנצן אייערער

ש. ראַבינאָוויטש

№ 27

קיעוו, 90 X 2

דאָס, וואָס איך גיי אייך דאָ מודיע זיין, וועט זיין פאַר אייך זייער פּיינלעך, אָבער ווי איז עס שיין פאַר מיר! אייער געבראָכענער פריינד, וועלכער האָט אַזוי שטורמיש אַדורכגעמאַכט אַ שטורמיש לעבן, איז געשטרויכלט געוואָרן און איז פאַר-לוירן... פאַרלוירן פאַר דער וועלט פון גאָלד און פּאַ-פּירן. ס׳האָט אויסגעשלאָגן זיין לעצטע שעה, און ער האָט אַוועקגעלייגט ס׳געווער און זיך אויסגעדרייט צו אַנט-לויפן. פאַרשטייט זיך, אַז ביז אַ צייט, וואָס וועט זאָגן די די „וועלט״? ווי וועלן עס אויפנעמען מיינע פריינט, די אויפּ-ריכטיקע און אומאויפריכטיקע? נאָר צי ליגט עס מיר איצט אין זינען? איך האַלט אייך פאַר מיינעם אַ גוטן, אויפריכ-טיקן פריינט און איך בעט אייך דערמאָנען וועגן דעם, וואָס מיר האָבן גערעדט אין באָיאַרקע. שוין דעמאָלט זענען די

ענינים געשטאַנען שלעכט, בלויז איין שריט, וועלכן איך האָב געמאַכט, כּדי אַרויסצוגיין פון דער אומבאַשטימטער און אומזיכערער לאַגע, האָט דערנענטערט דעם סוף. צוויי־דריי גרעסערע אומדערפאָלגן, צוויי־דריי שרעקלעכע באַנקראָטן — און איך האָב זיך דערזען אין פייער. אַרומגעכאַפּט פון אַ פלאַם פון חובות און פאַרפליכטונגען, וועלכע דראָען מיר נישט בלויז מיט אַ חורבן, נאָר אויך מיט עפּעס שרעקלעכס. וווהין איך וועל זיך לאָזן — ווייסט איין גאָט.

איך פריי זיך זייער, וואָס איר געפינט זיך אין אָדעס. אדני שלחך. דאָרט וווינט איצט מיין משפחה. צי דאַרף איך אייך בעטן, איר זאָלט זיין איר טרייסטער? טרעפט זיך מיט בן־עמין. ער איז אַ הייליקער מענטש. ביי אים וועט איר זיך דערוויסן דעם אַדרעס פון מיין ווייב און קינדערלעך. זייט געזעגנט, טייערער פריינט.

אינגאַנצן אייערער

שלום עליכם

# מענדעלע-אַבראַמאָוויטש

# מענדעלע-אַבראַמאָוויטש

(זכרונות)

## I

ער איז געקומען אויף דער וועלט אין די פינצטערע צייטן פון ניקאָלאַי דעם ערשטן און איז אַוועקגעגאַנגען אין די טעג פון באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. ער איז געווען אַ חדר-יינגל און דערנאָך — אַ ישיבה-בחור, אין דער ליטע, אין יענע יאָרן, ווען מען פלעגט זיינע חברים „כאַפן און אָפּגעבן" פאַר קאַנטאָניסטן. ער איז אַרומגעפאָרן איבער וואָלינער שטעטלעך, אין דעם ביידל פון אברהמלע דעם הינקעדיקן, אין דער צייט פון „ראַזריאַדן" און „פּאָימאַניקעס", ווען נאָך זיין אייגענעם אויסדרוק — „געפּאַטשטע האָבן געפּאַטשט זיך אַליין, צעדראַפּעטע האָבן געדראַפּעט איינער דעם אַנדערן" („ווינשפינגערל"). ער איז געוואָרן אַ לערער אין דער קאַזיאָנער יידישער שול אין קאמעניץ-פּאָדאָלסק אין די ערשטע יאָרן פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, ווען עס האָט זיך געדוכט, אַז אין דעם קאַזיאָנעם היטל מיט דער קאָקאַרדע ליגט די גאַנצע ישועה פאַר יידן. אין בערדיטשעוו און זשיטאָמיר האָט ער דורכגעמאַכט די תקופה פון השכלה און האָט זיך באַטייליקט אין דער מלחמה צווישן די השכלה-קרייזלעך און חסידים-קרייזלעך, וואָס האָט געברענט אַרום אים. אין דעם אַסימילירטן אָדעס האָט ער איבערגעלעבט די פּאָגראָמען פון אַלעקסאַנדער

דעם דריטן און ניקאָלאַי דעם צווייטן, די באַוועגונגען פון חיבת-ציון, ציוניזם, נאַציאָנאַליזם, סאָציאַליזם; ער האָט דער-לעבט, שוין האַלב פּאַראַליזירט, צו דער לעצטער רוסישער רעוואָלוציע. נאָר ער איז שוין געלעגן כּמעט אָן באַוווסטזיין אין די טעג, ווען פינצטערע וואָלקנס פון אַנאַרכיע און טעראָר האָבן באַדעקט די זון פון דער רעוואָלוציע. מיט אים איז אָפּגעשטאָרבן כּמעט אַ גאַנצער יאָרהונדערט פון אונזער גע-שיכטע. ער האָט אונז געלאָזן שטיין אויף דער שוועל פון גאָר אַ נייער היסטאָרישער עפּאָכע, וואָס דאַרף קומען נאָך דעם היינטיקן מבול.

דריי דורות זענען דורכגעגאַנגען פאַר זיינע קלוגע אויגן, וועלכע פלעגן טיף אַריינדרינגען אין אַלץ, צו וואָס זיי האָבן זיך צוגעקוקט. געשטאַלטן פון דריי תּקופות האָבן זיך אָפּגע-שפּיגלט אין זיינע ווערק, וועלכע האָבן אים געמאַכט פאַר דעם „זיידן" פון דער יידישער ליטעראַטור. זיין טאַלאַנט איז, ווי באַוווסט, אויסגעוואַקסן אין דער צווייטער העלפט פון זיין לעבן אויף אַזוי פיל, אַז ער האָט געמוזט איבערמאַכן פון דאָס ניי כּמעט אַלע ווערק, וואָס ער האָט געשריבן אין דער יוגנט. אין דער דאָזיקער צייט האָט ער געשאַפן זיין אייגענעם סטיל אין ביידע שפּראַכן, אין יידיש און העברעיש, זיין אייגענעם קוק אויפן לעבן, און ער האָט שוין נישט געקאָנט אָנערקע-נען פאַר זיינע גייסט-קינדער יענע ווערק, וואָס ער האָט אַ מאָל געשריבן אונטער דעם איינפלוס פון דער סביבה. יעדער שרייבער מוז די ערשטע יאָרן זיצן אויף קעסט, שפּייזן זיך און מפרנס זיין אַנדערע מיט פאַרטיקע מאכלים, פאַרטיקע גע-דאַנקען, וואָס זענען אָנגעטאָן אין מלבושים נאָך דער מאָדע; נאָר דאָס איז אַ סימן פון אַן אמתן שרייבער, אויב ער גייט אַראָפּ פון קעסט, שטעלט זיך אויף זיינע אייגענע פיס, הויבט אָן צו שאַפן זיינע אייגענע געדאַנקען, זיין שפּראַך, זיין סטיל, ווען ער ווערט אינדיווידועל אָנשטאָט קאָלעקטיוו, ווען ער ווערט אַליין אַ טיפּ אין דער ליטעראַטור, אַ מוסטער פאַר אַנדערע. אָט אַזאַ איבערגאַנג-צייט האָט איבערגעלעבט אַבראַ-

מאָוויטש אין די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, ווען ער איז געוואָרן מענדעלע מוכר-ספרים.

צום סוף פון דער דאָזיקער איבערגאַנג-צייט, ווען זיין טאַלאַנט האָט זיך אויפגעהויבן צו דער הויכקייט פון „ווינטש-פינגערל" — די גרויסע עפּאָפּעע פון יידישן לעבן, — בין איך מיט אים באַקאַנט געוואָרן. דרייצן יאָר בין איך דערנאָך נאָענט געווען צו אים, איך האָב געזען, ווי פון יאָר צו יאָר וואַקסן זיינע שעפערישע קרעפטן, ווערט טיפער זיין קוק אין לעבן, ווי אין אים ווערט מקוים די פסיכאָלאָגיש-ריכטיקע באַמערקונג פון דער אגדה: „תלמידי-חכמים כל זמן שמזקינים חכמה נתוספת בהם" — ביי עכט-גייסטיקע נאַטורן וואַקסט די שאַפונגס-קראַפט אויף די עלטערע יאָרן, אַזוי ווי ביי מיטעלע מענטשן, פאַרקערט, זינקט דער גייסט אויף דער עלטער. ביז דעם לעצטן יאָר פון זיין לעבן האָט דער 85-יעריקער זקן איינגעהיט אין זיך די קראַפט און דעם וווקס פון זיין גייסט.

דאָס איז געווען אין שפעטן האַרבסט פון יאָר 1880.

איך בין ערשט אָנגעקומען פון פעטערבורג קיין אָדעס און האָב נאָך נישט פאַרגעסן דעם געוואַלטיקן איינדרוק, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט דער צווייטער טייל „ווינשפינגערל", וואָס איז געווען געדרוקט אין יענעם יאָר אין שלום-עליכמס „פאָלקס-ביבליאָטעק". ערשט מיט אַ פּאָר חדשים פאַר מיין אָנקומען האָב איך אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג וועגן דעם ווערק אין אַ קריטישן איבערזיכט פון דער יידישער ליטעראַטור (וואָסכאָד, 1890, בוך 9: „פאָלקס-ליטעראַטור און המון-ליטע-ראַטור", פון קריטיקוס), ווו איך האָב פאַרגליכן „די מערקוויר-דיקע עפּאָפּעע פון אַבראַמאָוויטשן" מיט גאָגאָלס „טויטע נפשות", נאָך דעם אַרט שרייבן — אַ געמיש פון עפּאָס און ליריק. אין אַ גרויען נאָוועמבער-אָוונט האָב איך געמאַכט מיין ערשטן וויזיט צו מענדעלען. פון מיין וווינונג אין יענעם עק פון דער לאַנגער באַזאַרנע-גאַס, וואָס איז געווען נאָענט צום גרויסן פּאַרק אויפן ברעג ים, בין איך געגאַנגען אויף דעם אַנדערן עק, ווו די באַזאַרנע, דורכגייענדיק דורכן אַלטן מאַרק, שפּאַרט

זיך אָן אין די אָרעמע טיילן שטאָט, אַרום „טאָלטשאָק", נאָענט צו מאָלדאַוואַנקע. דאָרטן, אין אַ אַלט גרויס הויז צווישן קאַזאַרמעס, וואָס האָט אַליין אויסגעזען ווי אַ קאַזאַרמע, האָט דענסטמאָל פאַרנומען אַ גאַנצן שטאָק די רעפאָרמירטע אָדעסער תּלמוד־תּורה, וואָס וועגן איר האָט אַמאָל געשריבן דער באַוווּסטער הומאַניסט פּיראָגאָוו. העכער מיט איין שטאָק איז געווען די וווינונג פון סאָלאָמאָן מאָיסעיעוויטש אַבראַמאָוויטש, דער פאַרוואַלטער („זאַוויעדויושטשי") פון דער תּלמוד־תּורה. די דאָזיקע שטעלע האָט מענדעלע פאַרנומען שוין אַ יאָר צען, און האָט זיך געהאַלטן פאַר גליקלעך, וואָס נאָך די שווערע יאָרן אין דחקות אין זשיטאָמיר האָט ער געקריגן אַ זיכער שטיקל ברויט און האָט באַקומען די מעגלעכקייט צו שרייבן רויק אין דער פרייער צייט.

איך בין אַריין צו אים אין קאַבינעט. אַ הויכער שלאַנקער מאַן, מיט אַ היפּש ביסל גרוי אין די געדיכטע שוואַרצע האָר, מיט אַ קליין בערדל, מיט קלוגע אויגן און אַ ליב שמייכעלע, האָט מיך באַגעגנט און באַגריסט ווי אַן אַלטן באַקאַנטן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגער שמועס וועגן ליטעראַטור, פּאָליטיק, פּעטערבורג, אדעס, וועגן זיין „ווינשפינגערל" און דעם פּלאַן פון די קומענדיקע, נאָך נישט געשריבענע טיילן. מענדעלע האָט ליב געהאַט צו רעדן, נאָר ווי לאַנג ער האָט נישט גערעדט, האָט דער צוהערער נישט באַמערקט די צייט: אַזוי שיין און טיף, כאָטש אָפט פּאַראַדאָקסאַל, זענען געווען די געדאַנקען, די ווערטער; אַלץ איז געווען אייגנס, נישט פרעמדס, נישט גענאַשט פון ביכער. טאַקע אָט דאָ בשעת דעם שמועס געשאַפן מיט קנייטשן דעם שטערן, אַ דריי מיטן פינגער, עפּעס ווי אין אַ האַרבע סוגיא אין דער גמרא. מיר האָבן ביידע נישט באַמערקט, ווי דער שמועס האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין אָוונט, און אַז מיר האָבן אַ קוק געטון אויפן זייגער, האָבן מיר זיך ביידע צעלאַכט: מיר זענען אָפּגעזעסן אַ שעה פיר־פינף. „אָט — זאָגט ער — איר האָט זיך געאיילט אַהיים (פון אָנהויב האָב איך געזאָגט,

אַז איך בין געקומען אויף אַ קורצער צייט און וויל אים נישט שטערן), ניין, פון מיר גייט מען אַזוי גיך נישט אַוועק; נישקשה, מיר וועלן נאָך אַ ביסל שמועסן"... און אין פאָרהויז האָט ער מיך נאָך פאַרהאַלטן אַ היפּשע ווײַלע, אַזוי ווי עס וואָלט געווען נויטיק ענדיקן אַ וויכטיקן ענין...

שפּעט, אַרום האַ בער נאַכט, האָב איך זיך אומגעקערט אַהיים. עס איז געגאַנגען דער ערשטער שניי און האָט אָנגע-טון אין ווייסן די פּוסטע גאַסן, איך האָב געטראַכט וועגן דעם אַלטן-יונגן מאַן, וואָס האָט גערעדט מיט אַזאַ היץ, אַזוי אָרי-גינעל און קלוג — כאָטש נישט אַלץ נאָך מיין שטימונג, — וועגן דעם טיפן קוואַל פון געדאַנקען און געפילן, וואָס שפּרודלט אין דעם מחבר פון דער „קליאַטשע", „פישקע דער קרומער" און „ווינשפינגערל".

אין יענע יאָרן איז מענדעלע אַלט געווען 55 יאָר, לויט דער אָפיציעלער רעכנונג פון זיין ביאָגראַפיע, וואָס איז גע-שריבן דורך זיין חבר ל. בינשטאָק אין יאָר 1885. צו זיין ערשטן ליטעראַרישן 25-יעריקן יובילײ. נאָר ביי אונז אַלעמען, די אָדעסער, איז געווען אַ גרויסער ספק אין דער ריכטיקייט פון דעם רעכנונג, מען האָט דעם „זיידן" געהאַ טן פאַר על-טער אויף היפּשע עטלעכע יאָר. מענדעלע אַליין האָט נישט ליב געהאַט אַריינצולאָזן זיך אין חשבונות וועגן דעם ענין; עס איז ביי אים געווען עפּעס אַזוי ווי אַ מין פאָראורטייל, וואָס איז געקומען בירושה פון אַלטפרענקישע יידן זקנים, וואָס וועלן אייך בשום אופן נישט אויסזאָגן זייערע אמתע יאָרן. אָפטמאָל, בעת געסט פלעגן זיך ביי אים צונויפקומען אין זיין געבורטס-טאָג, דעם 20 דעצעמבער, און איינער פון די נישט-געניטע פלעגט זיך צו אים ווענדן מיט אַ פראַגע: „זיידע, וויפל יאָר איז אייך היינט געוואָרן?", פלעגט ער ענטפערן: „איך ווייס נישט, אָט פרעגט ביי אים (אָנווייזנדיק אויף מיר): ער איז אַ היסטאָריקער און דאַרף וויסן כראָנאָלאָגיע". און איך האָב שוין געמוזט זאָגן די אָפיציעלע דאַטע 1835, ווי עס שטייט געדרוקט אין בינשטאָקס ביאָגראַפיע, נישט מאַכנדיק

צו איר קיין „קריטישע" באַמערקונגען. מענדעלע האָט אַפילו נישט ליב געהאַט, אַז מען פלעגט אים אין יענע יאָרן רופן „זיידע", אַ נאָמען וואָס ס'האָט אים געגעבן דענסטמאָל „שלום-עליכם", וואָרים דער באַגריף „ליטעראַרישער זיידע" גיט שוין אַן אָנצוהערעניש אויף אַלטקייט. און אין דער אמתן האָט זיך מענדעלע געפילט יונג און שטאַרק, אפשר יינגער און לעבעדיקער פון ווען עס איז פון זיינע „אייניקלעך".

אינגיכן האָט זיך אַרום אונז געבילדעט אַ קליין ליטעראַריש קרייזל. אין אָנהויב זענען אַריין אין אונזער חברה מענדעלעס אַלטע באַקאַנטע — בן-עמי און ראַווניצקי, און שפּעטער זענען ביסלעכווייז צוגעקומען נאָך שרייבער און — גלאַט אינטעליגענטן. דערהויפּט האָבן מיר געפירט שמועסן און ויכּוחים וועגן אונזער ליטעראַטור, נאָר אַרום פּסח-צייט פון יאָר 1891 האָבן ביי אונז דעם ערשטן אָרט פאַרנומען פּאָליטישע ענינים. דאָס איז געווען יענער שרעקלעכער פּסח — די צייט פון גירוש מאָסקווע און אַנדערע גזירות, ווען אַלעקסאַנדער דער דריטער און זיין רעגירונג האָבן אונז אָנגעמאַכט אַזוי פיל אָפיציעלע פּאָגראָמען, עפּעס ווי אַ זכר לחורבן — צום צעניאָריקן יובל פון די ערשטע גאַסן-פּאָגראָמען אין די דרום-קאַנטן אין די 80-ער יאָרן. אַ טיפער שמערץ האָט אונז אַלעמען אַרומגענומען. מיר האָבן געפירט הייסע ויכּוחים, יעדערער לויט זיין שטאַנדפּונקט: איינער האָט געזען די ישועה אין פאַרשטאַרקן דעם ישוב ארץ-ישראל, דער אַנדערער — אין עמיגראַציע נאָך אַמעריקע, וואָס האָט אָנגענומען בקרוב אַ גראַנדיעזן כאַראַקטער. דער דריטער האָט פאָרגעשלאָגן אַן אַגיטאַציע-רייזע אין אייראָפּע אויפצוהויבן די וועלט קעגן דעם דעספּאָטישן רוסלאַנד (מיין פאָרשלאָג); איין מענדעלע נאָר האָט זיך נישט געשטעלט אויף קיין פּרינציפּיעלן שטאַנדפּונקט און האָט יעדעס מאָל אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג לויט דער שטימונג, וואָס האָט דאַן געהערשט ביי אים. פאַרשטייט זיך, אַז פון איין מאָל צו דעם אַנדערן האָט זיך ביי אים די מיינונג געביטן אַזוי ווי די שטימונג, נאָר יעדעס מאָל זענען זיינע

ווערטער געווען קלוג און אָריגינעל, און האָבן געגעבן שטאָף צום טיפן נאָכדענקען. -- אין יענער צייט האָט מען זיך גע־ריכט אויף אַ פּאָגראָם אין אָדעס, און איך געדענק, ווי מענ־דעלע האָט אַ מאָל אַ זאָג געטון: „מיין ווייב האָט שוין איינ־געפּאַקט די זאַכן אין די גרויסע קאַסטנס אויף רעדלעך, מיר זענען שוין מוכן ומזומן מקיים זיין די מצווה פון ויברח".

אַ פּאָעטיש־טרויעריקער זומער איז אָנגעקומען נאָך יע־נעם פרילינג. איך האָב זיך באַזעצט אין דער דייטשער קאָ־לאָניע לוסטדאָרף, אויפן שיינעם ברעג פון ים, אַ פּאָר שעה גאַנג פון אָדעס, דער „בורח" שלום־עליכם האָט זיך אומגע־קערט פון אויסלאַנד, נאָך זיין געשעפטס־אומגליק, און האָט זיך באַזעצט אונטערן שטאָט, אויפן „גרויסן פאָנטאַן" אויפן וועג קיין לוסטדאָרף. אינגיכן איז צו אונז געקומען פרוג, וואָס פּאָליציע האָט אים אַרויסגעשיקט פון פּעטערבורג. ער האָט געבלאָנקעט דעם גאַנצן זומער צווישן אָדעס און לוסט־דאָרף *). אין לוסטדאָרף האָט אויך געוווינט בן־עמי. דער זיידע מיט ראַוניצקי־ן פלעגן אָפט אָנפאָרן צו אונז פון שטאָט, פאַרכאַפנדיק אַמאָל אויפן וועג דאָס „אייניקל" — שלום־עליכמען. יענעם זומער איז שווער צו פאַרגעסן, יעדן פון אונז איז גע־ווען שווער אויפן האַרצן, הן פון אייגענע צרות, הן פון צרות הכלל, און דערפאַר טאַקע זענען מיר געווען צוגעבונדן איי־נער צו דעם אַנדערן. אָט צולייגן מיר זיך אַלע אויפן ווייסן זאַמד פון ברעג ים, קוקן שעהן לאַנג אויף דעם געוואַלטיקן וואַסער־פעלד, וואָס ציט זיך העט־ווייט ביז סטאַמבול, און מען רעדט. מענדעלע איז באַזונדערס גוט געשטימט. עס שיטן זיך ביי אים פערל פון מויל: אַנעקדאָטן, גלייכווערטלעך און אָפטמאָל ערנסטע דערציילונגען פון זיין לעבן, קינדער־שע שילדערונגען מיט טיפּישע געשטאַלטן פון זיינע באַקאַנטע

*) זע מיינע זכרונות וועגן שלום־עליכמען און פרוגן אין „יעווריעיסקאיא סטאַרינאַ" 1916 און אין זאַמלבוך „צום אָנדענק פון שלום־עליכם" (אויסגאַבע פון פרץ־פאָנד 1917).

(באַזונדערס פון דעם לערער-קרייז אין זשיטאָמירער ראַבינער-שול; צווייפעל, גאָטלאָבער, לערנער, סלאָנימסקי, סוכאָסטאַווער און אַנדערע), וואָס מען וואָלט זיי געקאָנט אַריינשטעלן אין דער ריי פון זיינע בעסטע ווערק. אָט גייען מיר איבער די בערגלעך און גריבער אַרום ים, און מענדעלע שפּרינגט מיט זיינע לאַנגע פיס און קלעטערט ווי מען דאַרף, נישט ערגער פאַר אונזערע יונגעלייט. מיר גייען אַריין אין גרויסן גאָרטן פון אונזער קאָלאָניע, — דער באַרימטער „שולצע גאַרטן“, — טרינקען טיי און ווייַן, עסן וויינטרויבן און אַנדערע פּרוכטן,— און דער שמועס ציט זיך ווייטער.

איך געדענק באַזונדערס אַ שיינע זומער-נאַכט אין אלול, נאָך אַזאַ שפּאַצירן, ביי מיר אין חויף פון דער דאַטשע. מיר זענען אַלע געזעסן אין דער „בעסיעדקע“, ביי דעם ליכט פון די אלול-שטערן, און האָבן געזונגען יידישע פאָלקס-לידער. פרוג האָט וווּנדערלעך שיין געזונגען דאָס ליד: „וואָס וועט זיין, אַז משיח וועט קומען?“ מיט אַזאַ פרומען פּנים און אַזעל-כע חסידישע העוויות, אַז קיינער וואָלט נישט געזאָגט, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַ נאָכגעמאַכטער פּאַראָדיע פון אַ מתנגד

די בויד וועט זיין פון פּארמעט און די רעדער וועלן זיין

פון עצי-גופר,

און די בייטש וועט זיין ציצית צוגעבונדן צו אַ שופר. —

האָט זיך צעגאָסן דאָס לידל אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, אין דער שטילער דייטשער קאָלאָניע. צו אמתע דביקות און התלהבות האָט אונז געבראַכט אַ חסידישער ניגון אָן ווערטער, וואָס בן-עמי האָט געזונגען. אַלע האָבן דאָס אינטערגעכאַפּט און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ כאָר-געזאַנג, מיט פאַרגלאַנצן די אויגן צום הימל, מיט צוקלאַפּן מיט די פינגער. מיר זענען געזעסן אַזוי ווי די חסידים ביים רבין צו שלוש-סעודות, און עס האָבן זיך געטראָגן ווייט צום ברעג ים טרויעריקע ניגונים, עפּעס ווי פאַרטראָגן אַהער מיט אַ ווינט פון די פעלדער פון וואָלין אָדער פּאָדאָליע, און דער ים האָט

עפּעס פון דער ווייטן צוגעברומט... מענדעלע איז געזעסן פאַר־טראַכט. אים האָט זיך אפשר געח׳ומט דאָס ביידל, אין וועל־כער דאָס יינגל פון קאַפּוליע איז אַרומגעפאָרן וואָלין, די השכלה־מיסיע און דער קאַמף מיט חסיד״ים אין קאַמענעץ און בערדיטשעוו...

25 יאָר זענען אַריבער פון יענער זומער־נאַכט, און בלויז די לעצטע צוויי יאָר האָבן אַוועקגענומען פון אונז דריי פון יענע, וואָס זענען געזעסן ביים שלוש־סעודות אין לוסט־דאָרף — שלום־עליכמען, פרוגן און מענדעלען.

## II

אונזער אָדעסער קרייזל מיט אַבראַמאָוויטשן בראש האָט זיך צוזאַמענגעקליבן רעגולער עטלעכע יאָר, צווישן 1891 און 1894. די אורחים פונם קרייזל זענען זיך דערווייל צופאָרן אין פאַרשידענע זייטן. פרוג קיין פּעטערבורג, שלום־עליכם — קיין קיעוו, און אין אָדעס איז פאַרבליבן אַרום אַ האַלבן טיש „שטענדיקע מיטגלידער״, צו וועלכע ס׳פלעגן פון צייט צו צייט צושטיין אויך מענטשן פון דער זייט. אונזער קליין קרייזל איז געווען אַ ריין־ליטעראַריש, אַן אומפּאַרטייִש, און אין דעם איז באַשטאַנען דער אונטערשיד צווישן אים און דעם מאַסאָנישן קרייז פון אחד־העם — „בני משה״, וואָס האָט דאַן עקזיסטירט אין אָדעס. אין יענעם קרייז האָבן אָנטייל גענומען די פּאַלעסטינצעס, די „חובבי ציון״, וואָס האָבן אָנ־גענומען אחד-העמס תורה: אָן דער גייסטיקער אויפלעבונג פון דער אומה איז נישט מעגלעך די אויפלעבונג פונם לאַנד. די „בני משה״ (אָדער „די רויטע יידעלעך״, ווי מענדעלע האָט זיי וויציק אָנגערופן אויפן סמך פון דעם נאָמען פון דער חברה און אויך דערפאַר, וואָס אייניקע אָנגעזעענע מיט־גלידער האָבן געהאַט רויטע האָר) פלעגן זיך צונויפקלייבן יעדן פרייטיק־צונאַכטס אין הויז פון זייער פירער, און דערביי צוגעלאָזט אין קרייז אויך זייטיקע, וואָס זענען נאָך נישט גע־

ווען אינגאַנצן באַהאַוונט אין זייערע ענינים. מיר פלעגן זיך צונויפקומען שבת־צונאַכטס. מיר דוכט, איין ראַוויניצקי פלעגט באַזוכן גלייכצייטיק ביידע קרייזלעך גאַנץ רעגולער, און מענ־דעלע האָט אים אָנגערופן „דער שליח פון יענער זייט סמבטיון״. לכתחילה פלעגן מיר זיך על פי רוב צוזאַמענקלייבן אין דער נייער, גרוימער און ליכטיקער דירה פון אַבראַמאָוויטשן, וואָס מ׳האָט אַוועקגעגעבן פאַרן פאַרוואַלטער אין דעם ניי־אויסגע־בויטן הויז אויף דעגטיאַרנער גאַס: שפּעטער האָבן מיר זיך צונויפגעקליבן לויט דער רייע אויך אין די דירות פון אַנ־דערע אָנטייל־נעמער — ביי מיר, ביי בן־עמין, ביים פאַרשטאָר־בענעם ווילן דאָקטאָר מיכעלסאָן. אויסער די שבתדיקע פאַר־זאַמלונגען זענען נאָך געווען אויסערגעוויינלעכע באַגעגענישן: אויף פאַמיליע־אָוונטן, אין ימים־טובים און אין דער נאַכט פון ניי־יאָר. די שפּראַך אין אונזער קרייזל איז געווען, ווי געוויינלעך דאַן אין אָדעס, רוסיש, און, פאַרשטייט זיך, מיט אַ שטאַרקן צומיש פון יידישע ווערטלעך. מענדעלעס רוסיש איז נישט פריי געווען פון טעותים, נאָר מיר האָבן עס וויי־ניק־וואָס באַמערקט: אַזוי רייך איז דער רוסיש געווען מיט אָריגינעלע אויסדרוקן, לעבעדיקע געשטאַלטן. אָפטמאָל פלעגט ער זיין רוסיש באַפּוצן מיט פליטערלעך פון אונזער פאָלקס־שפּראַך.

אויב צווישן אונז איז געווען אַ מענטש, וואָס איז גע־שטאַנען אויסער וואָסער־ס׳איז פאַרטיי אָדער פּראָגראַם, — איז עס געווען מענדעלע. ער איז געווען אַן אומפּאַרטיייִשער, נישט צוליב אויסערלעכע סיבות אָדער צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך נישט געקאָנט איינפּאַסן אין די ראַמען פון די עק־ז סטירנדיקע פאַרטייען, נאָר דערפאַר, וואָס לויט זיין נאַטור האָט ער נישט געקאָנט זיין קיין אָנהענגער פון אַ באַשטימטער אידעישער ריכטונג אין געזעלשאַפטלעכע פראַגן. ער האָט נישט געקאָנט אָנערקענען וואָסער ס׳איז פּראָגראַם פאַר נויט־ווענדיק, אָדער וואָסער ס׳איז פּרינציפּן־סיסטעם פאַר אַ דורכ־אויס באַשטימטע זאַך. אין סאָציאַלן און פּאָליטישן הינזיכט

איז ער, לויט זיין נאַטור, געווען אַ „חילדער". ער האָט גע־האַט דאָ שטימונגען, סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, אָבער נישט קיין פעסטע פּרינציפּן, און די שטימונגען האָבן זיך ביי אים אָפט געביטן אין שייכות מיט זיינע פּערזענלעכע, סוביעקטיווע איינדרוקן, למשל, פון זיין באַציונג צו דער אָדער יענער פּערזאָן, פאָרשטעער פון דער אָדער יענער פּאַרטיי. ער האָט נישט ליב געהאַט די מאָדערנע און טומלדיקע פּאָליטישע באַ־וועגונגען, ווייל וואָס מער אָנהענגער די באַוועגונג האָט פאַר־מאָגט, אַלץ מער האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט צו באַאָ־באַכטן אין ד י פ ע ר ז אָ נ ע ן לעכערלעכע אָדער נעגאַטיווע זייטן, די פאַרקריפּלונג פון דער אידעע ביי די ווייניק־באַ־ווסטזיניקע מענטשן, וועלכע זענען צוגעשטאַנען צו איר, און ער, ווי דער קינסטלער פונם לעבנס־שטייגער, איז אין זיין אָפּשאַצונג געגאַנגען שטענדיק פון פּערזאָנען צו אידעען און נישט פאַרקערט. אַזוי־אַרום איז ער נישט צוגעשטאַנען צום אָפיציעלן חיבת־ציון (ציוניזם איז ביז 1897 נאָך נישט געווען), וואָס האָט געהאַט אין אָדעס זיין אָרגאַן — דער פּאַלעסטינער קאָמיטעט, הגם ער האָט זייער סימפּאַטיזירט מיט דער אידעע פון ישוב ארץ־ישראל און פּערזענלעך האָט ער שטאַרק גע־האַלטן פון איינעם פון די פירער מיט דער חברה — פון ד"ר פינסקער. דער אַלטער „משכיל" פונם קרייזל פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול, דער יוגנט־פריינט פון מ. מרגלית, אַבראַמאָוויטש איז דאָך נישט אַריין אין דער געזעלשאַפט פון די אַסימילירנדע און אַסימיליאַטאָרן, ביי וועלכע דער הומאַ־ניסט מרגלית איז געווען דער העכסטער אויטאָריטעט, אַ ווי־לער לערער, וואָס האָט נישט געפאָדערט פון זיינע תלמידים קיין שום התחייבותן בנוגע צו דער נאַציע, — אויסער איין זאַך: טעאָרעטיש אנערקענען די מעלות־טובות פון יידישקייט און איר עטיק. מענדעלע האָט נישט ליב געהאַט די אַסימי־לאַציע (יעדנפאַלס אינם אָדעסער פּעריאָד פון זיין לעבן), אָבער קעמפן מיט דער אַסימילאַציע צוזאַמען מיט די נאַציאָ־נאַליסטן, לכל הפחות, אין דעם געביט פון שול און קולטור,

האָט ער נישט געהאַלטן פאַר מעגלעך, ווייל ער האָט נישט אָנערקענט קיין באַשטימטע פּאָזיטיווע סיסטעם פון נאַציאָנאַליזם, נישט פונם פּאָליטישן, נישט פונם קולטור־אויטאָנאָמיסטישן. ער איז געווען אי אַ פרײדענקער, אי אַ רעליגיעזער: ער האָט צוגעגעבן אַ באַזונדערע באַדייטונג די וויכטיקסטע דינים און מנהגים (ווי אַ פאַרוואַלטער פון אַ תּלמוד־תּורה האָט ער אָפיציעל געדאַרפט אָפּהיטן שבת, ימים־טובים, היטן כשרות א. אַ. וו.) און זיך באַצויגן גאַנץ געדולדיק צו דאָגמאַטישער פרײדענקעריי. אָבער אויך דאָ ווערט זײַן סבלנות דערגרייכט נאָר ביז אַ באַשטימטער גרענעץ. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן נישט די חוצפּהדיקע פאַרלײקענונג פון די אמונה־יסודות, נישט די שטאַרק־עקסטרעמע אויספירן פון דער ביבל־קריטיק, אויף וויפל ס'האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ קאָנקרעטער פאָרם (וועגן דעם — שפּעטער). דאָ איז ער געווען שטאָל און אײַזן, אָדער ריכטיקער — געוואָרן אַלץ פעסטער, וואָס מער ער איז געוואָרן עלטער. אין אַלע איבעריקע געביטן איז ער באמת אַ „פרייער קינסטלער" אין דער שאַפונג און אָנשויונגען. איך האָב נישט אײנמאָל געזאָגט אים אַליין און אויך ביים ביי־זײַן פון אַנדערע: איר, אַלס קינסטלער, קאָנקורירט מיט גאָט, וואָס לויט דער אגדה פאַרנעמט ער זיך דערמיט, וואָס ער בויט וועלטן און צעשטערט זיי, כּדי ווידער אויפצובויען: איר שטעלט־אויף אַ וועלט־אָנשויונג און דערנאָך וואַרפט איר זי אום. גאַנץ אָפט איז געווען אַ פאַרגעניגן צו שמועסן מיט מענדעלען אויג אויף אויג אָדער אין אַ קליינעם קרייזל: אַזוי טיף האָט ער אויפגענומען אַ געדאַנק אַפילו מיט זײַנע אָפּנייגונגען אָן דער זייט אין דער טעמע און מיט זײַנע פּאַראַדאָקסן; אָבער אויך אַ פאַרזאַמלונג, וווּ די אידעאָלאָגישע ויכּוחים האָבן באַדאַרפט ברענגען צו אַ באַשטימטן טעזיס אָדער באַשלוס, האָט מענדעלע נאָר געשטערט, ווי אַ פאַרקעפּערונג פון אַ אַנטיטעזיס; ער האָט טאַקע אויסגעמיטן אַזעלכע מיני פאַרזאַמלונגען.

אין אונזערע שבת־צונאַכטס־אָוונטן האָט מענדעלע אָפט

געלייענט פאַר אונז אויסצוגן פון זיינע ערשט־אָנגעשריבענע ווערק. אין יענער צייט האָט ער אויפגעהערט צו שרייבן יידיש און זיך אומגעקערט צו העברעיש, ריכטיקער — צו שאַפן אַ נייעם העברעישן סטיל. די סיבה איז געווען אַ צופעליקע: שלום־עליכם האָט אָנגעווירן זיינע פינאַנסן און אויפגעהערט אַרויסצוגעבן זיין „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק", און דער זיידע האָט נישט געהאַט ווו צו דרוקן דעם המשך פון זיין „ווינשפינגערל". קיין לייטישע פאַרלעגער אויף צו דרוקן ביכער אין יידיש זענען נאָך דאַן נישט געווען (דערנאָך האָבן האָבן זיך באַוויזן דער פאַרלאַג „אחיאסף" און אַנדערע, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן העברעישע ביכער) און מענדעלע האָט אַוועקגעוואָרפן זיין בעסטע און גרעסטע ערציילונג, און ס'האָט נישט געהאָלפן, וויפל איך האָב אין אים אַריינגעשמועסט, ער זאָל פאָרזעצן די אַרבעט אויף שפעטער. געווינלעך האָט ער געשריבן, ווען דער רעדאַקטאָר, אָדער אַרויסגעבער האָט אים געצווונגען, פאָדערנדיק אַ ערציילונג צוליב אַ זאַמלבוך אָדער זשורנאַל. אין יענער צייט האָט ראַווניצקי אַרויסגעגעבן אין אָדעס גאַנץ פיינע ליטעראַרישע זאַמלביכער א. נ. „פרדס", און מענדעלע האָט באַדאַרפט פאַר יעדן באַנד געבן איין אָדער צוויי מעשיות. ער האָט דאַן אויך געשריבן צוליב דעם וואַרשעווער „לוח אחיאסף". פאַר מיינע צייטן זענען אָנגעשריבן און כמעט אינגאַנצן פאַרגעלייענט געוואָרן דורך דעם מחבר פון דעם כתב־יד די דאָזיקע ערציילונגען: „בימי הרעש", „בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה", דער אַריינפיר אין „שלמה ר' חיימס". אין אָט די מעשיות האָבן געפונען אַן אויסדרוק די הייסע ויכוחים, וועלכע האָבן זיך געפירט אין די שבת־צונאַכטסן ביי אונזער קרייזל וועגן חיבת־ציון, אַמעריקאַנער עמיגראַציע, השכלה־עפּאָכע א. א. וו. שילדערנדיק די „שטורם־צייט" פון דער נייער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, האָט מענדעלע גאַנץ טרעפלעך כאַראַקטעריזירט זיך גופא צווישן די קעמפנדע פאַרטייען מיט דער פראַזע: „ויתרוצצו... האָבן זיך אין מיר די צוויי מענדעלעך געבוצקעוועט אינעווייניק,

געריסן זיך און געפליקט ווי די הענער״. אַט דער אידעאָלאָגישער „ויתרוצצו״, די וואַקלעניש צווישן די פאַרש־דענע געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען און דאָס אָפּלייקענען אַלע — איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם קינסטלער, אָבער נאָר אַזוי־אַרום האָט ער באַקומען די מעגלעכקייט צו באַמערקן די שוואַכע זייטן פון די אַלע ריכטונגען און שילדערן זיי אין די דערמאָנטע ערציילונגען.

אין 1896 האָט מענדעלע אָנגעהויבן איבערזעצן זיין „ווינשפינגערל״ אויף העברעיש (אונטערן נאָמען „בעמק הבכא״) צוליבן זשורנאַל „השלוח״, וואָס אחד־העם האָט דאַן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין אָדעס. דאָס איז נישט געווען סתם אן איבערזעצונג, נאָר אַ נייע קינסטלערישע באַאַרבעטונג מיט אַ באַנייטן אינהאַלט און וווּנדערלעך אויפגעלעבטע פאָרמען פון דער העברעישער שפּראַך. דער מחבר איז לאַנג געזעסן אויף יעדער שורה, און דער כתב־יד, וואָס ער האָט מיר געלייענט כמעט ביי יעדן באַזוך, איז געווען פול אָנגעפּיקעוועט מיט מעקעכצן און צוגאָבן און צושריפטן. ווען ס׳האָט זיך געענדיקט דער יידישער טעקסט און ער האָט באַדאַרפט שרייבן די ווייטערדיקע קאַפּיטלען גלייך אויף העברעיש, האָט מענדעלע אויף אַזאַ אופן פאַרגרינגערט זיך די אַרבעט. ער האָט פריער געשריבן די קאַפּיטלען אין יידיש, און דערנאָך אַליין זיי איבערגעזעצט אין העברעיש. „אַזוי איז מיר גרינגער — האָט ער געזאָגט — שאַפן דעם אינהאַלט, די לעבנס־בילדער אויף דער שפּראַך פון אָט דעם לעבן, און דערנאָך ערשט אָנקליידן די בילדער אין די קלאַסישע נאַציאָנאַלע קליידער״. (איך בין נישט ערב פאַר דער פּינקטלעכקייט פון אויסדרוק, נאָר דאָס איז געווען דער אינהאַלט). ס׳איז כאַראַקטעריסטיש נאָך אַ פאַל, וואָס ס׳האָט מיר איבערגעגעבן איינער פון מענדעלעס ליטעראַרישע „אייניקלעך״. דאָס „אייניקל״ קומט אַריין צום „זיידן״, ער טרעפט אים ביים שרייב־טיש און ער פרעגט אים:

— וואָס שרייבט איר, זיידע?

— איך שרייב נישט, איך טרייב אַוועק פליגן — ענט־פערט מענדעלע.

— וואָס הייסט ?

— זעט איר, — ענטפערט מענדעלע, — אַז איך שרייב העברעיש, פאַלן אויף מיר אָן אַלע נביאים : ישעיהו, ירמיהו, די מחברים פון שיר השירים און תהילים, און יעדער פון זיי, ייגט מיר פאָר צו נעמען פאַר דעם אויסדרוק עפּעס אַ פּאַר־טיקן פסוק, אַ פּאַרטיקע פראַזע נאָר ביי אים. כדי אָנצושרייבן עפּעס נישט לויט אַ פּאַרטיקן שאַבלאָן, מוז איך לכתחילה אָפּטרייבן אָט די אַלע פליגן.

כדי צו באַפרייען זיך פון די מליצה־צוואַנגען, אין וועל־כע די בעלי־מליצה האָבן אַריינגעפּרעסט דעם לעבעדיקן, מאָ־דערנעם געדאַנק, האָט מענדעלע אַריינגעבראַכט אין זיין לאַבאָ־ראַטאָריע אַ רייכן מאַטעריאַל פון משנה־ און מדרש־אויסדרוקן, און דאָך האָט ער געהאַלטן פאַר מער נאַטירלעך צו שילדערן דעם היינטצייטיקן לעבנס־שטייגער אויף דער לעבעדיקער שפּראַך פון דעם לעבנס־שטייגער.

דער באַנייטער העברעיש האָט אויפגעלעבט אונטער דער פעדער פון מענדעלען אויך דערפאַר, וואָס ער האָט אים צו־געפּאַסט צום סטיל פון דער פאָלקס־שפּראַך פון די רוסישע יידן. אָבער כדי צו פאַרשטיין און צו קאָנען אָפּצושאַצן די שיינקייטן פון דעם ניי־מענדעלעשן העברעישן סטיל, איז וויכ־טיק, אַז אויך דער לעזער זאָל זיין באַקאַנט מיט די קוועלן און דער העברעישער מיטלאַלטער־ליטעראַטור, פון וואַנען דער קינסטלער האָט געשעפּט זיינע רייכטימער. עס איז די שפּראַך פון די גייסטיקע יחסנים, די קענער פון דער העברעישער ליטעראַטור פון פאַרשידענע תקופות און פאַרשידענע דיאַלעקטן. איך האָב עטלעכע מאָל באַרירט אָט די פראַגע אין מיינע שמועסן מיט דעם אַלטן פריינד און אים געזאָגט, אַז גאָר־גיך וועט מען מוזן דרוקן זיינע העברעישע ווערק מיט פירושים, וואָס זאָלן פאַרטייטשן די אַלט־אַלטע אויסדרוקן, ווי ס׳ווערן אַרויסגעגעבן איצט די ווערק פון שעקספּיר און ראַבלע, אָדער

מיט הערות־ערקלערונגען, וואָס באַגלייטן די טעקסטן פון ר׳ יהודה הלוי און אבן־עזרא. די קומענדיקע דורות, וואָס האָבן נישט געלערנט אין חדר און זענען נישט בקי אין תּלמוד, וועלן נישט פאַרשטיין יענע באַזונדערע שפּראַך־אויפטוער, וואָס ברענגען אונז אַריין אין אַ באַגייסטערונג. מענדעלע האָט עס נישט געלייקנט, און דערבײַ איז אונז ביידע געוואָרן שטאַרק אומעטיק...

וויפל אָוונטן בין איך אַזוי אָפּגעזעסן מיט מענדעלען, געהערט אים לייענען די ערשט־אָנגעשריבענע קאַפּיטלעך פון „בעמק הבכא״ („ווינשפּינגערל״) און געשמועסט דערנאָך וועגן דעם, וואָס מ׳האָט איבערגעלייענט... אָט קומט בין־השמשות, איך ענדיק מײַן אַרבעט און לאָז מיך דורך דער אוספּענסקי־גאַס צו דער תּלמוד־תּורה. איך קום אַריין, ס׳עפנט מיר אויף די טיר די פרוי, אָדער איינע פון מענדעלעס טעכטער (איך געדענק נישט, אַז אין אָט דער פאַמיליע זאָל זײַן ווען אַ דינסט). שטיל און אומעטיק איז אין די גרויסע צימערן פון דעם תּלמוד־תּורה־פאַרוואַלטער, ערגעץ אין אַ לעצטן צימער זיצט מענדעלע, איינגעבויגן אויף אַ כּתב־יד. ווי נאָר ער באַמערקט מיך, רופט ער אָפּטמאָל מיט שמחה אויס: „און איך האָב געפילט, אַז איר וועט קומען! ס׳ווילט זיך שמועסן מיט אײַך. איר ווייסט, וועגן וואָס איך האָב ערשט געטראַכט?״... און ס׳גייט אַוועק אַ לאַנגער שמועס וועגן אַלץ און אַלעמען. קענטיק, אַ גאַנצן טאָג האָט ער אין די ליידיקע צימערן געשוויגן און איצט ווילט זיך אים דאָ אָפּרעדן פון האַרץ, אַראָפּוואַרפן דעם עול פון געדאַנקען, וועלכע האָבן שטענדיק זיך געקליבן אין אָט דעם וווּנדערבאַרן קאָפּ, וואָס איז דאַן באַצירט געווען מיט אַ זילבערנע האָר־קרוין. דערנאָך קומט דאָס לייענען פון די קאַפּיטלען, וואָס ער האָט אָנגעשריבן זינט אונזער לעצטער באַגעגעניש. מענדעלע רוקט אַרויף די ברילן אויפן שטערן, טראָגט־צו צו די קורצזיכטיקע אויגן דעם גרויסן בויגן־פּאַפּיר, וואָס איז אָנגעשריבן מיט אַ געדיכטן פערלדיקן כּתב, און ער לייענט. ער באַווייזט מיר דעם בײַ־

ליקן בויגן פּאַפּיר און ער זאָגט מיט אַ שמייכל: „אַ גאַנצע מעשה וועט אַרויף אויף אָט דעם בויגן, וואָס קאָסט מיר נאָר אַ גראָשן — דער פּרייז פונם בויגן פּאַפּיר אין נאָענטן קלייטל", אָבער דער בויגן פּאַפּיר, וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט אַלערליי צוגעשריבנס, ווערט דערנאָך איבערגעשריבן אויף אַ נייעם בויגן מיט גאַנץ נייע און וויכטיקערע ענדערונגען. מענדעלע לייענט מוסטערהאַפט, אַקצענטירט די אַלע ניואַנסן פון טעקסט. ביי די לירישע ערטער, באַזונדערס ביי די באַשרייבונגען פון דער נאַטור און שטילער פּאָעזיע פון שטעטל, הערט זיך אין זיין שטימע אַ בענקשאַפט, ווי אַ געוויין נאָך די יונגע יאָרן, נאָך דער אַמאָליקער פּאַטריאַכאַלער וועלט. אָט לייענט ער מיר, למשל, אַזאַ לירישן פראַגמענט (פון דעם ערשטן קאַפּיטל אין צווייטן בוך „ווינשפינגערל"): „שאַ, שטיל איז סליחות־צייט אין דעם וואַלד, ווי אין קאַבצאַנסק שבת, ווען דער עולם שלאָפט נאָך מיטאָג, און די שטילקייט דאָרט וואַרפט אַ מרה־שחורה, די בוימער שטייען פאַרטראַכט, פאַרזאָרגט... זייער שאָקלען מיט די צווייגן — דאָס איז אַ ברעכן מיט די הענט, זייער זשומען — דאָס איז אַ ביטערער יאָמער, אַ זיפצן, אַ קרעכצן פון אַ געטרייער מוטער, וואָס בלייבט איבער אַליין נאָך דעם, ווי אירע קינדער צופאָרן זיך אין אַלע זייטן"... און מיר דאַכט זיך, ווי אין אונזער צימער וואָלט מען געהערט אָט דעם אומעטיקן גערויש פון וואַלד אין אָנהויב האַרבסט וואָס איז פאַרטראָגן פון ערגעץ אַ שטעטל, וואָס איז אַרומגע־רינגלט מיט אַ וואַלד. איך הער מיך איין צו די אומעטיקע סליחות־לייענען פון די פאַרטראַכטע, פאַרזאָרגטע בוימער...

ביי מענדעלען האָט דאָס לייענען פון די לירישע ערטער דערמאָנט באמת אין סליחות־זאָגן אויף טייערע ווייטע קברים.

נישט איינמאָל האָט ער מיר געזאָגט: „איך בין אויך אַ היסטאָריקער, נאָר אויף אַן אַנדער שניט. ווען איר וועט קומען צו דער געשיכטע פונם 19־טן יאָרהונדערט, וועט איר מוזן זיך באַנוצן מיט מיינע ווערק, כדי צו שילדערן דעם לעבנס־שטייגער פון די דעמאָלסטיקע דורות".

ער האָט מיר אָפּטמאָל דערציילט עפּיזאָדן פון זיין פער־זענלעך לעבן: וועגן יענע יונגע יאָרן, ווען ער האָט געלערנט אין ווילנער ראמיילעס־ישיבה, ווינטער איז ער דאָרט געשלאָפן אויף דעם קאַלטן פענצטער, ווייל ס'האָבן געפעלט בענק; וועגן דער צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין קאַמעניץ־פּאָ־דאָלסק מיט גאָטלאָבערן, אין קרייז פון „קאַזיאָנע" לערער און אַקציזניקעס־פראַנטן פון דער אָרטיקער בראָנפן־קאַנטאָר פון באַראָן גינזבורג. איך קאָן נישט פאַרגעסן זיין דערציילונג וועגן דער שווערער נויט, וואָס ער האָט געליטן אין זשיטאָמיר אין די לעצטע יאָרן פאַרן אָפּפאָרן קיין אָדעס (1879—1880): „די הוצאות זענען געווען גרויס: אַ משפחה — זאַלבע זיבן; די רשימות פון מיינע ווערק האָבן אַפילו נישט געקלעקט אויף דירה־געלט; די ווילנער און וואַרשעווער פאַרלעגער האָבן מיך באַגזלט: שטילערהייט איבערגעדרוקט די „טאַקסע", „קליאַ־טשע" און „דאָס קליינע מענטשעלע", בגנבה איבערפאַרקויפט איינער דעם צווייטן די סטערעאָטיפּן פון מיינע ביכער. איך בין דערגאַנגען דערצו, אַז איך בין נישט געווען זיכער מיטן מאָרגנדיקן טאָג. אין אָט דער שווערער צייט האָט מיר אַרויס־געהאָלפן באַראָן האָראַצי גינזבורג, וואָס האָט מיך געקענט נאָך פון מיין יוגנט, פון קאַמעניץ. ער האָט פון די פּעטערבורגער פריינט זיך דערוווּסט וועגן מיין שווערער לאַגע און אָנגעהויבן צו שיקן מיר יעדן חודש אַ באַשטימטע סומע געלט (דוכט מיר — ביז 100 רובל)".

מענדעלע האָט ליב געהאַט צו דערמאָנען זיך אין זיין נסיעה קיין פּעטערבורג, אין יענע יאָרן, ווען צווישן דער יידישער אַסימילירטער אינטעליגענץ האָט זיך דערוועקט דער אינטערעס צום פאָלק, און ס'זענען געגרינדעט געוואָרן די רו־סישע וואָכנשריפטן „ראַזסוועט", „רוסקי יעווריי" און דער זשורנאַל „וואָסכאָד". לכתחילה האָט מען אים אויפגענומען, ווי אַן אייגענעם אין דער ליטעראַרישער אַריסטאָקראַטישער משפחה. ווי ס'האָט זיך דאַן גערעכנט די גרופּע יידן, וואָס האָבן גע־האַט אַ שייכות צו דער רוסישער ליטעראַטור. מענדעלע האָט

דאַן און אויף אַ צייט שפּעטער שטאַרק געהאַלטן פון דער מיסיע פון דער יידישער ליטעראַטור אויף רוסיש, און ער האָט זיך געפרייט, ווען מ'האָט זיינע ווערק איבערגעזעצט אויף רו־סיש. צו די שרייבער־העברעיסטן אין פּעטערבורג האָט ער זיך באַצויגן קאַלט. ער האָט מיר, אגב, דערציילט וועגן זיינער אַ באַגעגעניש מיטן משורר י. ל. גאָרדאָן. אַבראַמאָוויטש איז גע־ווען עפּעס אָנגעשטויסן אויף גאָרדאָנען, אַלס סעקרעטאַר פון מפיצי השכלה. „איינמאָל — האָט ער דערציילט — גיי איך מיט מיינע באַקאַנטע אין פּעטערבורג און באַגעגן גאָרדאָנען. מען האָט אונז פאָרגעשטעלט איינער דעם צווייטן. גאָרדאָן האָט זיך געוואָרפן מיך אַרומצונעמען, איך אָבער האָב אויס־געשטרעקט מיינע הענט, ווי אָפּשטויסנדיק אים, און דערנאָך גאַנץ קאַלט דערלאַנגט אים מיין האַנט. ער האָט זיך פאַרלוירן און בלייך געוואָרן... דערנאָך האָב איך חרטה געהאַט פון אָט דעם ברוך־הבא, וואָס איך האָב אים געמאַכט". מען דאַרף באַ־מערקן, אַז די שטאַרק סוביעקטיווע, פּניותדיקע באַציונג צו מענטשן איז געווען איינע פון אַבראַמאָוויטשעס הויפּט־חסרונות. ער האָט געקאָנט צו שטאַרק פאַראַכטן אַ מענטש אויפן סמך פון נישטיקע פּערזענלעכע מאָטיוון, און אין זיינע שמועסן מיט פריינט האָט ער אָפטמאָל אויסגעגאָסן זיין כּעס אויף פיל מענטשן, נאָענטע און ווייטע. איך האָב אים אַמאָל גע־שטראָפט פאַר אָט דער באַציונג צו מענטשן, ביי וועלכע אים האָט זיך בכלל געוואָרפן אין די אויגן בלויז נעגאַטיווע און נישט פּאָזיטיווע שטריכן. דערפון שטאַמט זיין שלעכטע באַציונג צו די וויכטיקסטע יידישע שרייבער פון זיין צייט.

מענדעלע אָבער איז געווען שטאַרק שטרענג אויך צו זיך און צו זיינע אייגענע ווערק. זיינע זאַכן האָט ער כּסדר אָן אויפהער „געשליפן", זיי איבערגעמאַכט יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיי איבערגעדרוקט אָדער איבערגעזעצט פון איין שפּראַך אויף דער צווייטער. ער איז קיינמאָל נישט געווען צופרידן מיט דעם, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין די פריערדיקע יאָרן, און פיל פון זיינע מעשיות אין דער נייער באַאַרבעטונג האָבן ווייניק

שייכות געהאַט צום ערשטן וואַריאַנט: דאָס ווייזט, אַז זיין גרויסער פאַרשטאַנד איז אָן אויפהער געוואַקסן, ער האָט גע־קאָנט קריטיקירן זיך אין די אַלע פריערדיקע מדרגות פון זיין אַנטוויקלונג. אין אָט דעם כסדרדיקן דורשט צו פאַרבעסערן זיך — איז דער בעסטער סימן פון אַן אמתן שאַפונגס־גייסט.

## III

דאָס 1897־טע יאָר — דאָס קריטישע יאָר אין דער גע־שיכטע פון אונזער געזעלשאַפטלעכקייט — האָט אַריינגעבראַכט אַ פרישן שטראָם אין דעם לעבן פון אונזערע אָדעסער קרייז־לעך. ס'איז אַוועק די שווערע, אומבאַהאָלפענע צייט. ס'האָט גענומען זיך רירן און טומלען אַרום און אַרום. נייע ציוניסטן, הערצ׳יסטן, וואָס האָבן ערשט מקבל געווען די תורה אויפן באַזעלער באַרג־סיני, די אַלטע פאַלעסטינצעס, די קולטור־ציוניסטן, — די נאָכפאָלגער פון אחד־העמען, די נאַציאָנאַליסטן די פולע טיילווייזע אַסימילאַטאָרן פון דער אָרטיקער מפיצי־השכלה־נעסט, — דאָס אַלץ האָט זיך אויפגעפלאַנטערט אין איין קנויל, וואָס האָט זיך געקייקלט מיט אַ גוואַלטיקן גערויש איבער דער יידישער גאַס אין משך פון עטלעכע יאָר.

ווען כ'האָב זיך אומגעקערט פון מיין אויסלענדישער נסיעה אין האַרבסט 1897, האָט אונזער אָדעסער קרייזל זיך איבער־געאַנדערשט: מיר האָבן געגרינדעט אַ נייעם קרייז מיטן נאָ־מען „היסטאָריש־ליטעראַרישע קאָמיסיע" ביי דער אָרטיקער געזעלשאַפט „מפיצי־השכלה". „מפיצי־השכלה" איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען קיין שילד פון אונזער אידעאָלאָגיע, נאָר פשוט אַ שוץ קעגן די פּאָליציייִשע שטערונגען, כדי מיר זאָלן קאָנען פראַנק און פריי זיך צונויפקליבן אין דער לעגאַלער געזעלשאַפט און ווען עס איז צונויפרופן גרעסערע פאַרזאַמ־לונגען צוליב אונזערע פאָרטראַגן און לעקציעס. אין באַשטאַנד פון אונזער „קאָמיסיע" זענען אַריין: דער פאָרזיצער פון מפיצי־

השכּלה מ. מרגלית און זיין טרייער נושא־כּלים אין יידישע ענינים ל. סאַקער (נישט לאַנג געשטאָרבן אין פּעטערבורג), ש. י. אַבראַמאָוויטש, אחד־העם און איך. מענטשן פון פאַרשיידענע ריכטונגען, און צווישן זיי איינער אָן קיין שום ריכטונג, — מענדעלע — פאַרשטייט זיך, — זענען מיר זיך צוזאַמענגעקליבן צו פירן דיסקוסיעס וועגן פאַרשידענע גרונט־פּראָבלעמען, און געהאָפט אַזוי אַרום צו געפינען וואָסער ס׳נישט איז אַלגעמיינעם וועג אינם שאַפן אַ באַזע פאַר פאַראייניקטער נאַציאָנאַלער אַרבעט. אין משך פון 3—4 יאָר (ביז 1901) האָבן מיר זיך צונויפגעקליבן אין באַשטימטע אָוונטן איין מאָל אַ וואָך אָדער איין מאָל אין צוויי וואָכן אין דעם קאָמיטעט־לאָקאַל פון מפיצי־השכּלה, אין דער רייכער וווינונג פון איר פאָרזיצער ג. וויינשטיין אויף נאַדיעזשדינסקער גאַס, און דערנאָך אויף דעם ניקאָלאַיעווער בולוואַר. דאָ זענען שוין ביי אונז פאָרגעקומען אמתדיקע זיצונגען מיט אַ פאָרזיצער (מרגלית), מיט אַ סעקרעטאַר און פּראָטאָקאָלן־שרייבער (סאַקער), מיט סיסטעמאַטישע ויכּוחים, בכלל מיט אַ באַשטימטער דיסציפּלין, וועלכע האָט פאַרהיט פיל צייט, נאָר האָט שטאַרק געשטערט אונזער „ווילדן" מענדעלען.

עס זענען באַהאַנדלט געוואָרן דער עיקר טאָג־פּראָבלעמען: דער פּאָליטישער און גייסטיקער ציוניזם, נאַציאָנאַליזם און אויטאָנאָמיזם, די קולטור־אויפלעבונג, דאָס פּראָבלעם פון יהדות. יעדער איינער האָט אַנטוויקלט זיין סיסטעם, באַלויכטן די באַהאַנדלטע פראַגע פון זיין שטאַנדפּונקט. מרגלית האָט אַנטוויקלט זיין נעפּלדיקע טעאָריע וועגן דער קאָסמאָפּאָליטישער נאַטור פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אידעע, וועגן אונזער יודאַיסטישער אָדער עטישער מיסיע, און סאַקער האָט איבערגעלייגט זיינע ווערטער אויף אַ מער קלאָרער שפּראַך פון אייראָפּעישער פילאָזאָפיע און סאָציאָלאָגיע; איך האָב באַהאַנדלט די יסודות פון דעם דאַן נאָך נייעם סיסטעם פון אויטאָנאָמיזם און „נאַציאָנאַלע רעכט", וועלכע איך האָב אין יענע יאָרן אָנגעהויבן צו באַאַרבעטן אין מיינע „בריוו וועגן

יידנטום״; אחד-העם האָט זיך מער פאַרנומען מיט דער קריטיק פון אַנדערע אָנשויונגען איידער צו געבן אייגענע, און דורך אַ שטרענגן אַנאַליז האָט ער געצווונגען דעם קעגנער צו קומען נענטער צו דער אידעע פון גייסטיקן ציוניזם. נאָר איין מענדעלע האָט אָפּגעוואָרפן אַלע מיינונגען, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אויף דער זיצונג, און יעדעס מאָל האָט ער אַרויסגערוקט עפּעס אַ נייע, אויפן אָרט צוגעטראַכטע, טעאָריע. אָט זיצט ער אַזוי, מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער האַנט, ווי ער וואָלט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו די ויכּוחים, נאָר מיר ווייסן, אַז ער הערט זייער ווייניק דאָס, וואָס עס ווערט אַרום אים גערעדט; אין זיין קאָפּ ווערט צייטיק עפּעס אַ נייע טעאָריע אָדער אַ שיינער פּאַראַדאָקס. אָט קומט זיין ריי. ער הויבט אָן רעדן נישט צו דער זאַך. ער נעמט עפּעס איין פּונקט, איין געדאַנק פון דעם, וואָס עס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן, אָפּטמאָל גאָר אַ זייטיקן און באַהאַנדלט אים, גראָבט טיף פונאַנדער, דעקט אויף אין אים אַלץ נייע זייטן, פּאַרטיפט אים, — און ווען ער ענדיקט, ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט אונז אַוועקגעפירט ווייט-ווייט פון דעם באַהאַנדלטן ענין. מען באַמערקט עס אים, נאָר ער פאַרשטייט נישט דעם פאָרוווּרף: ער קען נישט אַנדערש, ער קען נישט גיין אין שפּאַן; ער גייט זיך מיטן וועג פון דיכטער, „אַהין, וווּהין עס ציט זיין פרייער פאַרשטאַנד״.

זענען געווען אויך קוריאָזן: עס עפנט זיך די זיצונג: דער סעקרעטאַר לייענט דעם פּראָטאָקאָל פון דער פאָריקער זיצונג, ווו עס זענען אויספירלעך און געווינלעך-פּינקטלעך איבערגעגעבן געוואָרן אונזערע ויכּוחים. יעדער איינער באַשטעטיקט דאָס אָנגעשריבענע אָדער טראָגט אריין קליינע צוגאָבן. אַבראַמאָוויטש אָבער דערקלערט, אַז ער האָט גאָרנישט געזאָגט דאָס, וואָס עס איז פאַרשריבן. דער סעקרעטאַר פּראָטעסטירט, די איבעריקע באַשטעטיקן די פּינקטלעכקייט פון פּראָטאָקאָל, און ער, צוגעקוועטשט צו דער וואַנט, רופט אויס: — „איך בין דען מחויב צו געדענקען אַלץ, וואָס איך האָב געזאָגט אויף דער

פאַריקער זיצונג ?"... און באמת, קאָן מען גערענקען אַ אימ־פּראָוויזאַציע, ווען אָנשטאָט איר קומט שוין איצט אַ נייע ? — ס׳פלעגט אָפט דערגיין ביז שטאַרקע סכסוכים. מיט זיינע פּאַראַדאָקסן האָט מענדעלע פאַרהאַ׳טן דעם גאַנג פון דער דיסקוסיע, און ער פלעגט דערפאַר באַקומען זיין פּסק פון אונז. דערנאָך האָט ער זיך געקלאָגט פאַר מיר: „וואָס טויג אונז אָט די גאַנצע קאָמיסיע מיט די ויכּוחים און די פּראָטאָקאָלן? אַ סך בעסער איז געווען, ווען מיר האָבן זיך שבת־צונאַכטס צונויפגעקליבן אין אַ היימישן קרייזל און זיך געשמועסט וואָס נאָר אונז האָט זיך געגלוסט". מען מאַכט אונז אָן אַ בייז לעבן", — האָט ער צוגעגעבן, ווענדנדיק זיך צו מיין פרוי און געוויזן אויף מיר, ווי אויף דעם אָנטיילנעמער פון דעם פאַרברעך.

די נייטראַלע פּאָזיציע פון אַבראַמאָוויטשן איז באַזונדערס שווער געוואָרן נאָך דעם, ווי די אידעישע פאַראייניקונגס-ציל פון דער ליטעראַרישער קאָמיסיע איז נישט דערגרייכט געוואָרן, און אונזערע ויכּוחים זענען אַרויסגעטראָגן געוואָרן פאַר דער עפנטלעכקייט, פאַר די שטאַרק־באַזוכטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון „מפיצי־השׂכּלה", ווו, אָנגעהויבן פון 1900, ס׳איז ליידנשאַפטלעך דעבאַטירט געוואָרן די פראַגע וועגן נאַציאָנאַלער דערציִונג. דאָ, אויף דעם קאָנקרעטן באָדן פון דער שול־רעפאָרם, האָבן זיך באַגעגנט און צוזאַמענגעשטויסן די נאַציאָנאַליסטן מיט די חאַ׳ב־אַסימילאַטאָרן פון קאָמיטעט „מפיצי־השׂכּלה". די ערשטע האָבן געפאָדערט צו פאַרשטאַרקן די יידישע לימודים אינם פּראָגראַם פון די פאָלקס־שולן, און די קאָמיטעט־לייט זענען געשטאַנען אויף דעם אוטיליטאַרישן שטאַנדפּונקט און דערמיט האָבן זיי אונטערגעהאַלטן די רוסיפיקאַטאָרישע טענדענץ פון דער רעגירונג אין דער יידישער שול. אין שטאָט האָט זיך אָרגאַניזירט (אומלעגאַל, פאַרשטייט זיך) אַ „נאַציאָנאַליזאַציע־קאָמיטעט", כדי צו קעמפן מיט דער אַסימילאַציע אין די יידישע אינסטיטוציעס. אינם קאָמיטעט זענען אַריין אויסער מיר און אחד־העמען, אויך אַנדערע געזעלשאַפט־

לעכע טוער (דיזענהאָף, לעווינסקי, ביאַליק, ראַווניצקי, ש. פּען, ד"ר לאַנדעסמאַן און אַנד.); די „מפיצי-השכלהניקעס" („פּראָסוועשטשענצי") האָבן זיך אָרגאַניזירט אונטער דער פירונג פון מרגלית, און אונזער מענדעלע איז פאַרבליבן אַליין, נישט מיט די, נישט מיט יענע. צו אונזער נאַציאָנאַלער אָפּאָזיציע האָט ער נישט געקאָנט צושטיין טיילווייז דערפאַר, וואָס זיין אָפיציעלער אַמט, אַלס פאַרוואַלטער פון תלמוד-תורה, איז געשטאַנען אונטער פּאָליציישער אויפזיכט פון דעם בילדונגס-קרייז „נאַטשאַלסטוואָ", וואָס איז געווען אַדורכגעדרונגען מיט רוסיפיקאַטאָרישע טענדענצן, — און מענדעלע האָט שטאַרק מורא געהאַט פאַר „נאַטשאַלסטוואָ", און צושטיין צו דער פאַרטיי פון מרגלית און אָדעסער „גבירים" האָט ער נישט געוואָלט. זיין נייטראַליטעט האָט אים פאַרמשפּט אויף אידעישער איינזאַמקייט. אין אָט די טעג האָט ער אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ אויף אַלעמען. איך געדענק אַזאַ שווערע סצענע: ער איז געזעסן אין אַ העלן פרילינג-טאָג ביי מיר אין קאַבינעט אין דעם סטורדזאָווער געסל, וואָס הינטער דער שטאָט; מיר טרינקען קאַווע און שמועסן וועגן דעם לעצטן צוזאַמענשטויס פון די פּאַרטייען אויף עפּעס אַ פאַרזאַמלונג. איך שטעל אים אַ פראַגע, בלי-ספק נישט צום ערשטן מאָל: פאַרוואָס שטייט ער נישט צו צו די קעמפער קעגן דער סכנה פון אַסימילאַציע צווישן דעם יונגן דור? מעגלעך, איך האָב דערביי געברויכט עפּעס אַ שאַרפן אויסדרוק. מענדעלע איז ברוגז געוואָרן. אַן אויפגערעגטער האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, דאָס גלעזל קאַווע האָט געציטערט ביי אים אין האַנט, און ער האָט אויסגערופן: „הייסט עס, איך בין אַ שלעכטער ייד, וואָס איך געהער נישט צו די נאַציאָנאַליסטן! ניין, איר אַלע זענט יידן מיט צוגעקלעפּטע צעטעלעך: נאַציאָנאַליסטן, ציוניסטן, פּאַלעסטינער, און איך בין גלאַט אַ ייד, נאָר פון אַזעלכע גלאַט-יידן באַשטייט אונזער גאַנץ פאָלק". וואָס האָב איך געקאָנט ענטפערן דעם באַליידיקטן פריינט? געוויס, מענדעלע איז אָרגאַניש אַ בעסערער, אַ מער-אמתער ייד, ווי מיר אַלע;

אָבער אין נאַציאָנאַל־פּאָליטישן קאַמף פון דער אינטעליגענץ איז ער לויט זיין נאַטור פאַרמשפט צו שטיין אָן דער זייט: ער דינט דער נאַציע מיט זיין ליטעראַרישן שאַפן, און דאָס איז אויך גענוג.

מען דאַרף באַמערקן, אַז די פראַגע וועגן דער שפּראַך אין דער שול — דאַן נאָך נישט פאַרשאַרפט אין אַזאַ מאָס, ווי נאָך 1905 — האָט ווייניק אינטערעסירט מענדעלען. ער האָט ווייניק געהאַלטן פון די נייע דאַן חדרים־מתוקנים, ווו ס'האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט קליינע העברעיסטן, און ער האָט חוזק געמאַכט פון די פּרוּוון צו מאַכן פון העברעיש אַן אומגאַנג־שפּראַך. אויך יידיש איז נישט געווען אין זיינע אויגן קיין וויכטיקער ערציונגס־פאַקטאָר אין שול. דער פּרינציפּ פון אונטערריכט אויף דער מוטער־שפּראַך איז נאָך דאַן געווען אַ „הילכתא דמשיחא”, אַ ווייטער טרוים, ווייל ביים צאַרישן רעזשים, נאָך פאַר דער קאָנסטיטוציע, האָט וועגן יידיש אַלס אונטערריכטס־שפּראַך נאָך נישט געקאָנט זיין קיין רייד. ווען אַבראַמאָוויטשן וואָלט באַשערט געווען צו דערלעבן ביז דער פולער אויטאָנאָמיע פון דער יידישער שול, וואָלט ער געוויס געהאַלטן פאַר יידיש אַלס אונטערריכטס־שפּראַך אין דער אָנפאַנג־שול, נאָר ביי דער געהעריקער גאַראַנטיע סיי פון גרינדלעכן לערנען פון דער מלוכה־שפּראַך, וואָס דעם האָט ער צוגעגעבן אַ גרויסע באַדייטונג. וואָס שייך דעם שול־פּראָגראַם, וואָלט ער פאַרלאַנגט צו לערנען העברעיש, תּנ״ך און די אמונה־יסודות פון יידנטום, מיט דער גאַראַנטיע גוט אָוועקצושטעלן דאָס לערנען פון די אַלגעמיינע געגנשטאַנדן.

דער תּנ״ך איז פאַר אים געווען אַ הייליקטום. ער האָט דערלאָזט אייניקע מעסיקע השערות פון דער ביבל־קריטיק, און אַליין האָט ער אָפטמאָל זיך געטיילט מיט מיר מיט זיינע אָריגינעלע פאַרטייטשונגען פון אייניקע תּנ״ך־טעקסטן, גאַנץ נאָענט צו די אָנשויונגען פון די ביבל־קריטיקער. נאָר דערלאָזנדיק אַזאַ מין קריטיק, אַלס אַ מקור פאַר שאַרפזיניקע שפּיצלעך, וואָס מ'קאָן וועגן זיי פירן אַ פּריוואַטן געשפּרעך,

האָט ער אין שרעק זיך צוריקגעוואָרפן פאַר אירע דרייסטע אויספירן, וואָס מ׳האָט געמאַכט עפנטלעך. באַזונדערס האָט אים אויפגעבראַכט דער אויספיר וועגן דעם לעגענדאַרישן עלעמענט פון משהס פּערזענלעכקייט. ס׳איז געווען אַזאַ מעשה, פרילינג 1903 האָט אַחד־העם געהאַלטן אַ רעפעראַט אין יידישן קלוב „בעסיעדאַ” וועגן משה. אחד־העם האָט קלאָר אַנטוויקלט דעם געדאַנק, אַז אונז איז גאָרנישט וויכטיק צו וויסן, צי ס׳האָט באמת עקזיסטירט משה, צי נישט; דער רעאַלער משה איז אייגנטלעך דער, וואָס לעבט אין דער פאָלקס־לעגענדע, אין די מוחות פון הונדערטער דורות, ווי אַ ווירקנדע היסטאָרישע קראַפט; יענער אָבער משה, וואָס ווערט געשאַפן אין די לאַבאָראַטאָריעס פון קריטיקער־וויסנשאַפטלער, איז אַ רעאַליטעט בלויז פאַר א קליינע גרופּע אַרכעאָלאָגן, פאָרשער, און איז נישט קיין רעאַלער פאָלקס־העלד, אַ באַוועגנדע קראַפט פון דער נאַציע. נאָכן רעפעראַט, בעת דער הפסקה, בין איך צוגעגאַנגען צו מענדעלען, איך האָב אים געטראָפן זיצן אַ פאַרטראַכטן, ערגעץ אין אַ ווינקל אינם גרויסן זאַל, ווו דער עולם האָט טומלדיק אַרומגעשפּאַצירט. איך האָב אים אַ פרעג געטון, וואָס זאָגט ער אויפן רעפעראַט. ער האָט אויף מיר בייז אַ קוק געטון און געזאָגט: „אין דער תורה שטייט געשריבן: „ולא ידע איש את קבורתו”, קיינער ווייסט נישט ווו משה איז באַגראָבן, איך אָבער האָב איצט געפונען משהס קבר: משה איז ערשט באַגראָבן געוואָרן אין קלוב „בעסיעדאַ” דורך אחד־העמען”. נאָר דאָס באַליידיקטע רעליגיעזע געפיל האָט געקאָנט דיקטירן אים אַזעלכע האַרבע ווערטער. איך האָב זיך באַמיט צו דערווייזן, אַז ער האָט נישט אַריינגעדרונגען אין תוך פון רעפעראַט, אַז דער רעפערענט האָט, אדרבא, פּראָקלאַמירט דעם טראַדיציאָנעלן משה פאַר אַ רעאַלן, לעבעדיקן געשטאַלט, וואָס איז געשאַפן דורך דעם פאָלקס־גייסט, און אָט דאָס איז יעדנפאַלס אַ וויכטיקער צוגאָב צו די עקסטרעמע אויספירן פון דער ביבל־קריטיק. מענדעלע אָבער האָט נישט געוואָלט דערלאָזן אפילו קיין ספק אין דער רעאַליטעט

פון דעם ביבלישן משה ווי א פערזאָן, וואָס האָט געלעבט אין דער ווירקלעכקייט, און נישט נאָר אין דער פאָלקס־פאָרשטע־לונג, אין אַזעלכע מיני אויפקלערונגען האָט ער געזען, ווי ס׳גראָבט זיך אונטער זיין הייליקטום.

און דאָך, נישט געקוקט אויף די אַלע חילוקי־דעות, זע־נען מיר געווען שטאַרק צוגעבונדן איינער צום אַנדערן, אין דעם לעצטן יאָר פאַר מיין אָפּפאָרן פון אָדעס קיין פעטערבורג, האָבן מיר זיך געוויינלעך געטראָפן נישט אין די קרייזלעך אָדער אויף זיצונגען, נאָר ביים שרייב־טיש אין אונזערע קאַ־בינעטן. ס׳האָט זיך געטראָפן, כ׳האָב שוין לאַנג נישט געזען דעם אַלטן, און מיר ווילט זיך אים זען, נאָר ס׳איז אַלץ קיין צייט נישטאָ: ווייל גייסטו נאָר אַריין צו אים — וועט ער פריער פאַר דריי־פיר שעה דיך נישט אָפּלאָזן, און דאָך ביי דער ערשטער מעגלעכקייט לאָז איך זיך פון מיין ווינקל ביים ים, אַרום די שטילע ווילעס, אויף אוספּענסקי, אַהין, ווו די גאַס, וואָס פירט צו דער געדעכטעניש פון די יידישע קוואַרטאַלן. אָט איז דאָס דריישטאָקיקע הויז פון דער תּלמוד־תּורה, וואָס קיניגט איבער די נידעריקע שכנישע הייזער. איך גיי אַריין אין דעם פּוסטן הויף, איך הויב זיך אויף אויף דעם העכערן שטאָק, איך גיי אַדורך פאַרביי די גרויסע, גרוימע צ מערן און טרעף מענדע־לען ערגעץ־ווו אין אַ ווינקל, אָפּטמאָל ביים טישל אין שלאָף־צימער, וואָס איז אָפּגעטיילט מיט אַ פאָרהאַנג פונם קאַבינעט: ער קנייטשט זיין הויכן שטערן און שרייבט און שרייבט...

„אַך, גוט! — באַגריסט ער מיך — אָט וועלן מיר זיך זעצן ביי דער הרובע, ווי גוטע ישיבה־בחורים, און מיר וועלן רעדן...”

און ס׳גייט אַוועק אַ לאַנגער געשפּרעך וועגן אַלץ, דער המשך פון אונזער צוועלף־יאָריקן געשפּרעך, ווי עס וואָלט גאָרנישט איבערגעריסן געוואָרן. ס׳איז נישט אָפּגעגאַנגען, ווי דער שטייגער איז, אָן דעם לייענען אַ פראַגמענט פון אַ נייער מעשה. אין יענער צייט האָט מענדעלע געשריבן זיין אויטאָביאָגראַ־פישע ערציילונג: „שלמה ר׳ חיימס”, — איינע פון זיינע

בעסטע ווערק. ביז איצט פיל איך נאָך דעם אַראָמאַט, דעם צויבער פון יענע פאָרלעזונגען: די אומפאַרגעסענע בילדער פון אַ יידישער דאָרפישער פאַמיליע, פון אַ שטעטל אין די האַרבסטיקע ימים־נוראים, די קיך אין דער נאַכט פון דאָנער־שטיק אויף פּריטיק, די חדר־יינגלעך, וואָס זענען נאָך נישט אַריבערגעטראָטן די גרענעץ פון זייער היימיש שטעטל, נאָר זענען שוין אויסגעווען מיט זייער רבין אין ארם־נהרים, מצרים און כּנען, און ווייסן, וואָס ס'האָט זיך געטאָן מיט דריי טויזנט יאָר צוריק.. איך האָב זיך צוגעהערט צו דער אייביקער מעלאָדיע פונם שטעטל, וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין אונזער ליטעראַטור, אָנ־געהויבן פון „זיידן" ביז דעם „אייניקל" שלום אַש, צו אָט דער וווּנדערלעכער מוזיק, וואָס האָט באַצויבערט און געמונ־טערט און באַלויכטן די הערצער פון צרות און געוואָרן די לעבעדיקע לעגענדע פון יאָרהונדערטער... עס ענדיקט זיך אונזער געשפּרעך. איך געזעגן זיך און גיי אַרויס אין פּאָ־דער־צימער, מענדעלע באַגלייט מיך און זעצט ווייטער פאָר דעם שמועס, האַלטנדיק מיך „פאַרן קנעפּל" (דאָס איז שוין געווען אַ טעכנישער טערמין פאַר די סוף געשפּרעכן). זומער־צייט פלעגט ער אַרויס מיט מיר, מיך באַגלייטן האַלב־וועג, נישט איבעררייסנדיק דעם שמועס, דערנאָך האָב איך אים אַביסל אָפּגעפירט, און אַזוי האָבן מיר אָפטמאָל געבלאָנקעט ביז האַלבע נאַכט.

שווער איז געווען אונזער צעשיידונג זומער 1903, צוויי חדשים נאָכן קעשענעווער פּאָגראָם, ווען איך האָב מיך פון דעם וואַרעמען אָדעס איבערקגעקליבן אין ווייטן, כמורנעם, קאַלטן, אָבער היימישן „צפון". אַ טיפער אומעט האָט געקלונ־גען אין די רייד פונם אַלטן פריינד, אויף דעם געזעגנ־באַנקעט, וואָס די פריינד האָבן מיר פאַר מיין אָפּפאָרן איינגע־אָרדנט אין סימאָן־זאַל. מענדעלע האָט דערמאָנט אין די שבת־צו־נאַכטסן אין אונזער קליין קרייזל, וועגן דעם געמיט־לעכן ליטעראַרישן ווינקל, וואָס מיר האָבן געשאַפן אין אָדעס... איך האָב געפילט, אַז איך שטיי אויף דער גרענעץ פון אַן

אַוועקגייענדיקער תּקופה אין מיין לעבן, אין וועלכער מענדעלע האָט געשפּילט אַ גאַנץ-וויכטיקע ראָלע.

נאָך צוויי מאָל האָב איך זיך געזעען מיט אַבראַמאָוויטשן: אין סוף פון 1909, און 1913, ווען איך האָב פאַרבראַכט אַ פּאָר וואָכן אין אָדעס. ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָט זיך דער „זיידע" אינגאַנצן געפינען אונטער דעם איינדרוק פון זיין זומערדיקער טריומף-נסיעה איבער די שטעט פון ליטע און פּוילן, ווו מ'האָט אים אַזוי רוישיק אויפגענומען. דעם לעצטן מאָל האָבן מיר באַנייט אונזערע אַלטע געשפּרעכן, אין די דעצעמבער-טעג פון 1913 אויף אַ צייט האָט ווי אויפגעלעבט דאָס אַמאָליקע. עס איז געווען אַ טומלדיקער ליטעראַריש-מוזיקאַלישער חנוכה-אָוונט. עס זענען זיך צונויפגעקומען פיל אַלטע פריינט. און ווידער אַמאָל האָבן מיר זיך צונויפגעקליבן דעם 20 דעצעמבער אין אָוונט אין דער וווינונג פונם זיידן — דעם „אימעניניק", וואָס האָט אויסגעזען נאָך גאַנץ מונטער, נישט געקוקט אויף זיינע 80 יאָר. נאָך איין באַנקעט לכּבוד דעם גאַסט איז פאָרגעקומען אין סימאָנס זאַל, ווו ס'איז זיך צונויפגעקומען די גאַנצע ליטעראַרישע משפּחה פונם אַלטן און נייעם אָדעס. איך בין געזעסן צווישן אַבראַמאָוויטשן און פרוגן, און אויף אונז האָט ווי געשוועבט דער שאָטן פון דער וווּנדערלעכער לוסטדאָרפער זומער-נאַכט אין 1891...

אָנהויב יאַנואַר 1914 האָבן מיר זיך געזעגנט אויף שטענדיק און אויף אייביק. אין אַ האַלב יאָר אַרום האָט זיך אָנגעהויבן דער אַלטוועלטלעכער מבול, — דער וועלט-קריג. דער ערשטער איז אַוועק פון דער וועלט מיין יוגנט-חבר פרוג, און צום סוף מענדעלע, מיט וועלכן ס'איז פאַרבונדן געווען דער אָדעסער פּעריאָד פון מיין לעבן.

מיט יעדן פריינט, וואָס גייט אַוועק אין דער אייביקייט, גייט אויך אַוועק אַ טייל פון אונזער אייגענעם לעבן. אויף אָט די חורבנות פון לעבן שטעלן מיר איבערן וועג דענקמעלער אין פאָרם פון זכרונות. אָט אַזאַ מין דענקמאָל שטעל איך אויך איצט דאָ צו די שלושים פון מיין אומפאַרגעסלעכן פריינט.

דעצעמבער 1917

## מענדעלעס בריוו

### 1

(פון רוסיש)

אדעס, 9 דעצעמבער 1892.

טייערער סימאָן מאַרקאָוויטש.

איך האָב זיך זייער דערפרייט פון דער ידיעה, אַז די אַרבעט ביי דעם זאַמלבוך, וואָס איר האָט פאָרגענומען, גייט אויף אַ גאַנג. באַשטימען די צייט, ווען מיר קאָנען זיך זען, קאָן איך, צום באַדויערן, נישט, ווייל עס ווענדט זיך נישט אָן מיר, נאָר אָן דער קראַנקייט פון אייער ליבן זונדל. איך ווינטש אים פון טיפן האַרצן גיך און פולקום געזונט ווערן. איך בין איצט שרעקלעך פאַרנומען אויף מיין שטעלע, מיינע אַמט-ענינים רויבן ביי מיר צו די גאַנצע צייט, און גיבן מיר נישט קיין איין פרייע מינוט, איך זאָל זיך קאָנען קאָנצענטרירן און טראַכטן מכוח אַ ליטעראַרישן ענין. דאָך האָב איך אָנגעשטרענגט אַלע כוחות פון מיין ווילן און זיך געצוווּנגען נעכטן אין אָוונט זיך זעצן צו דער אַרבעט, און מיט גאָטס הילף אָנגעשריבן עטלעכע שורות פון דער מעשה צוליב דעם זאַמלבוך. זאָל גאָט נאָר געבן כוחות צו שרייבן ווייטער. איר קאָנט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי שטאַרק עס ווילט זיך מיר צו זען זיך מיט אייך, נאָר... מ׳דאַרף ליידן און וואַרטן.

גיט איבער מיין האַרציקן גרוס אַלע אייערע.

אייער ש. אַבראַמאָוויטש

## 2

(פון העברעיש)

אדעס, מוש״ק, 4 אָקטאָבער 1903

מיין טייערער און ליבהאַרציקער פריינט!

אמת, פיל פרייד האָב איך געהאַט פון אייער טייערן בריוו, די שטאַרקע בענקשאַפט אָבער, וואָס איך האָב, טייערער, צו אייך, איז פאַרבליבן, ווי פריער, האָט נישט אויפגעהערט און וועט נישט אויפהערן כל-זמן מיר וועלן זיין איינער ווייט פונם צווייטן. די פערזענלעכע געשפרעכן, וואָס מיר פלעגן פירן איינער מיטן אַנדערן, קאָן מען נישט פאַרבייטן אויף די געשריבענע ווערטער. עס איז נישט גלייך דער פאַרגעניגן, וואָס מ׳האָט, בעת מען זעט דאָס פנים פון דעם געליבטן און מען הערט, ווי ער רעדט מיט דער – צו דעם פאַרגעניגן, וואָס מ׳האָט, בעת מ׳לייענט זיינס אַ בריוו. ווי עס איז ווייט דער חלום פון וואָר, אַזוי ווייט איז דאָס לייענען פון דעם לעבעדיקן וואָרט. און אויב ס׳איז שוין אַזוי באַשערט, איך זאָל נישט הערן אייערע רייד און איך זאָל זיך נישט זעטיקן וואַכעדיקערהייט מיט אייער בילד, באַזוכט מיך יעדנפאַלס וואָס אָפטער מיט אייערע בריוו און רעדט צו מיר דורך דעם „טרוים״.

פון אייער שוואָגער ר״מ טראָצקי האָב איך געהערט, אַז אייערע טעכטער זענען אַוועקגעפאָרן שטודירן און איר זענט געבליבן מיט אייער געערטער פרוי און זון אין אַ פרעמדער שטאָט; און איך קאָן דאָך אייך און אייער טייערע פרוי און ווייס, ווי שווער ס׳איז פאַר אייך דאָס צעשיידן זיך מיט די ליבע קינדער. ווייל אויך ביי מיר – זענען די קינדער אַוועק, דער אַהער און דער אַהין, און איך בענק נאָך זיי זייער שטאַרק.

דעם פאַריקן זומער האָב איך קיין רו נישט געהאַט, גאַנצע טעג בין איך געווען טרוד מיט דעם רעמאָנט פון דער תלמוד-תורה און מיטן אַכטונג-געבן אויף די אַרבעטער. איצט

וווין איך אין אונטערשטן שטאָק און האָב אַ פיינע דירה, וואָס קאָן שאַפן הרחבת־הדעת דעם מענטשן, אָבער מיינע פאַרשידענע זאָרגן לאָזן מיך נישט רוען, איך זאָל זיך קאָנען פאַרנעמען מיט דברי־תורה און ליטעראַטור, ווי ס'ווילט זיך מיר. ס'זענען דאָ אָן אַ שיעור שטערונגען און אויב גאָט וועט מיר בייהילפיק זיין און וועט נישט צונעמען פון מיר זיין הייליקן גייסט, וועל איך מיר נעמען צייט צו פאַרענדיקן דאָס בוך „ווינשפינגערל"[1] און וועל אים דרוקן אין דער צייטונג „דער פריינד"[2]. די פיל צרות, וואָס האָט געטראָפן אונזער פאָלק היינטיקס יאָר[3], האָבן מיך זייער שטאַרק דערדריקט. איך בין שטענדיק פאַרצאָרנט, מיין געמיט איז אויפגערעגט און אָפטמאָל וויין איך אין דער שטיל אויפן בראָך פון מיין פאָלק. אוי, וואָס איז געוואָרן פון אונז!

איך דאַנק אייער טייערע פרוי, וואָס האָט זיך דערמאָנט אָן מיר און אייך צוגערעדט אָנצושרייבן מיר. זאָגט איר, אַז כ'וועל איר קיינמאָל נישט פאַרגעסן אָט דעם חסד. מיין פרוי און מיין הויזגעזינד גריסן אייך, אייער פרוי און זון פריינטלעך.

איך בענק נאָך אייך, מיינע ליבע פריינט!

איך האָב אייך ליב מיטן גאַנצן האַרצן, איך האַלז אייך און קוש אייך פון וויטן.

ש. אַבראַמאָוויטש

איך בעט אייך אָנצושרייבן דעם ה' ס ע ו אין פעטערבורג, ער זאָל מיר אָפשיקן דעם האָנאָראַר פאַר מיין דערציילונג „איז זאַפּיסאָק איסרועל", וואָס איז געדרוקט געווען אין „וואָסכאָד"[4], ווייל דער ה' ה י ב ש, וואָס איז מיר באַהילפיק

1) די ערשטע טיילן פונעם ניי־באַרבעטן „ווינשפינגערל" האָבן זיך געדרוקט אין שלום-עליכמס „יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק", 1888—1889.

2) טאָגבלאַט, דערשינען אין פעטערבורג זינט 1903.

3) קעשעניעווער פּאָגראָם.

4) עס איז די „קליאַטשע", וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו דרוקן אין „וואָסכאָד" 1891. דער „וואָסכאָד" איז דערפאַר אָפּגעשטעלט געוואָרן אויף 6 חדשים דורך דער צאַרישער מאַכט.

געוועזן ביי דער איבערזעצונג, איז אַן אָרעמאַן און ער קוקט שטאַרק אַרויס אויף דעם באַצאָלן פאַר זיין אַרבעט. איר געדענקט געוויס, אַז איך האָב אייך געבעטן איבערצוגעבן די דערציילונג דעם ה׳ ס ע ו און זאָגן אים, ער זאָל פאַר איר אָפּצאָלן 100 רובל.

איך האָף, אַז איר וועט גלייך דערפילן מיין ביטע.

ידידך הנ״ל

## 3

(פון העברעיש)

אָדעס, 5 יאַנואַר 1904.

שלום אייך, טייערער פריינט!

אייער טייערן בריוו האָב איך באַקומען אין אָוונט פון מיין געבורטסטאָג[1], בעת דער היימישער עולם האָט זיך צונויפגעקליבן צו פאַרברענגען מיט מיר עטלעכע שעה, ווי דער שטייגער איז יעדן יאָר, — איך האָב מיך שטאַרק געפרייט מיטן בריוו. איך האָב אייך, מיין פריינט, דערמאָנט דעם גאַנצן אָוונט, און ווען איך האָב גערעדט וועגן אייך מיט מיינע נאָענטע פריינט, האָט מיין האַרץ זיך געצויגן צו אייך און אין מיין פאַנטאַזיע האָב איך מיר פאָרגעשטעלט, ווי איר, אייער פרוי און הויזגעזינד זיצן קעגן מיר, — אָבער דער סוף פון מיין פרייד איז געווען לייד, ווייל מיין געליבטער איז אַוועק און פאַרטריבן געוואָרן פון מיר. שווער איז פאַר מיר די צעשיידונג, מיין טייערער!... (די דאָזיקע ווערטער שרייב איך מיט טרערן).

אין די מינוטן, ווען איך בין פריי פון מיין אַרבעט, בין איך איינער אַליין אין מיין צימער, איך לייען, טראַכט און שרייב, טראַכט זיך אַריין און פיל מיט דעם צער פון אונזער פאָלק. איך ציטער, איך בין אויפגערעגט און פאַרצאָרנט און

[1] מענדעלעס געבורטסטאָג פלעגט מען יעדן יאָר פייערן דעם 20-טן דעצעמבער (לויטן אַלטן סטיל).

האָב קיין נחת-רוח נישט. באמת, פריינט מיינער, איך בין דאָ איינזאַם, איך האָב קיין נאָענטן מענטשן נישט, מיט וועמען צו פירן אַ שמועס, אין וועלכן ס'זאָל זיין תורה, ליבשאַפט און פאַרגעניגן. אַלע זענען איצט „מצוינים"1), אַלע האָבן איין שפּראַך און איינע רייד און דורכדעם האָבן זיך איצט פאַרמערט פאַרשטאָפּטע קעפּ און הערצער. און אַז איך זע אָט די אידיאָטן און איך הער זייערע פּאַרטיקע פּראַזן, ווער איך שטאַרק אויפגערייצט און אויפגערעגט, און דעריבער איז מיר די איינזאַמקייט אָנגעלייגט.

טיילט מיר מיט, טייערער, וועגן אייער געזונט און וועגן אַלץ, וואָס ס'טוט זיך ביי אייך, און וואָס טוט איר איצט אויסער דער אַרבעט איבער דער יידישער געשיכטע.

שוין לאַנג זענען נישט געווען אייערע אַרטיקלען אין „וואָסכאָד".

גריסט אייער חשובע פרוי און אייער הויזגעזינד. מיין פרוי און הויזגעזינד גריסן אייך אַלעמען פריינטלעך.

אוהבך ומוקירך בכל לב כל הימים

ש. אַבראַמאָוויטש

## 4

(פון העברעיש)

אַדעס, 26 דעצעמבער 1904.

ידידי וחביבי כנפשי.

פון טיפן האַרצן דאַנק איך אייך און אייער חשובער פרוי פאַר אייער ברכה, די ברכה פון טרייע פריינט צו מיין געבורטסטאָג. אייער בריוו איז אָנגעקומען בעת דער שמחה און אַ באַגריסונג-בריוו אין דער רעכטער צייט איז דאָך אַזוי

1) דאָס מיינט — ציוניסטן. דעם זעלבן אויסדרוק בנוגע די חובבי ציון און ציוניסטן באַנוצט מענדעלע אויך אין איינער פון זיינע דערציילונגען פון יענער צייט.

אָנגעלייגט! איך האָב אייך דערמאָנט אין יענעם אָוונט און פיל גערעדט וועגן אייך.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן און וואָס זאָל איך אייך שרייבן, טייערער, — עס איז מיר שווער די בענקשאַפט נאָך אייך. זינט מיר האָבן זיך צעשיידט איינער פונם אַנדערן, בין איך איינזאַם און האָב נישט מיט וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט. איך קוק זיך צו צו דעם אַלעם, וואָס ס'טוט זיך אין דער וועלט בכלל און אין אונזער אינערלעכער וועלט בפרט, איך הער זיך איין צו די אַלע געשרייען, דרשות, ויכוחים, פילאָזאָפיעס, און אָט די אַלע נאַרישקייטן קאָכן-אויף מיין בלוט, איך האָב קיין איין נאָענטן מענטשן נישט, מיט וועמען איך זאָל קאָנען זיך אַדורכשמועסן.

זיץ איך שטענדיק פאַרצאָרנט, אין כעס און שווייג.

איר ווייסט דאָך, אַז פאָריקן זומער האָבן מיר מיט מיין פרוי געוווינט אין שאַבאָ[1], געגעסן דאָרט וויינטרויבן צו זאַט. דעם קומענדיקן זומער וועל איך מיך אויך באַפרייען פון מיין אַרבעט און וועל אַרויספאָרן ערגעץ אין לאַנד אָדער אפשר קיין אויסלאַנד, און ביז יענער צייט, האָף איך, וועלן מיר נאָך שרייבן איינער דעם צווייטן און וועלן מודיע זיין וואָס ס'וועט געשען.

איך האָב צו אייך אַ בקשה, טייערער, און כ'האָף, אַז איר וועט מיר נישט אָפּזאָגן. עס פאָרט קיין ווילנע אַ יונגער-מאַן מעדוועדיצוו צו זוכן פאַר זיך אַ מקום-מנוחה, איך קען אים פאַר אַן ערלעכן און ליטישן מענטש. איך בעט אייך, איר זאָלט אים אויפנעמען פריינטלעך און וואָס איר קאָנט טון פאַר אים — טוט, איר וועט מיר דערמיט פאַרשאַפן אַ נחת-רוח. — — —

ידידך ואוהבך, הדבק בך בכל לב ובכל נפש

ש. אַבראַמאָוויטש

---

1) שאַבאָ, פיגורירט ביי מענדעלען אין זיין דערציילונג „חג האסיף". „שאַבאָ" — „אַ קאָלאָניע נאָר אַן אַנטיק מיט פעלדער מיט וויינגערטנער, וואָס די טרויבן זייערע זענען מחיה, גיבן צו קראַנקע אַ שטיק געזונט".

5

(פון העברעיש)

זשענעווע, 8 יאנואר 1908.

שלום לך אהובי ומחמד-נפשי!

אייער טייערן בריוו האָב איך באַקומען אינם טאָג פון מיין געבורטסטאָג, און אייערע און אייער פרויס ברכות זענען געווען פאַר מיר א פרייד. די ידיעה, אז אייער פרוי איז שוין זעקס וואָכן קראַנק, האָט מיר פאַרשאַפט יסורים און טרויער. איך בין מתפלל צו גאָט, ער זאָל איר שיקן א רפואה שלמה, זי זאָל גאָר איינגיכן געזונט ווערן. איך בענק נאָך אייך, מיין טייערער, און ווען איך רעד וועגן אייך, גיסן מיר זיך טרערן פון מיינע אויגן. עס זענען געווען גוטע צייטן, ווען מיר זענען געווען צוזאַמען ווי ברידער, — צייטן, ווען ס'האָט אויף אונז גערוט דער גייסט און מיר האָבן געטראַכט און געשריבן און געשמועסט וועגן דעם פאָלק-ישראל און וועגן זיין ליטעראַטור. און איצט...

מעגלעך, אז אין א קורצער צייט אַרום זאָל איך זיך אומקערן צו מיין אַרבעט קיין אַדעס[1], און דאַן האָב איך א האָפנונג צו פאָרן פון דאָרט קיין פעטערבורג און צו באַזעצן זיך דאָרט מיט מיינע קינדער (מיין זון מאיר[2], און מיין טאָכטער נאַדיעזשדאַ (זי מיט איר מאַן און קינדער וווינען אין פעטער-בורג), וועלן מיר זיך זען און וועלן באַנייען אונזער פריינט-שאַפט ווי אַמאָל.

1) מענדעלע איז אין 1906 אנטלאָפן פון אַדעס פון די פּאָגראָמען און פאַרבראַכט א צוויי יאָר אין דער שווייץ.

2) מאיר, — מענדעלעס איינציקער זון, מיכאיל אבראַמאָוויטש. געב. אין 1859, פאַרעפנטלעכט שירים אין רוסיש, א טייל איבערגעזעצט אין יידיש.

מיר טוט זייער באנג, וואָס מיין פאראיאָריקער בריוו איז צו אייך נישט דערגאנגען, און איך בעט אייך זייער מיר מיטטיילן, צי איר האָט מיין איצטיקן בריוו באקומען און דערמיט מיך צו באַרויקן — — —

אוהבך בכל לב ומחבקך מרחוק

ש. אבראמאָוויטש

## 6

(פון העברעיש)

[פון דעם זעלבן יאָר, די שטאָט ניט אנגעוויזן]

טייערער און ליבער דובנאָוו!

איר האָט מיך, טייערער, דערפרייט מיט אייערע קורצע ווערטער און מיט אייער הבטחה צו שרייבן מיר בקרוב, הלואי זאָלן אמת זיין אייערע רייד. אויב איך בין נישט זוכה צו זען אייך, זאָל מיך גאָט מזכּה זיין מיט אייערע בריוו. וואָס רעכנט איר, מיין טייערער, — איז דאָ א האָפנונג, מיר זאָלן זיך זען? איז דאָ א האָפנונג, מיר זאָלן זיך ווידער טרעפן און באנייען אונזערע געשפּרעכן ווי אמאָל? איך אליין ווייס גאָרנישט, איך ווייס נישט, ווייל איך בין נישט ביי זיך אין די הענט און מיין צייט איז נישט מיינע...

איך בענק נאָך אייך אזוי שטארק, אז איך קאָן גאָרנישט רעדן און קאָן מער נישט מאריך זיין.

לעבט גליקלעך און צופרידן, ווי עס ווינשט אייך אייער טרייער פריינד

ש. אבראמאָוויטש

## 7

(פון העברעיש)

אדעס, ערב-סוכות, תערב (1911).

שלום לך חביבי ואהובי היקר ושלום לאשתך,
ידידתי היקרה!

נעכטן בין איך צוריקגעקומען פון שאבא, ווו איך האב פארבראכט מיט מיין פאמיליע און געגעסן טרויבן, און ווי גרויס איז געוועזן מיין שמחה, ווען איך האב אין זעלבן טאג באקומען אייער טייערן בריוו. איר האט מיך דערפרייט מיט דער גוטער בשורה, אז אייער חשובע טאכטער האט חתונה פאר א מאן, וואס איז איר און אייך ליב. איך ווינטש איר און איר מאן און אייך, טייערע עלטערן, אין מיין נאמען און אין מיין פרויס נאמען, די בעסטע ברכות... און נאך מער איז גרויס געווען ביי מיר די שמחה, וואס דאס געזונט פון אייער פרוי פאר-בעסערט זיך פון טאג צו טאג. מיין גרויסן צער צוליב איר קרענק האט גאט געזען און געלויבט איז גאט, וואס ער האט פארנומען מיין תפלה וועגן איר. „וועגן די ענדערונגען, וואס דארפן פאר-קומען אין אייער לאגע", ווייס איך, — איך הער נישט אויף צו טראכטן פון אייך און פרעג זיך שטענדיק נאך ביי אייער שוועסטער וועגן אייך. איר זענט מיר ליב און טייער און איך גאר נאך אייך און נאך אייער אנדענק. מיין בענקשאפט צו אייך קאן איך נישט אויסדריקן שריפטלעך, און איך פארשווייג דע-ריבער וועגן מיין ליבע...

ביי מיר איז אלץ ווי געווען. אומזיסט האבן געשריבן וועגן מיר די שרייבער, און מיך פארשאטן מיט באגריסונגען און אויס-געפרעדט נייע מאס רייד, איך בין אלץ אן אייביקער קנעכט ביי דער תלמוד-תורה...

דער דריטער באַנד פון מיינע ווערק אין העברעיש איז שוין כמעט פאַרטיק אין דרוק. עס איז נאָך דאָ אַסך אַרבעט און איך האָף צו גאָט, אַז ער וועט מיך לאָזן לעבן, און וועט מיר געבן כוח צו אַרבעטן אין אונזער ליטעראַטור, לויט מיינע מעגלעכקייטן. און איר, מיין טייערער, מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך איצט, צו אייערע רייד קוקן דאָך פיל אַרויס. זאָגט מיר, ליבער, איז נאָך דאָ אַ האָפנונג, מיר זאָלן איינער דעם צווייטן זען און קאָנען אינגיכן שמועסן צווישן זיך? — — —

דיין טרייער פריינט, וואָס איז דיר איבערגעגעבן מיטן גאַנצן האַרצן

ש. אַבראַמאָוויטש

## 8

(פון העברעיש)

[אָדעס 1912?]

שלום לך אהובי וחביבי, רעי כנפשי, שלום לאשתך, ידידתי הנכבדה, שלום לביתך, ולכל אשר לך שלום!

אונזערע אור-עלטערן פלעגן אָנהויבן די בריוו צו זייערע געליבטע מיט דעם משל און מליצה: „ווער וועט מיר געבן פליגלען ווי ביי אַ טויב, וועל איך פליען און רוען א. אַז. וו.", ווי עס שטייט דאָרט געשריבן. און איך, אין דער איצטיקער צייט, ווען מ׳בויט טורעמס און מען פליט אין הימל, וועל אָנהייבן מיין בריוו צו אייך ממש אָט ווי אַזוי: „ווער וועט מיר געבן אַ טורעם, וואָס פליט אין דער לופטן, וועל איך פליען און רוען מיט אייך אין דער נאָענט און אויסגיסן פאַר אייך מיין האַרץ און מיינע רייד א. אַז. וו". אַזוי איז עס, מיין טייערער. וועגן דעם, וואָס איך האָב געקאָנט שמועסן מיט אייך פּערזענלעך, קאָן איך נישט און בין נישט בכוח צו זאָגן אייך שריפטלעך. שוין אַ יאָר, ווי לויטן באַפעל פון די דאָקטוירים בין איך אָפּגעריסן פון שרייבער און פון ליטעראַטור. איך שמועס

איצט און רעד און רעד פיל, און שרייב און טו ווייניק. עס וועט אַוועק אַ קורצע צייט און איך וועל מיט גאָטס הילף זיך אומקערן צו מיין אַרבעט, צו שרייבן און צו פאַרנעמען זיך מיט ליטעראַטור, ווי פריער. און וועגן אייך, האָב איך געהערט, אַז איר אַרבעט פיל, איר פאָרשט און שרייבט איצט פיל. גוט און ווויל איז אייך.

באַריכט מיר אָפט מיט אייערע בריוו. אייערע ווערטער דערפרייען מיך.

אייער פריינט און דער פריינט פון אייער הויז, וואָס האַלזט אייך פון ווייטן

ש. אַבראַמאָוויטש

## 9

(זון רוסיש[1])

אַדעס, 29 אָקטאָבער 1916.

טיף-געשעצטער סעמיאָן מאַרקאָוויטש!

די באַשטימונג פונם צענטראַל-קאָמיטעט „מפיצי-השכלה" פאַר מיר די לעבנסלענגלעכע פענסיע אין סכום פון 3000 רובל אַ יאָר, לויט דער שריפטלעכער ידיעה פונם קאָמיטעט פון 15 אַפּריל ה. י. — איז אַזאַ וויכטיקער, באַפרידנדיקער און נאָכ-נישט-געהערטער, דוכט מיר, ביי יידן, פאַקט, וואָס פאַרשאַפט זייער פיל כבוד דעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט, אַלס דעם איניציאַטאָר פון דעם באַשלוס, אויך דעם יידישן פאָלק און זיין ליטעראַטור און גלייכצייטיק — אויך מיר, איר באַשיידענעם דינער. אויב אָבער דער פאַקט לויט זיין וויכטיקייט איז, ווי געזאָגט, זייער אַ געהויבענער, ליידט אָבער די פאָרם, אין וועלכער ס'איז אויפגעפאַסט אָט די וויכטיקע באַשטימונג

---

1) אָט דער בריוו איז דורך מענדעלען דיקטירט געוואָרן און בלויז געחתמעט פון מענדעלען. משמעות, צוליב דער קראַנקהייט האָט ער אַליין נישט געקריבן.

פון איינינקע פעלערן, וועלכע פארמינערן זיין הויכע באדייטונג און דערפירן עס כמעט ביז דער מדרגה פון דעם באקאנטן ביי יידן וואָרט: קצבה. ערשטנס, וואָס דער פענסיאָנער מוז זיך רעכענען מיט די מקורים, פון וועלכע ס'קומט די באשטימטע פענסיע, יעדע פון די אָפטיילונגען האלט זיך פאר דער איני-ציאטאָרין דערפון און דער פענסיאָנער איז געצוווּנגען צו זיין אָפהענגיק פון יעדער פון די אָפטיילונגען. די פענסיע ווערט אויסגעצאָלט נישט פינקטלעך, אין נישט קיין באשטימטער צייט, נאָך פיל מאָל דערמאָנען און דערצו טיילנווייז, און בכלל נישט אין דער פאָרם, ווי עס וואָלט געפאסט.

אויב דער צענטראל-קאָמיטעט, ווי דער איניציאטאָר, וועט נעמען אויף זיך טרחה אויסצופילן זיין באשלוס און וועט באזייטיקן די אויבנדערמאָנטע פעלערן, וועלן דערמיט באזייטיקט ווערן אויך די אומאָנגענעמלעכקייטן פאר מיר, מיט וועלכע ס'זענען פארבונדן דאָס באקומען יעדעס מאָל די פענסיע.

עס ווערט מיר, ב"ה, בעסער אין געזונט, נאָר, ליידער, צוביסלעך, עס איז דערפאר, וואָס ס'איז כּלוצים אין הארבסט געוואָרן קאלט, און פון דער צווייטער זייט, — וואָס ס'איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט אונטערצוהאלטן דאָס געזונט מיט בעסערן דערנערן זיך, ווייל דער יקרות אויף פראָדוקטן פון ערשטן געברויך שטייגט פון טאָג צו טאָג.

ווי נאָר כ'וועל מיך פילן ווידער געזונט און כ'וועל האָבן די מעגלעכקייט זיך נעמען ווידער צו דער ארבעט, וואָס איר האָט מיך געבעטן צוליב „סטארינא"[1]. מיט פארגעניגן וועל איך עס טון, נאָר פארשטייט זיך, נישט פריער פון קומענדיקן זומער. ווי זשע איז אייער געזונט, טייערער פריינט, און וואָס הערט זיך ביי אייך נייעס? איך דריק אייך אויס מיין הארציקן דאנק פאר אייער ענערגישן אָנטייל און מיטהילף; איך האָף, אז נאָכן באקומען דעם בריוו, וועט איר נישט פארזוימען צו מאכן די

1) ש. דובנאָוו האָט ארויסגעגעבן זאמלביכער געווידמעט דער יידישער געשיכטע און ליטעראטור-געשיכטע „יעווריעיסקאַיאַ סטארינאַ". מענדעלע האָט נישט באוויזן אָנצושרייבן עפעס פאר דעם זאמלבוך.

נויטיקע שריט מכח דעם, וואָס איך האָב אייך דאָ געשריבן, און דערמיט וועט איר מיך בארויקן, וואָס איז איצט, ווי די דאָקטוירים זאָגן, זייער וויכטיק פאר מיר. א הארציקן גרוס אידע יעפימאָוונע. איך נעם אייך ארום שטארק.

מיט אמתער אכטונג אייער איבערגעגעבענער

ש. אבראמאָוויטש

ש מ ע ו ן   פ ר ו ג

# זכרונות וועגן שמעון פרוג *)

האַסטיק וויקלט זיך דאָס לעבנס-קנײלעכל פון דעם דאָזיקן דור שריפטשטעלער, וואָס זייער יוגנט „האָט געבליט אונטערן געדיכטן נעפל" פון די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. עס רײסט זיך אָפּ איין פאָדעם נאָכן צווייטן פון אָט דעם צעדריוולטן געוועב, און אָט איז אַרויסגעריסן געוואָרן נאָך אײנער — פונם סאַמע „שטאַם": געשטאָרבן שמעון פרוג.

דעם צער פון דער דאָזיקער אבדה פילן אוממיטלבאַר די אַלע, וואָס זייער גורל איז געקניפּט און געבונדן מיטן גורל פון אָט דעם דור, דעם דור פון אַ געמײנער צייט. פון אַלע פאַרלוסטן אין דער לעצטער צייט האָט פרוגס טויט אויף אַ באַזונדערן אופן צערײצט די געמיטער פון זײנע דור-מענטשן. עס איז אַוועק פון לעבן אַ גרויסע ליטעראַרישע קראַפט, וואָס אירע ערשטע אויפטריטן זענען פאַרבונדן מיט די סאַמע טיפסטע איבערלעבונגען פון דער יידישער געזעלשאַפט אינם היסטאָרישן מאָמענט פון יענעם קריזיס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן זינט דעם יאָר 1881. עס איז אַוועק דער באַגײסטערטער ירמיהו, וואָס האָט אַרײנגעטראָגן דעם פלאַם פון נאַציאָנאַלן געפיל אין אַ פרעמדשפּראַכיקן אָפּצווייג פון אונזער ליטעראַטור ; וואָס האָט אין אַ וווּנדערבאַרער פּאָעטישער פאָרם אויסגעדריקט דעם צער

*) געלעזן אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער יידישער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט, דעם 1-טן יאַנואַר 1916. דאָ איז דער טעקסט ערטערווייז געענדערט און דערפולט פון רוסיש.

פון אונזער אינטעליגענץ; וואָס האָט אָבער דאָס רעכט צו זאָגן וועגן זיך אויך עפּעס מער:

...איך בין דער עכאָ פון נאַציאָנאַלן צער...
וואָס כ'האָב גענומען ביים פאָלק מיט צאָרן און
גיפט, דאָס גיב איך אים אָפּ אין אַ ליד".

די היסטאָרישע און געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג פון פרוגס פּאָעזיע קען אָפּשאַצן בלויז דער, ווער עס האָט אַדורכגעלעבט די דורך איר אויסגעדריקטע עמאָציעס אינם באַגינען פון איר אויפבלי, אין די אַכציקער יאָרן. די מענטשן פון די שפּעטער־דיקע יאָר־צענדליקער, בעת פרוגס שאַפונג איז שוין געבליבן שטיין אין איר וווּקס, קענען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ טיפע גייסטיקע אויפרעגונג ס'האָבן אין די ערשטע יאָרן פון דער פאַטאַלער תקופה אַרויסגערופן זיינע צייט־עלע־גיעס, זיינע „ביבלישע מאָטיוון", זיינע היסטאָרישע לעגענדעס,— ווי שטאַרק ס'האָט צום צעבראָכענעם האַרצן פון זיין דור גע־רעדט דער דאָזיקער דיכטער, וועלכער האָט זיין פאָלק „קיין איין פריילעך ליד" נישט געזונגען.

אין די דאָזיקע זכרונות בין איך אויסן צו געבן פרוגס ליטעראַריש־קינסטלערישע כאַראַקטעריסטיק. איך האַלט, אַז דער פאַרשטאָרבענער פּאָעט איז ראוי אַסך אַ הכּרע און אָביעק־טיווערע אָפּהאַנדלונג — אַ געזעלשאַפטלעך־היסטאָרישע. נישט געקוקט דערויף, וואָס פרוג איז קיינמאָל נישט געווען קיין אידעאָלאָג און נישט קיין פּראַקטישער טוער אין אונזער נאַ־ציאָנאַלער באַוועגונג פון די לעצטע יאָר־צענדליקער, איז ער דאָך ענג פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער באַוועגונג צוליב דער אַלגעמיינער שטימונג פון זיין דיכטונג. זיינע פּאָעטישע עלע־גיעס האָבן אוממיטלבאַר, אָפטמאָל אומבאַוווּסטזיניק, אויסגע־דריקט יענע געפילן, וואָס זענען געלעגן טיף אין די וואָרצלען פון אונזערע אידען. אַזעלכע שרייבער קען מען אָפּשאַצן נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט זייער גייסטיקן אונטערשלאַק, מיט דער געשיכטע פון זייער דור. אָט פאַרוואָס איך האָב געהאַלטן פאַר

צוועקמעסיק צו אַנטוויקלען דאָ מיינע געדאַנקען וועגן פרוגס פּאָעזיע אויף דער קאַנווע פון פערזענלעכע דערינערונגען. סיי אַלס זיין ליטעראַרישער בן-גיל, סיי אַלס היסטאָריקער, גיב איך דאָ אָפּ דעם לעצטן חוב דעם אָנדענק פונם פּאָעט, אַריינשליסנדיק זיין בילד אין די ראַמען פון דער איבערגעלעבטער היסטאָרישער תקופה.

ווען איך בין זומער 1880 יאָר צום ערשטן מאָל געקומען צו פאָרן קיין פּעטערבורג, איז נאָך פרוג דאָרט נישט געווען, מען האָט אָבער בקרוב גענומען וועגן אים רעדן אין די ליטעראַרישע קרייזן, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום די רעדאַקציעס „ראַזסוויעט" און „רוסקי יעווריי". אין די דאָזיקע רעדאַקציעס אַריין פלעגט דער אָנפאַנגער-דיכטער, געבוירן אין דער קאָלאָניע באָבראָווי-קוט אין כערסאָנער גובערניע, אַריינשיקן דעמאָלט זיינע ערשטע לידער, געשריבן אין די פרייע שעהן פון דער אַרבעט אין דער כערסאָנער קאַנצעלאַריע פונם קאַזיאָנעם רב. מיטן יונגן דיכטער האָט מען זיך פאַראינטערעסירט אין דער רעדאַקציע פון „ראַזסוויעט". באַזונדערס האָט געלייגט אויף אים האָפענונגען דער שטענדיקער מיטאַרבעטער פונם דאָזיקן זשורנאַל, דער דעמאָלט באַקאַנטער אַדוואָקאַט און האַלב-פּאָעט, מאַרק וואַרשאַווסקי. אין די ערשטע לידער, וואָס פרוג האָט צוגעשיקט, — האָט דעמאָלט געשריבן וואַרשאַווסקי — „אַנטפּלעקט זיך אַ בויגזאַמער, סימפּאַטישער טאַלאַנט, קומט צום אויסדרוק אַ לעבעדיקער חוש פאַר דער נאַטור, לאָזט זיך הערן די האַרמאָניע פון לעבעדיקן, אומבאַצוווּנגענעם פערז"*). שוין אין די ערשטע אַרבעטן פונם יונגן פּאָעט, געדרוקט אין „ראַזסוויעט" אין 1880 און אָנהויב 1881 יאָר — פ אַ ר די פרילינג-פּאָגראָמען —

*) „דאָס יידישע ליד אויפן רוסישן פּאַרנאַס". „וואָסכאָד", 1885 יאָר, בוך I.

זענען געקומען צום אויסדרוק אין אַ שטאַרקער, ערטערווייז אומרייפער פאָרם די גרונט־עלעמענטן פון זיין שאַפונג. דער קולט פאַר דער דאָרף־נאַטור, די בענקשאַפט נאָך דעם „פּאַרגייענדיקן גלאַנץ״ פון דער ביבלישער עפּאָכע און דער צער איבער דעם איצטיקן גורל פון זיין פאָלק. פון דער דאָזיקער פריער צייט געדענקען זיך מיר די צאָרנדיקע פערזן פון אַ ליד, וואָס טראָגט דעם נאָמען „צו די גערמאַנישע אַנטיסעמיטן״ און איז שפּעטער נישט אַריין אין דער זאַמלונג פון זיינע ווערק:[1]

„זיבעצן יאָרהונדערטער לאָזט זיך שוין הערן
אונזער קרעכץ איבער דער ברייטער אייראָפּע... אָ,
איר, וואָס איר גרויסט זיך מיט „קריסטלעכער ליבע״,
בלעטערט אויף די געשיכטע פון די פאַרגאַנגענע
דורות: זי איז אינגאַנצן דורכגעזאַפּט מיט אונזער
בלוט, זי איז אינגאַנצן פאַרזייט מיט מתים־אַש...
אָבער אייך באַפרידיקן נישט די אַמאָליקע העלדן־
מעשים, אייך איז ליב דער אָנבליק פון בלוט און
דער ריח פון פגרים, איר ווילט זיין ווירדיקע זין
פון אייערע פאַרשאָלטענע טאַטעס!״[2]

פונדעסטוועגן האָט זיך דער היסטאָרישער „יידן־שמערץ״ געטוישט ביים יונגן דיכטער מיט אַזאַ מין השתפכות־הנפש:[3]

„אַ צווייטער ציון וואָלסטו געוואָרן פאַר מיר,
מיין רוסלאַנד, און מיין גאַנצע אָנגעווייטיקטע ברוסט
וואָלט געצאַפּלט פון דיר, ווען עס זאָל זיך — אוי
וויי! — נישט לאָזן הערן פון אַלע זייטן דער

---

1) געדרוקט אין „ראַזסוויעט״, 1881 יאָר, № 3 (אין יאַנואַר).

2) דער רוסישער אָריגינאַל פון די — און אויך פון די ווייטער־ציטירטע שורות איז געשריבן, נאַטירלעך, אין פערזן. מיר גיבן עס איבער אין אַ פּראָזאַישער פאָרם אין אַ וואָרטלעכער איבערזעצונג.

דער איבערזעצ.

3) „וואָסכאָד״, 1881 יאָר, פעברואַר: „די אייביקע פראַגע״. דאָס ליד איז אויך נישט אַריין אין פרוגס ערשטע לידער־זאַמלונגען.

דאָזיקער ק־עכץ. אָ, ווי שטאַרק עס טוט מיר וויי,
וואָס כ׳שטיי פאַר מיין היימלאַנד מיט שווערע
פאָרוואורף־ווערטער, בעת איך האָב עס אַזוי שטאַרק
ליב !״...

דעם דאָזיקן געפיל פון אַ זון צו זיין היימלאַנד האָבן געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ די פּאָגראָמען, וואָס האָבן זיך אין אַפּריל 1881 יאָר אָנגעהויבן אין דרום־רוסלאַנד, און קודם־כל אין דער זעלבער כערסאָנער גובערניע, ווו דער דיכטער האָט דעמאָלט געוווינט נאָענט צו די יידישע ערד־אַרבעטער־קאָלאָניעס, ווו עס איז אים פאַרביי זיין קינדהייט. אינגיכן האָט זיך פרוג, ביים סוף פונם באַשערטן יאָר, באַוויזן אין פעטערבורג, אַרויסגערופן אַהער דורך דער רעדאַקציע „ראַזסוויעט״ אַדאַנק דער איניציאַטיוו פון וואַרשאַווסקין, וועלכער האָט דעמאָלט צייטוויליק רעדאַגירט דעם זשורנאַל. דאָ האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט פרוגן. איך האָב דעמאָלט געפירט אין „ראַזסוויעט״ די אָפּטיילונג פון אויסלענדישער כראָניק און פלעג זיין אין דער רעדאַקציע יעדע וואָך, אין די „רעדאַקציע־טעג״, ערב דעם אַרויסלאָז פון נומער, ווען די שטענדיקע מיטאַרבעטער פלעגן זיך צונויפקומען, כדי צוצושרייבן די לעצטע באַמערקונגען און אַדורכצולייענען די קאָרעקטן, און די צופעליקע מיטאַרבעטער — לשם ליטעראַרישע קיבעצעריי. איך געדענק אַ זומערדיקן טאָג אין דעם רעדאַקציע־לאָקאַל, אין דער דירה פונם שטענדיקן רעדאַקטאָר, יעקב ראָזענפעלד, אויף דער ניקאָלאַיעווער גאַס. די קעפּ, געבויגן איבער קאָלומנעס מיט קאָרעקטן, הויבן זיך אויף, און אַלעמענס אויגן זענען געווענדט צו אַ שיינעם, בלאָנדן בחור, וואָס זיצט אויפן דיוואַן און דעקלאַמירט מיט ברען זיין נאָר־וואָס אָנגעשריבענעם שיר „צום משפט פון דער געשיכטע״, וואָס איז נאָכדעם געדרוקט געוואָרן אין יוני־בוך פון „וואָסכאָד״ און איז היינט פאַרגעסן געוואָרן, ווייל אים איז נישט באַשערט געווען אַריינגענומען צו ווערן אין דער זאַמלונג פון פרוגס ווערק. איך הער ווי איצט זיינע נביאישע פיליפּיקעס :

„פון אַלע עקן פונם פּאַראָרעמטן, אויסגע־
הונגערטן רוסלאַנד האָבן זיך דערטראָגן צו אונז די
קרעכצן פון פּאָטערס און קינדער, קרבנות פון די
ווילדע, צעיושעטע תאוות... ווער־זשע האָט עס אין
פּאָלקס־האַרץ אַריינגעפּירט די שנאה און געלאָזט
צעפלאַקערן דעם ווילדן פלאַם? ווער האָט צום
לעבן באַרופן די דאָזיקע שרעקלעכע, ווילדע קראַפט?
אָט די ברענענדיקע, אימהדיקע פראַגע האָבן מיר
דעמאָלט איינער דעם צווייטן געשטעלט, און זי
האָט געגנאָגט אונזער האַרץ, איז געוואָקסן פון שעה
צו שעה, און מיר האָבן זשעדנע אַרומגעזוכט אַן
ענטפער".

דעם ענטפער האָט דער דיכטער געפונען אינם גאַנג פון
דער רוסישער געשיכטע, אין די זיך איינוואָרצלענדיקע נייגונ־
גען צו קנעכטשאַפט און פויסט־רעכט – די פּאָלגן פון דער
טאָטערישער געפּאַנגענשאַפט. די דאָזיקע אידעע דריקט אויס
דער ביבלישער עפּיגראַף פונם שיר: „פאַר דריי זאַכן גיט אַ
ציטער די וועלט: פאַר אַ קנעכט, פאַר אַן אויפשטייענדיקן
האַר" א. אַז. וו. מאַכנדיק אַן אָנצוהערעניש אויף דער דער־
קלערונג פונם אינערן־מיניסטער, נ. פּ. איגנאַטיעוו, אַז אין די
פּאָגראָמען איז געקומען צום אויסדרוק דער „פּאָלקס־משפט" איבער
די יידן, פאַרענדיקט דער דיכטער זיין „משפט איבער דער
געשיכטע" מיט די פּאָלגנדיקע ווערטער:

„די יאָרן זענען געגאַנגען, – דער „פרייער"
זון פון רוסלאַנד, געוווינט אונטערן לאַנגן יאָך צו
אַזאַ מין משפט, משפט איצט אַליין מיט גרויס
חשק מיטן זעלבן דין, וועלכן מיר רופן „פּאָלקס־
משפט"... דער פּאָלקס־משפט איז דער צעווילדע־
וועטער רוסישער קולאַק, געהייליקט פונם טאָטערישן
משפט"...

איך האָב ציטירט די דאָזיקע טיראַדעס נישט צוליב זייער פּאָעטישער חשיבות, נאָר כּדי צו אילוסטרירן די קראַפט פון דער גייסטיקער איבערקערעניש, וואָס איז צוליב די פּאָגראָמען פּאָרגעקומען אינם יונגן פּאָעט, וועלכער איז מיט אייניקע חדשים פריער גרייט געווען, אין די באַקאַנטע באַדינגונגען, צו אָנער־קענען רוסלאַנד פאַר אַ „צווייטער ציון".

נישט קיין ציון, נאָר מצרים איז דאָס היימלאַנד געוואָרן פאַרן דיכטער זינט פרילינג 1881 יאָר, און דאָ איז באמת פּאָר־געקומען „יציאת מצרים". דער עמיגראַציע־פיבער, וואָס האָט דעמאָלט אַרומגעכאַפּט אַ ריי ישובים, האָט געשטויסן פרוגן אָנצושרייבן זיין פראַכטפולן אַוועקגאַנג־מאַרש. נישט קיין באַ־שטימטע אידעאָלאָגיע, נאָר עפּעס אַ דיכטערישע אינטויִציע. די לעגענדאַרישע אַסאָציאַציע פון עגיפּטישער שקלאַפעריי מיטן אויסלייזער משה, האָט אַרויפגעפירט דעם דיכטער אויף דער, אין איר שיינקייט און קראַפט אַ־מפּאַרגלייכלעכער שורה:

„און דונערס שרייען אונז: באַפרייטע! און
שטורעמס זינגען אונז הימנען".

פונדעסטוועגן האָבן קיין שום פראַכטפולע מאַרשן — פּראָ־דוקטן פון מאָמענט־שטימונגען און נישט פון קיין קלאָרער אידע־ישער לאָזונג — נישט געקענט פאַרווישן דעם ווייטיק פון אַ פאַרווּנדעטער נשמה, וועלכע האָט זיך אין פרוגס ווייטערע לידער צעגאָסן אין אַלץ רעאַלערע פאָרמען, אומפאַרגעסלעכע פאַר יעדן איינעם, ווער עס האָט צוזאַמען מיטן דיכטער דורכ־געמאַכט דעם דאָזיקן ווייטיק. אין מיינע אויגן איז מיט אַן אומגעהויערע שנעלקייט געשטיגן פרוגס פּאָעטישער טאַלאַנט. אין די דריי יאָר 1882—1884 האָט זיך זיין שאַפונג צעבליט אין אַ פראַכטפולע בלום. אין דער צייט זענען אָנגעשריבן געוואָרן זיינע בעסטע אַרבעטן: „די לעגענדע פונם כּוס", „פון די מיטלאַלטערלעכע בילדער", „ביים דניעפּער", „עלעגיע", „דעם זיידנס מעשהלעך", „צוויי בילדער", „דעם אָנדענק פון אַ פריינד", די פּאָעמע „רבי אמנון". איך פלעג אין יענער צייט טרעפן

פרוגן גאַנץ אָפט, און אין די יאָרן 1883—1884 האָבן מיר גע־וווינט צוזאַמען אין צוויי שכנותדיקע צימערן, אין אַן אַלטינקן צווייִשטאָקיקן הויז, וואָס געפינט זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג אויפן מאַרק פון דער טראָיצקער צערקווע, ביים איזמאַיל־פּראָספּעקט[1]. אַסאַך זאַכן, וואָס ער האָט דאַן אָנגעשריבן אין פּעטערבורג, האָט ער מיר פאָרגעלייענט פון כתב־יד. ס'פלעגט טרעפן, אַז איך בין געזעסן באַשעפטיקט — און אָט הער איך פון צווייטן צימער פרוגס קול: „טיעזקאַ, איר ווילט הערן נייע לידער?" איך קום אַריין אין אַן ענג, אָרים צימערל, הער אויס דאָס נאָר־וואָס אָנגעשריבענע, מיט שטריכן אָנגעפיקעוועטע בלעטל און טייל זיך מיטן מחבר מיט מיינע איינדרוקן.

און פרוגס מאַטעריעל לעבן איז אין יענער צייט נישט געווען אַזוי פריילעך. זיינע הכנסות פון די שירים האָבן צומאָל נישט געקלעקט אַפילו אויף צו ווינען אין אַן אָרימען מעב־לירטן צימער, און ס'איז אים אויסגעקומען צו זוכן פאַרשידענע מיטלען און באַשעפטיקונגען. אַסאַך קאָפּ־דרייעניש איז געווען מיט פרוגס ווױנרעכט. ער האָט אַליין ביים סוף פון זיין לעבן דערמאָנט די דאָזיקע ליגנערישקייט אין זייער אַן אומעטיקן, הגם אויך „פעליעטאָניסטישער" דערציילונג: „פונם האָטעל, ווו איך בין פאַרפאָרן נאָך מיין קומען קיין פּעטערבורג, האָט מען מיך גלייך אין אַ מעת־לעת אַרום משלח געווען. דער רעדאַקציע „ראַזסוויעט", וועלכע האָט געבעטן, מען זאָל מיך פאַרשרייבן ווי אַן איבערזעצער פון העברעיש, האָט מען די דאָזיקע בקשה אָפּגעזאָגט. די שתדלנות פון פריוואַטע פּערזאָנען, וואָס האָבן פאַר־נומען אַ הויכן אָרט אין דער געזעלשאַפט, האָט נישט געהאַט קיין דערפאָלג[2]. דער דיכטער איז געווען געצוווּנגען זיך צו פאַרשרייבן אַלס „שטוב־דינער" ביי זיין פּראָטעקטאָר מ. ש. וואַרשאַווסקי. די פּאָליציי האָט געוווּסט, אַז דאָס איז אַ פיקציע.

---

1) אינם הויז, ווו ס'האָט זיך, אין איין ריי מיטן פּראָספּעקט, געפונען דעמאָלט די רעדאַקציע פון „רוסקי יעווריי" און ס'האָבן געוווינט זיינע ארויס־געבער: בערמאַן, רעדאַקטאָר ל. קאַנטאָר און דר. י. ל. קאַצענעלסאָן.

2) „יעוור. זשיזן" יאָר 1915, № 14, 16.

עס זענען אַפילו געווען, דאַכט זיך, פּרוּוון אַרויסצושטופּן דעם פּאָעט, וועלכער האָט זיך פאַראייגנט דעם פּאַך פון אַ לאָקיי, נאָר אַדאַנק די גוטע באַציונגען וואַרשאַווסקיס מיט דער קאַנצעלאַריע פונם פּאָליציי־שעף האָט מען זיין „דינער" צייטווייליק צורו געלאָזט.

דאָס לעבן פון דער קרוינשטאָט, די באַגעגענישן און באַקאַנטשאַפטן אין די קרייזן פון דער אינטעליגענץ, האָבן געהאַט אַ באַדייטנדיקע ווירקונג אויף דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון שמעון פרוג. אויף אַזאַ אופן, אַדאַנק דעם פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט דער געזעלשאַפט, האָט ער אָפּטמאָל דערטאַפּט די אידעען, וועלכע ער האָט נישט באַוויזן אָדער נישט געווען בכּוח זיך צו דערוועדבן דורך לעזן ביכער און דורך ערנסטע בילדונג. נאָר צוזאַמען דערמיט האָט די קרוינשטאָט געווירקט אויף פרוגן אויך מיט אירע נעגאַטיווע זייטן. אַ באַגייסטערטער אָנהענגער פון דער דאָרף־נאַטור, האָט ער זיך פונדעסטוועגן נישט ווייניקער פאַרכלינעט מיטן סם פון דער גרויסשטאָט, וווּ די נאַטור ווערט אויסגעלאַכט מער ווי אין אַלע אַנדערע אייראָפּעישע רעזידענץ־שטעט. ער האָט אָפט פאַרקערט צווישן דער רוסישער ליטעראַרישער באָהעמע און אַפילו דירעקט צווישן די „נישטיקע קינדער פון דער וועלט", פון וועלכע ער האָט זיך געקאָנט דערוועדבן בלויז דעם אויסערלעכן גלאַנץ פון דער צייט־קולטור, אָן איר גייסטיקן אינהאַלט, אָפּטמאָל צוזאַמען מיט אירע אומריינע צומישן[1]). און בשעת־מעשה האָט פרוג פאַרמאָגט אַן אייגענע גייסטיקע קולטור, וועלכע ער האָט געשעפּט פון די סאַמע

1) דאָרט, № 16 : די גוטע־פריינט, וואָס האָבן מיך האַרציק באַקענט מיטן „צאַרסקאָסעלסקישן היפּאָדראָם", מיט די פליטן פון שוואַלאָווער יאַכט־קלובּ, מיט די גאַלאַ־קאָנצערטן „אַרקאַדיע", „קין גרוסט", „קרעסטאָווסקי סאַד" א. ד. גל." — אַזוי האָט זיך דער דיכטער מתוודה געווען אַ יאָר פאַר זיין טויט. אורטיילנדיק לויטן קאָנטעקסט, באַציט עס זיך צו דער צווייטער העלפט פון די 80־ער יאָרן. פריער, ווען מיר האָבן געוווינט צוזאַמען, פלעגט פרוג רעגולער באַזוכן די זשור־פיקסן פונם פאָטאָגראַפיסט קאָנסטאַנטין שאַפּיראָ, — אַ העברעישער פּאָעט און אַ משומד אַ בעל־תשובה — ווו די ליטעראַרישע קיבעצער פלעגן זיך, חלילה, נישט באַגיין אָן קיין גוטן שנעפּסל לויטן רוסישן ליטעראַרישן שטייגער.

רייגסטע אורקוואַלן: פון דער נאַטור און פון תנ"ך. אין אים האָט געלעבט אַן אייביקע בענקשאַפט נאָך דער דאָזיקער גייסטי-קער שלמות, וועלכע מ'קען דערגרייכן אַדאַנק דעם פאַרברענ-גען מיט די דאָזיקע צוויי וועלטן. און איך האָב גוט פאַרשטאַנען די תפילהדיקע, צו תשובה געניגטע שטימונג פונם דיכטער, וועלכער „האָט זיך פאַרלוירן אינם קרוינשטאָטישן כאַאָס", בעת ער האָט זיך ווידער צוגעבויגן צו דער ערד, אומקערנדיק זיך אויף די זומער-חדשים אין זיין יידישן היים-דאָרף. האָט פאַר איר אויסגעגאָסן די פאַרצווייפלונג פון זיינע גרויסשטאָטישע איבערלעבונגען:

„זיי מוחל, ברייטער דניעפּער, עדות פון מיינע יוגנטלעכע טרוימערייען, פאַרשוווּנדענע האָפענונגען און צעקלאַפּטער באַגייסטערונג! די לעצטע מתנה טראָגט דיר צו דאָס קינד פון פּיין, אַ הייסן קוואַל פון בלוטיקע און ברענענדיקע טרערן. נעם אָן זשע מיין געשאַנק, מיינע לעצטע טרערן. איך האָב זיי געבראַכט אַהער פון די גראַניט-ברעגעס פון דער קילער ניעוואַ... דאָרט, אינם היימלאַנד פון די שנייען, ביי דער ווילדער וואָיעניש פון שטורעם און הוליעניש פון ווינט, האָב איך לאַנג געקרעכצט, אַזוי פיל טרערן פאַרגאָסן. די הייסע טרערן זענען אָבער געפאַלן אָן אַ קלאַנג אויף האַרטע שטיינער, און די ניעוואַ-כוואַליע האָט, רוישנדיק און פליעס-קענדיק, אַראָפּגעשווענקט זיי פון גראַניט-שטיין, און די צפון-שטורעמס האָבן פאַרהילכט מיין קול".

די, וועלכע האָבן געקענט פרוגן בלויז פון לעבן, דעם געוויינלעך פריילעכן און שאַרפזיניקן פרוגן, וואָס האָט ליב געהאַט פאַרוויילונגען און איז כלומרשט ווייט געווען פון וועל-כער-נישט-איז טראַגישער לעבנס-אויפפאַסונג, האָבן די דאָזיקע „זיפצן" און „הייסע טרערן" געקענט אָננעמען פאַר פאַטעטישער דעקאָראַציע. מען האָט אָבער געדאַרפט קענען דעם אינערלעכן

פרוג, כדי צו פאַרשטיין די טיפע אויפריכטיקייט פון אַזעלכע פּאָעטישע תפילות, פון די דאָזיקע רירנדיקע ווענדונגען צו גאָט, וועלכן דער דיכטער טראָגט אין זיין נשמה און וועלכן ער באַהאַלט-אויס שעמעוודיק אין די „דאגות פון דער הבל-הבלימדיקער וועלט". דאָ וואָלט מען בלי-ספק געקענט אָנווענדן, לויט פּושקינס קלאַסישער פאָרמול, דעם געוויינלעכן דואַליזם פון פיל פּאָעטן; אָבער מיט פול מער זיכערקייט, ווי אין אַן אַנדער פאַל, קען מען דאָ פעסטשטעלן די גאַנצקייט פון דער דיכטערישער שאַפונג אין די מאָמענטן פון באַגייסטערונג. נישט קיין צופעליקייט און נישט קיין „מאַניער" איז עס געווען, וואָס פרוגס בעסטע שירים אויף נאַציאָנאַלע און אַפילו געזעלשאַפטלעכע טעמעס האָבן זיך אַלעמאָל געענדיקט מיט אַ כליפּענדיקן אַקאָרד. פרוג איז אַטאַוויסטיש געווען דער פאָרזעצער פון אונזערע בעסטע שעפער פון די „סליחות" און „קינות", וואָס זייער עלעגישע שיינקייט האָבן אָפּגעשאַצט קוים געציילטע יחידים פון די נייע היסטאָריקער (צונץ, זאַקס, גייגער). אין אים האָט געלעבט די נשמה פון אַ "салах„ פון דער באַרימטער ספרדישער שול פון משה אבן-עזרא; ער האָט זיך אָבער געקענט דערהויבן אויך צום פּאָעטישן פּאַטאָס פון ר' יהודה הלוי. פרוג האָט געצויגן דעם פּאָדעם פון היסטאָרישער ירושה, וועלכע ער האָט, נאַטירלעך, באַצירט מיט די בלומען פון זיין תקופה.

אין אָנהויב מאַי 1884 האָבן מיר ביידע פאַרלוירן אונזער „אומעטיק ווינקעלע" איז פעטערבורג און זיך אַוועקגעלאָזט אַהיים: פרוג צו זיין געבענטשטן דרום, און איך אין טיף ווייסרוסלאַנד. מיר האָבן זיך העכער אַ יאָר נישט געזען. און דאָס דאָזיקע יאָר איז געווען זייער אַנטשיידנדיק אינם דיכטערס לעבן. אין זיין היים האָט ער צוגעגרייט צום דרוק די ערשטע זאַמלונג פון זיינע לידער און, נאָך זיין צוריקקומען קיין פעטערבורג, אַרויסגעגעבן זי אין אָנהויב 1885 אַדאַנק דער שטיצע פון זיינעם אַן אָנהענגער. גלייך דאָס וואָלט געווען אַן איראָניע פון גורל, איז די ערשטע לידער-זאַמלונג פונם דיכטער פון יידישן צער געדרוקט געוואָרן אין סוואָרינס

דרוקעריי; אונטער איין דאַך האָבן זיך געדרוקט די שענדלעכע בלעטער פון „נאָוואָיע וורעמיאַ" און די פערזן פון אַ דיכטער, וואָס האָט געטרויערט איבער די „מיטלאַלטערלעכע בילדער", וועלכע זענען באַנייט געוואָרן אַדאַנק די מיטאַרבעטער פון דער דאָזיקער צייטונג. נישט בלויז די יידישע קריטיק, נאָר אויך די רוסישע האָט וואַרעם באַגריסט דעם נייעם אויפגייענדיקן טאַלאַנט. ק. אַרסעניעוו אין „וויעסטניק יעוורָאָפּי" האָט פאַררעכנט פרוגן צו דער גרופּע בעסטע פּאָעטן פונם נייען דור. מען האָט דעם דיכטער גענומען אַריינשלעפּן אין דער רוסישער ליטעראַטור. ער האָט אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן לידער אין רוסישע זשורנאַלן, אויף לירישע טעמעס און ביבלישע מאָטיוון; ער האָט אַפילו געשריבן טיילמאָל זייער פיל, געשטויסן פון די האַרציקע רעדאַקטאָרן פון אַזעלכע מיני צווייטראַנגיקע זשורנאַלן, ווי וואָלפס „נאָווו" אד"גל. פונדעסטוועגן זענען זיינע בעסערע ווערק געבליבן, צוזאַמען מיט די ביבלישע מאָטיוון, די נאַציאָנאַלע עלעגיעס, וועלכע זענען געדרוקט געוואָרן אין יידישע זשורנאַלן. אין דער צווייטער זאַמלונג פון זיינע לידער, אַרויסגעגעבן ביים סוף 1886 יאָר, איז צום שטאַרקסטן דער דאָזיקער יידישער עלעמענט (די לירישע פּערל: „בעת דער אָוונט-קילקייט", „משפּט נישט", „פאַרוואָס האָט מען פאַרסמט מיין ליד?" א. אַנד, און אויך די ליריש-פּאָעטישע — „דאָס קינד אויפן נילוס", „יפתּחס טאָכטער", „שיר השירים, פּריטשי און עקלעזיאַסט"); אויך אין דער אַלגעמיינער אָפּטיילונג טרעפן זיך מערקווירדיקע זאַכן, טיילמאָל דורכגעדרונגען מיט אַ נאַציאָנאַלער שטימונג (למשל, „אין היידן-טעמפּל", ווו ס'ווערט פאָרגעשטעלט די הערשאַפט פון געטשנדינעריי און „ליבע-רעליגיע", וואָס ענדיקט זיך מיט אַ זעלטענעם, לויט דער קראַפט טראַגישן און גלייכצייטיק איראָנישן אַקאָרד).

אין האַרבסט 1885 י. האָב איך זיך ווידעראַמאָל אָפּטער גענומען טרעפן מיט פרוגן אין פּעטערבורג און האָב באַזוכט די לאַבאָראַטאָריע פון זיין שאַפונג, און זינט 1887 פלעג איך אים באַזוכן שטענדיק בעת מיינע ווינטער-רייזעס אין דער קרוינשטאָט. פרוגס טאַלאַנט

האָט אין יענער צייט דערגרייכט זיין פולע רייפקייט. ער האָט אין ליטעראַרישן זין געהאַט אַ ריזיקן ערפאָלג, אָבער מאַטעריעל איז דער ערפאָלג געווען אַ נישטיקער. ווי פרוגן האָט זיך אין יענער צייט געלעבט, איז צו זען פון די דאָזיקע ביטערע ווערטער אין זיינע שפּעטערדיקע זכרונות: „כ׳האָב אָפּגעלעבט אין דער הויפּטשטאָט צען יאָר (עס רעדט זיך ביז וועגן דעם פּעריאָד 1881 — 1891), אין משך פון דער צייט האָב איך באַוויזן אַרויסצוגעבן צוויי לידער-ביכער און זיך גרינטלעך קאַליע צו מאַכן דאָס געזונט מיט די דאָמיניקאָווער קיכעלעך און קנישן, וועלכע האָבן מיר אָפּט פאַרטרעטן מיין מיטאָג און מיין וועטשערע, וואָס זייער ווערט האָט זיך קיינמאָל נישט געקענט אויסשטעלן אין די ענגע ראַמען פון מיינע ליטעראַרישע האָנאָראַרן. עס איז אויסגעקומען צו וווינען אין זייער אָרעמע חדרימלעך מיט אַן אַריינגאַנג דורך דער קיך, און צו לעבן בלויז פון טיי מיט ברויט״...

כדי צו האָבן אויף חיונה, האָט דער דיכטער געמוזט שרייבן פעליעטאָנען אין דער „זונטיק-כראָניק פון וואָסטאָק״, אונטער פאַרשידענע פסעוודאָנימען („צופעליקער פעליעטאָניסט״ א. אַנד.) אין דער צווייטער העלפט פון די אַכציקער יאָרן האָט ער אויך געשריבן פעליעטאָנען אויף „זשאַרגאָן״ אין דעם „יידישן פאָלקסבלאַט״, וואָס איז דעמאָלט אַרויס אין פעטערבורג אונטער דער רעדאַקציע פון צעדערבוימען און לעווינען. ער האָט געשריבן אין אַ וווּנדער-שיינער פאָלקס-שפּראַך, שאַרפזיניק, מיט אַ פיינער ידיעה אין יידישן לעבנסשטייגער; אָבער טריי ד׳ר דעמאָלטיקער טראַדיציע פון דער אינטעליגענץ, האָט פרוג געקוקט אויף דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור ווי אויף עפּעס נישט-ערנסטס, וואָס איז אומבאַדינגט נויטיק פאַר הומאָריסטישע פעליעטאָנען, כדי צו שילדערן די שטייגער-קוריאָזן. אָבער מיט דער צייט האָט פרוגס טאַלאַנט באַהערשט אויך דעם כלי-זין פון דער פאָלקס-שפּראַך פאַר אַ העכערן ציל, און פון אונטער זיין פעדער זענען אַרויס יענע פּערל פון זיינע פאָלקס-לידער, ווו דער פאָלקס-צער איז געקומען צום אויסדרוק אין אַ רעאַלערער

פאָרם, איידער אין זיינע עלעגיעס אויף רוסיש מיט זייער טיפן, פולשטענדיק היסטאָרישן „יידן-שמערץ".

אינגיכן איז דעם דיכטער אויסגעקומען דירעקט, פיזיש זיך צו דערנענטערן צו די יסורים פון זיין פאָלק. דאָס איז געווען אין יאָר 1891, גלייך נאָך יידן-גירוש פון מאָסקווע. אין די העכערע ספערן האָט מען זיך נאָך אַרומגעטראָגן מיטן פּלאַן פון טיילווייזער „יידן-רייניקונג" אין דער צפון-רעזידענץ. דער פּלאַן איז נישט צו שטאַנד געקומען צוליב דעם טומל און דער שתדלנות אין אויסלאַנד. אָבער איינצלנע קרבנות זענען געווען אויך אין פּעטערבורג; לויט דער פאַראָרדענונג פון דעם שטאָט-נאַטשאַלניק גרעסער, האָט מען אַרויסגעשיקט אַסאַך יידן „אָן רעכט", און צווישן זיי איז אויך געווען פרוג. ווי עס איז צו זען פון דעם דיכטערס זכרונות, האָט ער פאַרלוירן אויך די טרייע שתדלנות פון זיין „פּאַטראָן" וואַרשאַווסקי, וועלכער האָט אים פריער פאַרטיידיקט. דער אַנטיסעמיט גרעסער האָט אַרויס-געגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז די ווערטער „יידישער גלויבן" זאָלן אין די פּאַספּאָרטן פון די יידן געשריבן ווערן מיט רויטן טינט, כּדי מען זאָל אַדאַנק אָט דעם צייכן קענען גלייך אונטער-שיידן צווישן אַ ייד מיט אַ רוס. ווען וואַרשאַווסקי האָט דער-האַלטן אַזאַ פּאַספּאָרט, איז ער גלייך אַוועק צו גרעסערן, מיט וועלכן ער איז געווען פּערזענלעך באַקאַנט, און ער האָט אים פאַרציילט זיין עגמת-נפש צוליב אָט דעם שטעמפּלען די יידן אין די פּאַספּאָרטן. גרעסער האָט, נאַטירלעך, נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם דאָזיקן פּראָטעסט. דעמאָלט האָט וואַרשאַווסקי אָנגעגעבן אַן אָנקלאָג אין סענאַט אויף דער אומבאַגרינדעטער פאַראָרדענונג פונם נאַטשאַלניק. דערהאַלטנדיק אַזאַ מין אָנקלאָג, האָט דער דערצאָרנטער נאַטשאַלניק אויסגעלאָזט זיין גאַנצן כּעס אויפן קאָפּ פון וואַרשאַווסקיס „הויזדינער", פרוג, וועלכער האָט זיך פּונקט אין דער צייט געסטאַרעט צו באַנייען זיין לאַקייאישע „בירגער-רעכט", און האָט באַפוילן תּיכּף-ומיד אַרויסצושיקן דעם יידישן פּאָעט פון דער קרוינשטאָט. וועגן פרוגס אַרויסשיקונג האָט מען אין די רוסישע צייטונגען נישט געטאָרט שרייבן,

אָבער אין אויסלאַנד האָט מען דערפון געשריבן; צווישן אַנדערע האָט וועגן דעם דערמאָנט דער ענגלישער זשורנאַליסט פרעדע-ריק, וועלכער האָט באַזוכט רוסלאַנד אין יאָר 1891 און האָט באַשריבן די אַנטיסעמיטישע וואַקכאַנאַליע פונם באַרימטן יאָר אין זיין גרעסערן בוך „דער נייער גירוש" (לאָנדאָן, 1892).

אין איינעם פון די יולי-טעג אין יאָר 1891 האָט זיך פרוג באַוויזן אין לוסטדאָרף, אַ דאַטשע-אָרט נאָענט צו אַדעס, ווו איך האָב פאַרבראַכט דעם זומער. דאָ פלעגט ער אָפט ביי מיר זיין בעת מיינע באַזוכן אין אַדעס, און מיר האָבן אַסאַך גע-שמועסט וועגן די צרות פון טאָג, וואָס די ערגסטע פון זיי איז געווען פאַר אונז דער פאַקט, וואָס די מאַכט האָט אויף אַ האַלב יאָר פאַרמאַכט „צוליב פיינטלעכער ריכטונג" דעם זשורנאַל „וואָסכאָד", ווו מיר זענען ביידע געווען שטענדיקע מיטאַרבע-טער. נישט זעלטן פלעגט זיך אין לוסטדאָרף צוזאַמענקומען אונזער גאַנצער אַדעסער ליטעראַרישער קרייז (אַבראַמאָוויטש-מענדעלע, שלום-עליכם א. אַנד.), און פרוג האָט זיך געפילט אויסגעצייכנט בעת אונזערע שותּפותדיקע שפּאַצירן איבערן ברעג פון ים, צווישן די אַרומיקע סעדער און וויינגערטנער פון די דייטשע קאָלאָניסטן. איך געדענק איינעם אַ לענגערן שפּאַציר פון אונזער גאַנצער חבורתא, אין אויגוסט אָדער אין אָנהויב סעפּטעמבער. בייטאָג האָבן מיר געבראָדיעט איבער די אַרומיקע סעדער, און אין אָוונט האָט זיך די גאַנצע חברה אומגעקערט צו מיר אין דער דאַטשע. מיר זענען געזעסן שפּעט ביי אַ גלעזל אָרטיקן וויין, געזונגען יידישע לידער, דערציילט מעשיות, זכרונות. פרוג האָט וווּנדערבאַר געזונגען די חסידישע פּאַראָדיע „וואָס וועט-זיין, אַז משיח וועט קומען?", אַ חסידיש ליד אָן ווערטער, מיט זייער אַ טרויעריקן ניגון, געזונגען דורך בן-עמי, האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל אין כאָר. אין דער דאָ-זיקער שעה האָבן מיר דערמאָנט אַ גרופּע חסידים, וואָס זיצן נאָך שלש-סעודות אין די שבתדיקע בין-השמשותן און זינגען באַגייסטערט מיט זייער רבין ניגונים, אין וועלכע עס קלינגט דער געוויין פון דורות... ביזן היינטיקן טאָג קען איך אָן

אויפרעגונג נישט דערמאָנען יענעם ווונדערבאַרן זומער-אָוונט, אין דער שטילקייט פונם דאָרף ביים ים, צווישן ליטעראַרישע פריינד, פון וועלכע עס זענען אין איין יאָר אַוועק צוויי אויפן עולם-האמת[1].

## II

עס איז אַריבער אַ גאַנצער יאָרצענטליק, און אין משך פון אָט דער צייט האָב איך זיך מיט פרוגן נישט געזען. מיר האָבן זיך געביטן מיט די ערטער: ער איז געוואָרן אַ צפון-מענטש און איך אַ דרום-איינוווינער. ער האָט זיך ווידעראַמאָל באַזעצט אין פעטערבורג, ווו ער האָט באַקומען אַ דערלויבעניש צו וווינען אַדאַנק דער שתדלנות פונם רוסישן „ליטעראַטור-פאָנד" ביי דער מיטווירקונג פונם דיכטער-באַאַמטן, רעדאַקטאָר פון „פראַוויטעלסטווענִי וויעסטניק", ק. סלוטשעווסקי. אויף אַ געוויסער צייט איז דאַן פרוג, אַזוי צו זאָגן, צוגעלאָשן געוואָרן. כמעט אין יעדן בוך פון „וואָסכאָד" האָבן זיך באַוויזן זיינע לידער, אָבער דאָס זענען געווען ס'רוב „מזרח-לעגענדעס" — אַן איבערדערציילונג פון די תלמודישע און רבנישע לעגענדעס. דורכן מויל פונם דיכטער האָט רויק גערעדט די חכמה פון דורות, אָבער זייער זעלטן האָבן זיך געלאָזט הערן שטאַרקע קלאַנגען פון דירעקטע איבערלעבונגען. מיט וואָס פרוג האָט זיך אין יענער צייט פאַרנומען אין דער דאָזיקער סביבה, ווייס איך נישט. נאָר איינמאָל האָט מיך שטאַרק אויפגערעגט אַ ידיעה וועגן אים. דאָס איז פאָרגעקומען אין סוף אָקטאָבער אָדער אָנהויב יאַנואַר 1894, באַלד נאָכן טויט פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן. אין דער שקלאַפישער רוסישער פרעסע האָט מען באַווינט דעם צאַר דעם „פרידן-שעפער" אין פראָזע און אין פערזן. אין דער „פעטערבורגער צייטונג" אָדער אינם רעאַקציאָנערן „סוויעט" —

---

1) שלום-עליכם און פרוג אין יאָר 1916; אין אַ יאָר אַרום איז צו זיי אַוועק מענדעלע-מוכר-ספרים.

איך געדענק שוין נישט גענוי — האָבן זיך באַוויזן פּרוגס לידער, בפירוש אָנגעשריבן אויף באַשטעלונג, אינם גייסט פון די אָפּיציעלע אָדעס. דאָס איז געווען אַ טרויעריק בילד: דער זינגער פון אַ געדרודפּט פאָלק, וואָס שפּילט אויף זיין אינסטרומענט אינם לאַגער פון זיינע פאַרפאָלגער... מיין אויפרעגונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב באַשלאָסן איבערצורייסן אַלע באַציונגען מיט מיין אַלטן חבר. ערשט אין אַ לאַנגע צייט אַרום האָב איך זיך אַביסל באַרויקט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז נישט געווען קיין אינערלעך אָפּזאָגן זיך פון דעם אייגענעם גייסטיקן מקדש. נאָר אַ פאַלשער שריט, וואָס לאָזט זיך דערקלערן מיטן מאַנגל אין פּאָליטישער דיסציפּלין ביי פּרוגן, וועלכער האָט זיך אין דעם פאַל נאָכגעגעבן אונטער עמעצנס אײנפלוס און אפשר אַפילו דרוק. פּרוגס דיכטערישע נשמה האָט דער דאָזיקער שמוץ נישט באַפלעקט. איך האָב זיך בשעת-מעשה דערמאָנט אָן ניעקראַסאָוון, וועלכער האָט אין אַ שעת-הדחק געשאַפן עקספּראָמט-לידער לכבוד מוראַוויאָוו ווילענסקי. כ'האָב זיך אויך דערמאָנט אָן ניעקראַסאָווס פאַרענטפערונגס-לידער „צום אומבאַקאַנטן פריינד":

„כ'האָב נישט געהאַנדלט מיט מיין לירע. נאָר ס'איז געשען,
ווען ס'האָט געדראָט דער אומברחמנותדיקער גורל,
אַז מיין האַנט האָט אויף דער לירע אויסגעשפּילט אַ
פאַלשן טאָן...
פאַר אַ טראָפּן שותפותדיקן בלוט מיטן פאָלק — זיי
מוחל מיר, אָ, היימלאַנד, זיי מיר מוחל!"

פּרוג, וואָס זיין האַרץ איז זיין גאַנץ לעבן אָפּגעגאַנגען מיט בלוט פון דער פאָלקס-ווונד, פאַרדינט אויך מחילה. דער דאָזיקער פלעק דאַרף אַראָפּגעווישט ווערן פון זיין ליכטיקן זכר.

אין עטלעכע יאָר אַרום איז מיר אויסגעקומען איבערצו־
לעבן נאָך אַ טיפע פאַרביטערונג: איך האָב זיך דערוווּסט, אַז
אונזער דיכטער איז געצוווּנגען צו „האַנדלען מיט דער לירע״
און צו דרוקן וואָך־ביי־וואָך פּערזן־פעליעטאָנען אין דער „פּע־
טערבורגער צייטונג״ אָדער אין „פּעטערבורגער ליסטאָק״. ער האָט
זיך באַשעפטיקט מיט דער דאָזיקער „שוואַרצער אַרבעט״ אַן ערך
זינט דעם יאָר 1901, פאַרבאַהאַלטנדיק זיינע זינד אונטערן גע־
דיכטן שלייער פון אַ פּסעוודאָנים, פאַר וואָס ער פלעגט באַקו־
מען יערלעכע שכירות, אַן ערך עטלעכע טויזנט רובל אַ יאָר.
ווען איך בין זומער 1902 יאָר געקומען צו פאָרן קיין פּעטער־
בורג, האָב איך באַזוכט פרוגן אין זיין דירהלע אויף „פּאָקראָוו־
סקאַיאַ פּלאָשטשאַד״ און אים געבעטן, ער זאָל מיר געבן צו
פאַרשטיין, „ווי אַזוי איז ער געקומען צו אַזאַ לעבן״. זיין
ענטפער איז געווען אַ ווידוי, וועלכן איך האָב נישט געקענט
הערן אָן אויפרעגונג: „איר פאַרשטייט דאָך אַוודאי, אַז די
יידישע מוזע האָט מיר נישט געקענט צושטעלן פאַרזיכערן מיט
קיין שטיקל ברויט. אַ יאָר דריי צוריק האָב איך געהאַט באַ־
שעפטיקונג אין דער „צוקונפט״ פון ד״ר גרוזענבערג, אַלס מיט־
רעדאַקטאָר און רעדאַקציע־סעקרעטאַר; אָבער דער מצב פונם
זשורנאַל האָט זיך פאַרערגערט, און איך בין געבליבן הענגען
אין דער לופטן. וואָס האָב איך געקענט טון? די יידישע מע־
צענאַטן ווען מיך דאָך פון הונגער־נויט נישט ראַטעווען. האָב
איך זיך גענומען צו דער דאָזיקער שמוציקער אַרבעט: איך
וועל צואַרבעטן נאָך אַ יאָר, וועל זיך פאַרזיכערן אויף אַ געוויסע
צייט און דאַן ווידער זיך נעמען צו דער ריכטיקער אַרבעט״.
און ער האָט מיר גענומען פונאַנדערוויקלען די פּלענער פון
זיינע קינפטיקע פּאָעמעס. דערביי האָט ער מיר איבערגעגעבן אַן
עקזעמפּליאַר פון זיין נאָר־וואָס דערשינענעם זאַמלבוך –
„ציון־לידער״.

די דאָזיקע זאַמלונג, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן
פון זיינע שאַפונגען אין די יאָרן 1877 – 1902, איז געשטאַנען
אונטער דער השפעה פון דער דעמאָלט שטאַרק פּראָגרעסירטער

ניי־ציוניסטישער באַוועגונג, אין דער באַגייסטערטער אַטמאָספער פון די באַזעלער קאָנגרעסן. לויט זיינע שטימונגען איז פרוג געווען אַ ציוניסט נאָך אַסאַך פריער, פאַר דער דאָזיקער באַוועגונג. זיין באַקאַנטער „ציונס־מאַרש" האָט געקלונגען נאָך העט ביים וויגעלע פון „חיבת ציון". אַ קינד פון יידישן דאָרף, האָט ער פון דעם ערשטן שריט פון זיין דיכטערישער טעטיקייט אָן געטרוימט וועגן אַ פיזיש־געזונטן, באָדן־פעסטן יידן; דערצויגן אויפן תנ"ך און דורכגעדרונגען מיט זיין שיינקייט, האָט ער אָן אויפהער געטרוימט וועגן „דער ליליע פון שרון און דער רויז פון די טאָלן", וועגן „דעם הייליקן וויגעלע פון אייביקן רוּם". ווייט פונם לאַבירינט פון דער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אידעאָלאָגיע, איז ער געניויגט געווען צו דער איינפאַכערער פאָרם פון ציוניזם און צוזאַמען דערמיט צו דער ראָמאַנטיק פון דער דאָזיקער באַוועגונג. אויף דער פּראַגע, צי גלויבט ער אין דער דאָגמע פונם נייען ציוניזם, ענטפערט דער דיכטער, אַז ער האַט ליב ציון אָרגאַניש.

„ווי ס'האָט ליב דער קאַרשנבוים די שמעקעדיקע<br>
ווייסע בלום פון זיינע צווייגן,<br>
ווי ס'האָט ליב אין האַרבסטיקן אין האַלבן טאָג די<br>
ערד דעם אין איר פאַרזייעטן קערן,...<br>
ווי ס'האָט ליב די מוטער־ברוסט אַ קראַנק און הונגעריק<br>
קינד".

(„אני־מאמין")

אָבער אין דער פאַרווירקלעכונגס־מעגלעכקייט פונם ציוניסטישן אידעאַל וויל דער דיכטער גלויבן. ער בעט ביי גאָט, עס זאָל זיך נישט איבערחזרן נאָכאַמאָל די געשיכטע מיטן פאַלשן משיחיזם:

„אַז דער שטערן פון ציון, וואָס רופט אַצינד דעם<br>
פאַרטריבענעם זון צו זיין שויס...<br>
זאָל נישט זיין ווי איינער פון יענע פאַלנדיקע שטערן,<br>
וואָס האָבן אַרום פיל מאָל שוין

באַווייזן זייער מיזעדיקן שימער אין דער נאַכט פון זיין טרויער און באַלד אויסגעגאַנגען אינם חושך פון דער נאַכט".

דער קולט פאַר דער נאַטור און דער גלויבן אין דער נאַציאָנאַלער ווידעראויפלעבונג זענען געקומען צו אויסדרוק אינם וווּנדערבאַרן ליד „וווּהין?", ווו עס ווערט צום נביאס פערז: „גיי אַרויס אין פעלד, און דאָרט וועל איך מיט דיר רעדן" צוגעגעבן פאָלגנדיקער פראַכטפולער קאָמענטאַר אין גייסט פונם נאַטור־פּאַנטעיזם:

„פאַראַן אַ גוטער גאָט, אַ צוטריטלעכער און באַגרייפלעכער פאַר אומפאַרדאָרבענע הערצער, פאַר די רויקע בליקן און שטילע תּפילות פון די שניטער און פאַסטעכער. טו תּפילה צו אים מיטן ליכטיקן געוויש פון די זאַנגען און מיטן שאָרך פון די סעדער, טו תּפילה צו אים מיט די סעדער־בשמים און מיטן פעלדער־טוי. אין אים איז דיין ליכטיקע וועלט און דיין קראַפט, די אָפּפרישונג פון דיין נשמה"...

דער דיכטער ענדיקט מיט אַ רוף, וואָס גיט־איבער זיין גלויבן־סימבאָל:

„אין פעלד, באַפרייטער פאָלק, אין פעלד!
דאָרט וועסטו אין דער אַרבעט, אויף דער פריי,
געפינען ווידער דיין גאָט און גליק"...

אָבער אויך אין די „ציון־לידער", חוץ אַ באַשטימטן ציקל פערזן, קערט זיך אום פרוג צו זיינע אַלטע טעמעס — די עלעגישע און ביבלישע. אָבער להיפּוך צו די ייִנגערע צער־לידער, לאָזט זיך טיילמאָל הערן אין זיינע נייע שירים די מונ־טערע האָפענונג אויף ווידעראויפלעבונג:

„שוין צוואָנציק יאָר, וואָס קרעכצן די סטרונעס פון
מיין וויינענדיקער לירע...

אָ, האַר, דו האַר אַלמעכטיקער, צי וועל איך דער־
לעבן די ליכטיקע טעג,
כּדי צו דערזען אַ צעריסענע די נעץ די געוועבטע
פון צער
און כאָטש איין פריידיק ליד צו זינגען מיין פאָלק–
אַ ליד, וואָס זאָל באַגלייטן דעם קלאַנג פון צע־
בראָכענע צעפּעס,
אַ ליד פון לעבן און פון גליק אויף די חורבות
פונם צער?"...

דאָס לעבן האָט אינגיכן געגעבן אַ שרעקלעכן ענטפער אויף דעם דיכטערס צוריקגעהאַלטענער פראַגע: דער קישינעווער פּאָגראָם פון יאָר 1903. אָנשטאָט דעם „קלאַנג פון צעבראָכענע צעפּעס" האָט זיך געלאָזט הערן דער קלאַנג פון צעבראָכענע שויבן אין די צעראַבירטע יידישע הייזער, די קולות פון מערדער און פאַרגוואַלדיקער. פון דעם דיכטערס ברוסט האָט זיך אַרויס־געריסן אַ קרעכץ, וואָס האָט אַדורכגענומען אייראָפּע און אַמעריקע:

„שלאָף איז אונזער האַנט צו שטרייטן, שטאַרק
און שווער איז אונזער שמערץ.
קום־זשע דו מיט טרייסט און ליבע, גוטעס, הייסעס
יידיש הערץ!
ברידער, שוועסטער, האָט רחמנות: גרויס און
שרעקלעך איז די נויט, –
גיט די טויטע אויף תּכריכים, גיט די לעבעדיקע
ברויט!"...

פּשוט פון זיך אַליין בעט זיך דער פאַרגלייך פון דעם דאָזיקן אָפּרוף אויפן טרויעריקן מצב פון די פּאָגראָמירטע מיט די צאָרנדיקע סטראָפן פון ביאַליקס „משא נעמיראָוו", וואָס האָבן זיך אין דעם זעלבן יאָר געלאָזט הערן. די אָבער, וועלכע האָבן פון אָט דעם פאַרגלייך געמאַכט אַן אויספיר נישט זייער קיין גינסטיקן פאַר פרוגס דיכטונג בכלל, האָבן בשעת־מעשה פאַר־געסן, אַז אין דער יוגנט איז פרוג געווען דער דיכטער פון צער

און צאָרן, און אַז :ין דעם פּרט איז ער געווען דער פּאַר־גייער פון ב'אַליקן, וועלכער האָט שוין געשריבן אין אַ מאָמענט פון דערהויב נג פונם נאַציאָנאַל־פּאָליטישן באַוווסטזיין און האָט דעריבער געקאָנט שטאַרקער אויסדריקן די שטימונג פון אָט דעם געדענק־יאָר.

עס איז קיין צווייפל נישט, אַז אין די ווייטערדיקע יאָרן פון דער פרייהייט־באַוועגונג איז פרוגס זיך עלטערנדיקע מוזע נישט געווען אַדורכגעדרונגען מיט די נייע שטימונגען. צופיל אַנטוישונגען זענען דעם דיכטער באַשערט געווען, ער זאָל נאָך קענען גלייבן אין דעם אָנקום פון אַ נייער ערע אין רוסלאַנד. פרוג האָט אויפגענומען דעם שטורעם אין יאָר 1905 אין אַ מצב פון פולשטענדיקער פּאָליטישער האָפענונגסלאָזיק״ט, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין זיין ליד „איך געדענק״ („יעוור. זשיזן״, פעברואַר־בוך 1905 י.). ערב־פרילינג פונם רעוואָ־לוציע־יאָר רופט ער אַרויס פון קבר דעם שרעקלעכן שאָטן פונם פרילינג אין יאָר 1881 :

„— — — — — אַ פערטל יאָרהונדערט איז פאַרביי.
איך געדענק נאָך די זיסע חלומות פון אָט דעם
העלן, ליכטיקן פרילינג,
און ווי אַזוי מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט פונם רעש
פון דער ווילדער, צעיושעטער באַנדע,
וואָס האָט געאָטעמט מיט אַ פלאַם פון פאַרניכטונג
און מיטן סם פון שטערבלעכער שנאה.
נישט קיין תבואה־קערנער, — שטיינער האָבן זיך
ווי אַ האָגל אַ שאָט געטון אויף אונז...
אַ פאַרשאָלטענע, פינסטערע קראַפט האָט אין אונזערע
אויגן פאַרלאָשן דאָס ליכט...
און יאָרן, שרעקלעכע יאָרן זענען אונז פאַרביי...
און אָט
פון די ווייטע, נעפּלדיקע הויכקייטן שיינט ווידער
אַרויס דער שימער

פון באַגערטער פרייהייט און רופט אונז ווידער...
און מיר זענען ווידער גרייט צו גלויבן,
און מיר הייסן דעם פאָלק גלויבן, אַז די זון, וואָס
איז פאַרגאַנגען איבער אים,
וועט צעשמעלצן די שטאָלענע קייטן פון זיין
ביטערן גורל;
אַז ס׳איז נאָענט דער יום־טוב פון פרילינג, פון אַ פריי-
לינג, וואָס רוסלאַנד האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען,
אַ פרילינג, וואָס וועט באַנייען די וועלט...
און צוזאַמען מיט די, וואָס זייערע הענט
האָבן ערשט נעכטן דערלאַנגט אונז צום טרינקען
דעם כוס-התרעלה,
וועלן מיר זיצן צוזאַמען, ווי זין פון איין משפחה,
און די אַלטע פאַרביטערונג פאַרגעסן אין די שטראַלן
פונם אַלרוסישן פרילינג...
גלויבט נישט, אָ, ברידער, גלויבט נישט! נישט קיין
לעבן און ליכט, נאָר דעם טויט
און אַ פיינלעכן חושך טראָגט אונז די דאָזיקע
האָפענונג...
גלויבט נישט, גלויבט נישט! איין פרילינג איז
מעגלעך פאַר אונז –
אויף אייגענער ערד, אין אַ פרייען לאַנד, ווו
אונזער נאַציאָנאַלער זשעני
האָט אַמאָל געווירקט און געשאַפן, שענקנדיק דער
פיינטלעכער וועלט
די לוחות-הברית און די לירע און די ברכה פון
לעבעדיקן אמת...״

עס וואָלט געווען אַ טעות צו האַלטן די דאָזיקע פערזן פאַר אַ פאַרטייִש-ציוניסטישן טראַפאַרעט. פרוג איז געווען אַ ציוניסט, אָבער לחלוטין נישט קיין פאַרטייִשער און קיין שאַ-בלאָנישער. לויט זיין נאַטור און דערציונג איז ער געווען אַן

ערדישער ציוניסט אין דער זעלבער מאָס, אין וועלכער אחד־העם איז געווען אַ גייסטיקער ציוניסט, – און מערקווירדיק, וואָס ביידע – אונזער דיכטער און אונזער דענקער – האָבן מיט די זעלבע געפילן פון האָפנונגסלאָזיקייט אויפגענומען „די שטראַלן פון אַלרוסישן פרילינג"... נאָך די האַרבסטיקע, זומער־דיקע און דער עיקר אָקטאָבער־פּאָגראָמען אין יאָר 1905 וואָלט פרוג געמעגט שטאָלצירן מיט דער ראָל פון אַ קאַסאַנדראַ, אויב אַזאַ מין ראָל וואָלט אים נישט גורם געווען קיין אומבאַשרייב־לעכע יסורים. ער איז אויף לאַנג אַנטשוויגן געוואָרן און איז אינם טאָג־געדויש פאַרגעסן געוואָרן...

אין יענע יאָרן האָט ער זיך גענומען שטאַרק אָפּזונדערן און נאָכמער דערווייטערן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. ווען איך בין ווינטער־צייט 1905—1906 געקומען צו פאָרן קיין פּעטערבורג אויף די צוזאַמענפאָרן פונם „פולבאַרעכטיקונגס־פאַרבאַנד", האָב איך פרוגן נישט געטראָפן אויף קיין איינער פון די דעמאָלט צאָלרייכע פאַרזאַמלונגען. צי צוליב דער שווערער קראַנקהייט, וואָס אירע סימפּטאָמען האָבן זיך שוין דעמאָלט גענומען באַ־ווייזן, אָדער צוליב די טראַגישע אומשטענדן פון זיין פאַמיליען־לעבן (פרוג איז שוין פון לאַנג געווען דער מאַן פון אַ קריסטין, אַ פּשוטע, אָבער גוטע און פילנדיקע פרוי, און ער האָט נישט געקענט געזעצלעך מאַכן זיין חתונה) האָט דער דיכטער געלעבט פאַרשלאָסן. מיר איז אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט אים בלויז אויף אַ ליטעראַריש־מוזיקאַלישן אָוונט פון דער יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט, אין דער טענישעווסקי־שול, האַרבסט־צייט 1908 (אויב איך מאַך נישט קיין טעות אין דער דאַטע). פאַר מיר איז שוין געשטאַנען אַ קראַנקער מענטש, וואָס האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער פילט זיך נישט־מיט־אַלעמען, מיט אַ פינסטערער נשמה, הגם מיטן שטענדיקן, געוויינלעכן ליבן שמייכל אויף די ליפּן. מיט אַ מייסטערשאַפט, וואָס איז געווען ספּע־ציעל כאַראַקטעריסטיש פאַר אים, האָט ער איבערגעלייענט אַ פּאָר פראַכטפולע לידער אויף יידיש; מען האָט געמאַכט רוישיקע אָוואַציעס. דאָס איז געווען זיין לעצטער אויפטריט אין

פּעטערבורג. אינגיכן איז ער אַריבערגעפּאָרן ווינען קיין אַדעס, צו זיין היים — דרום, וווּ עס איז אים באַשערט געווען צו פאַר־ברענגען דעם סוף פון זיין לעבן. די מאַטעריעלע נויט האָט אים טיילמאָל געצווונגען אַרומצופאָרן איבער שטעט און פאַר־צולייענען זיינע לידער אין עפנטלעכע ערטער, דורכאויס ציוני־סטישע. אָבער אינגיכן איז דאָס אויך פאַר אים געוואָרן צו שווער: די נירן־קראַנקהייט האָט פּראָגרעסירט, און די דורכגע־פירטע אָפּעראַציע האָט בלויז אָפּגעלייגט דעם פאַטאַלן רעזולטאַט. מיט דעם דאָזיקן אומשטאַנד לאָזט זיך דערקלערן דער פאַקט, וואָס פרוג האָט אין יאָר 1910 אָפּגעזאָגט דעם פאָרשלאַג צו פּייערן דעם 30-יאָריקן יובילײ פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. די שאַרפקייט פון דעם דאָזיקן אָפּזאָג האָט עדות געזאָגט וועגן דער פאַרביטערונג, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין דער נשמה פונם דיכטער, וועלכע איז אין משך פון אַ ריי יאָרן געווען אַזוי גוט ווי פאַרגעסן.

צום לעצטן מאָל האָב איך געזען פרוגן אין דעצעמבער 1913, בעת איך האָב פאַרבראַכט אין אַדעס. איך האָב אים געזען סיי אין שטוב, אויפן קראַנקן־בעט, סיי אויף צוויי ליטע־ראַרישע פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע ער איז געקומען, באַהער־שנדיק זיין שלאַפקייט, און סיי אויפן „באַנקעט", וועלכן די חברים־שרייבער האָבן געמאַכט לכבוד מיר. איך בין געזעסן ביים טיש צווישן דעם נעסטאָר פון אונזער ליטעראַטור, מענדעלען, און פרוגן, און אין אַ ריי האָבן זיך אויסגעזעצט ביאַליק און די פאָרשטייער פונם יינגערן דור שרייבער. איך האָב באַמערקט, אַז פון די אָנטיילנעמער אינם לוסטדאָרפישן פּאָעטישן „סימפּאָזיאָן" פון יאָר 1891 זענען געבליבן בלויז פיר: די איבעריקע האָבן שוין לאַנג געהאַט פאַרלאָזט רוסלאַנד. מיר זענען געזעסן, דער־ציילט זכרונות; מען האָט אויך געהאַלטן די געוויינלעכע טיש־רעדעס. מיך האָט שטאַרק גערירט פרוגס רעדע. ער האָט דער־מאָנט אונזער צוזאַמענלעבן אין פּעטערבורג אין די יאָרן פון אונזער ליטעראַרישער יוגנט, ער האָט גערעדט וועגן אונזער דערנער־וועג, וועגן דעם שווערן און גראָדליניקן גאַנג איבער

דעם דאָזיקן וועג, וועלכן ס'האָט דורכגעמאַכט זיין „מער גליק-לעכער" ליטעראַרישער חבר. אין מיין ענטפער אויף די חברישע רעדעס האָב איך אָנגעוויזן אויף די דאָ זיצנדיקע פאָרשטייער פון די דריי ליטעראַרישע-דורות, און ווען איך בין צוגעקומען צו דער כאַראַקטעריסטיק פונם פאָרשטייער פון מיטלסטן דור, פון דעם „פריינד פון מיין אומעטיקער יוגנט", האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מיר ביידע דאָ געזעגנען זיך מיט דער פאַר-גאַנגענהייט. ס'האָט מיך נישט פאַרלאָזט דאָס פאָרגעפיל, אַז איך זע שוין פרוגן צום לעצטן מאָל...

אין דער מלחמה-צייט זענען צו מיר דערגאַנגען די ידיעות וועגן פרוגס פאַמיליען-טראַגעדיע. פון זיין „אומגעזעצלעך" ווייב האָט ער געהאַט אַ טאָכטער, אַ קרענקלעך מיידל, וואָס האָט אין יענע יאָרן געלערנט אין אַן אַדעסער גימנאַזיע. איינ-מאָל, זומער 1915, באַקום איך פון אַ חבר אַ קאַרטל אין אַ שוואַרץ רעמל, ווו עס איז געווען געשריבן, אַז פרוגס-טעכטערל איז אויסגעגאַנגען און איז באַגראָבן געוואָרן אין אַדעס. אין אַ געוויסע צייט אַרום איז געקומען פון אַדעס קיין פעטערבורג אַ זשורנאַליסט (היינט שוין אויפן עולם-האמת) און מיר איבערגעגעבן טרויעריקע פרטים וועגן דעם מיידלס קבורה. דער אומגליקלעכער פאָטער, וועלכער איז געווען צעבראָכן פון זיין אייגענעם צער, האָט נאָך געמוזט דערביי איבערלעבן אַ טיפע מאָראַלישע טראַגעדיע: ער איז צוזאַמען מיט דער מו-טער געגאַנגען באַגראָבן זיין טאָכטער אויפן קריסטלעכן בית-עולם, ווייל דער מלוכה-געזעץ האָט נישט דערלויבט זי מקבר צו זיין, ווי אַ טאָכטער פון אַ קריסטלעכער מוטער, אויפן יידישן בית-עולם. וואָס דער דיכטער פון פאָלקס-צער האָט דערביי אַדורכגעמאַכט, איז זיך לייכט פאָרצושטעלן...

דער גורל האָט געוואָלט, מיר זאָלן זיך נאָך ברייוולעך באַגעגענען אַ קורצע צייט פאַר פרוגס טויט. איבערלייענענדיק אין איינעם פון אונזערע וואָכנזשורנאַלן פרוגס אַ פעליעטאָן, האָב איך אים אין פעברואַר 1916 אָנגעשריבן אַ בריוו, ווו כ'האָב אים פאָרגעלייגט, אויב דער געזונט-בושטאַנד וועט אים

דערלויבן, אָנצושרייבן זיינע זכרונות פאַר דער „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ". איך בין דערביי אויסן-געווען די גייסטיקע דערלייכטערונג, וועלכע ס'האָבן געקענט געבן מיין קראַנקן פריינט די זכרונות וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, די דאָזיקע „תפילה אויף איר שטייגער", ווי איך האָב אים געשריבן. פרוג האָט מיר געענטפערט אין אַ טרויעריקן לויטן אינהאַלט און שפּאַסיקן לויטן טאָן בריוו (13 מערץ), ווו ער האָט געשריבן צווישן אַנדערע: „איך בין פולשטענדיק אויסגעטריקנט און צעבראָכן געוואָרן, איך לעב נישט, נאָר מאַטער זיך — איך עס נישט, שלאָף נישט גאַנצע נעכט און קען בשום-אופן נישט טראַכטן וועגן אַרבעט... עס קומט צו מיר צו פאָרן דער דאָקטאָר פוריק און לאָזט הערן געצנוג אָפּט, אַז ער איז געקומען אַהער נישט ווי אַ דאָקטאָר, נאָר ווי אַ פריינד און אָנהענגער פון מיין פּאָעזיע; ער זיצט אַביסל, דערמאָנט מיט וואַרעמע ווערטער אונזערע טייערע נפטרים – ד"ר פינסקער, ליליענבלומען, שוואַבאַכערן... פאַר די אינטערעסן פון מיין „נשמה-רו" איז עס אפשר גאַנץ נוצלעך, אָבער מיר פאַרשאַפט די דאָזיקע טרייסט אַ קנאַפּן נחת און ברענגט מיך בלויז אויפן געדאַנק, אַז פון דער הייַנטיקער מעדיצין האָב איך, חוץ אַ פריינטלעכן שמועס, גאָרנישט מער צו דערוואַרטן". ווייטער, נישט געקוקט, וואָס ער איז זיך מודה: „ס'איז מיר שווער צו האַלטן די פעדער אין האַנט", — שרייבט פרוג וועגן אייניקע ליטעראַרישע נייעסן פון אָדעס, שפּאַסנדיק אַפילו גוטמוטיק אויפן חשבון פון דער אַרטיקער „קאָלאָניע פון אַרבעטסלאָזע" — די גרופּעס פון אונזערע שרייבער[1], און ער פאַרענדיקט זיין בריוו מיט די

---

1) הייַנט (1928), ווען עס לעבט שוין נישט כמעט קיינער פון די אין דער שפּאַסיקער כאַראַקטעריסטיק דערמאָנטע מענטשן, קען איך זיך דערלויבן זי צו ציטירן: „אונזער ז״ ד ע (מענדעלע) האָט זיך אַלץ מיטאַנאַנדער געיינגערט און געגרויסט, און די יאָרן האָבן זיך אָפּגענומען זייערס. מיט אַ חאָך צוריק איז ער מיטאַמאָל געבליבן אָן כּוחות אויף אַזוי ווייט, אַז ער האָט אונז אַלעמען איבערגעשראָקן נישט אויף קיין געלעכטער. איצט איז אים בעסער. די דאָקטוירים זאָגן: קיין קראַנקהייט נישטאָ, און דאָס האַרץ איז אין אָרדענונג, אַלא נאָר וואָס דען — די... זקנה! און ער דאַרף זיך היטן. די באָבע פּעסעניו (מענדעלעס

טרויעריקע ווערטער: „זייט געזונט, געזונט און שטאַרק אין קערפּער און אין גייסט, וואָס איך פאַרמאָג עס נישט, צום באַדויערן נישט נאָר צו דער אַרבעט, נאָר אַפילו סתּם צום אָטעמען, פּונקט ווי עס אָטעמט יעטוועדע באַשעפעניש אויף דער ערד. און עס ווילט זיך נאָך אַביסל אָטעמען...". פרוג האָט געבעטן צושיקן אים די לעצטע אויסגאַבע פון „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ" און, גלייך ער וואָלט זיך אַליין געשטאַרקט, גיט ער צו: דעם צווייטן יאָר וועט מיך די פּרילינג-זון אַזוי אָפּברענען, אַז איך וועל זיין בכּוח זיך צו נעמען צו דער אַרבעט". איך האָב דעמאָלט, פאַרשטייט זיך, געענטפערט פרוגן, ער זאָל נישט טראַכטן וועגן קיין אַרבעט, כּל-זמן ער וועט נישט קומען צו די כּוחות, און אים געבעטן, ער זאָל כאָטש אין אַ פּאָר שורות מיר געבן צו וויסן וועגן זיין געזונט-צושטאַנד.

אַ ביטערן ענטפער האָב איך באַקומען אין אָנהויב מאַי. מען דערלאַנגט מיר אַ קאָנווערט מיטן באַקאַנטן שיינעם כּתב אויפן אַדרעס. איך עפן אויף: קיין בריוו איז נישטאָ, און אָנשטאָט דעם געפין איך צוויי לידער, געשריבן מיט פרוגס האַנט אויף העברעיש, אונטערגעצייכנט „דעם 30.III.1916" און „דעם 8.IV.1916". דער אינהאַלט פון ביידע זאַכן האָט געמאַכט דעם אויפטרייסלענדיקן איינדרוק פון אַ ווידוי פאַרן טויט — אַ ווידוי פון אַ „אַוועקגייענדיקער" נשמה. אין איין ליד ווערט גערעדט וועגן דעם לעצטן טליענדיקן פונק, וועגן דעם איינציקן

---

ווייב) איז, נאַטירלעך, זייער דערשלאָגן! צוליב זיין שלאַפקייט, אָבער מער פון אַלץ, מען וואָלט געקענט זאָגן — פּשוט ענדגילטיק, האָט זי דערשלאָגן דער פאַקט, וואָס אַ פערטל עוף קאָסט איצט אין אַדעס 40 קאָפּיקעס און דער דאָקטאָר הייסט עס נישט נעמען און וויל ליבערשט צוזען דעם אַלטיטשקן מיט יויכעלעך און הינערשע קאָטלעטלעך, אַשטייגער ווי אַ קימפעטאָרין. כאַפּט עס דער טייוול!...
די קאָלאָניע פון די אַרבעטסלאָזע פילט זיך נישקשה: ספּעקטאַר זעט זיך צו אַביסל מיט קוגל און צימעס ביי סימאָנען (אַן אַדעסער רעסטאָראַן),... און פרישמאַן טאָגט און נעכטיקט אין די יידישע טעאַטערלעך, וואָס מען זעט זיי דאָ יאָ און מען זעט זיי דאָ נישט. און ביאַליק שרייבט עפּעס, איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז — „אַן אַליינלערנער מיט נקודות פאַר רוסישע לעזער"...

נאָך נישט פאַרגעסענעם טייערן אוצר — וועגן דער מאַמען, צו וועלכער ער ווענדט זיך מיט אַ תּפילה, זי זאָל ראַטעווען דעם לעצטן פונק פון איר זונס לעבן. אין צווייטן ליד בעט דער דיכטער דעם „שליח פון דער אייביקייט", וועלכער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו אים פון די הויכקייטן, ער זאָל אים לאָזן בלייבן אויף דער וועלט, „כּדי נאָך צו אָטעמען דאָ אַ ביסל, צו וויינען דאָ, צו פאַרשעלטן זי, די וועלט, און אויסצוזינגען איר דאָס חופּה-ליד"... איך האָב פאַרשטאַנען די דאָזיקע שטימונג, וואָס האָט געשטויסן דעם דיכטער אָנצושרייבן זיינע תּפילהדיקע געזעגן-סטראָפן אויף דעם תּנ"ך-לשון און צו פאַרבינדן אַזוי-אַרום די צוויי פּאָלוסן פון לעבן — די וויג מיטן קבר... איך האָב געבעטן די אָדעסער פריינט מיר צו וויסן צו געבן וועגן דעם קראַנקנס צושטאַנד; איך האָב אים אַליין אויך געשיקט אַ גרוס פון טיף-פינלאַנד. אין אויגוסט האָב איך באַקומען צוויי ידיעות: איינע אַ באַרויקנדע, די צווייטע אַן אויפטרייסלענ-דיקע. און דעם 7-טן סעפּטעמבער איז געקומען די לעצטע טרויעריקע ידיעה: ס'האָט זיך געענדיקט דאָס לעצטע ליד פונם 56-יעריקן פּאָעט.

## פרוג אַלס פאָלקסדיכטער

פרוגס באַדייטונג פאַר אונזער דיכטונג אין דער פאָלקס-שפּראַך האָט מען נישט גענוג אָפּגעשאַצט. זיין ראָלע אַלס ערשטער יידישער ליריקער אין דער רוסישער ליטעראַטור האָט פאַרשטעלט פאַר דעם עולם זיין פּיאָנערישן אויפטו אין יידיש. בשעת פרוג האָט אָנגעהויבן שרייבן יידיש, אין פּעטערבורגער „פאָלקסבלאַט", האָט ער געהאַט פאַר זיך אַ מוסטער: דער געקרוינטער העברעישער דיכטער פון יענער צייט, יהודה-לייב גאָרדאָן, האָט אין 1886 אָפּגעדרוקט אַ קליין ביכל „לידער אין דער פאָלקסשפּראַך" מיט דעם נאָמען „שיחת-חולין", ד. ה. פּלוידעריי, שמועסן מיט פּראָסטאַקעס, און גראָד אין דער דאָזיקן ביכל געפינען זיך עטלעכע פּערלען פון אמתער פאָלקס-דיכטונג. אַזוי האָט אויך פרוג, וואָס איז צו יענער צייט שוין געווען אַרויפגעפירט אויפן רוסישן פּאַרנאַס דורך גרויסע רוסי-שע קריטיקער, „אַראָפּגעלאָזן" זיך אויף אַ ווײַלע צום „זשאַרגאָן", אָנגעהויבן לייכטזיניק, פעליעטאָניסטיש, אָבער שפּעטער געוואָרן אַלץ ערנסטער און טיפער. אַ וואַרעמער שטראָם פון דער פאָלקס-נשמה האָט אים אַריינגעצויגן, האָט באַלעבט זיין שפּראַך, באַ-פליגלט זיין לירישן געדאַנק. עס האָבן אים נאָר געפעלט נאָך אַ צוואַנציק יאָר לעבן, כדי אויפצוהויבן זיך אין יידיש אויף דער הייך פון זיין רוסישער ליריק.

צו יענער צייט איז שוין געווען אזא מאָדע: ווען א באַקאַנטער שרייבער אין א מיוחסדיקער שפּראַך -- רוסיש אָדער העברעיש – האָט אָנגעהויבן שרייבן „זשאַרגאָן", האָט ער געמוזט אביסל אָפּלאַכן פון דער נעבעכדיקער פאָלקסשפּראַך. אזא מנהג איז נעווען איינגעוואָרצלט אין צעדערבוים-לעווים פּעטערבורגער „פאָלקסבלאַט". ספּעקטאָר און שלום-עליכם, וואָס האָבן געשריבן אין „פאָלקסבלאַט", האָבן נעבעך געמוזט אויסהערן נישט ווייניק אזעלכע קאָמפּלימענטן פון די באַלע-באַטים און פון אראָפּגעקומענע ליטעראַטור-גענעראַלן.

פרוג האָט אויך מקיים געווען די מצווה און האָט אין איינעם פון זיינע פעליעטאָנען אין „פאָלקסבלאַט" אביסל חוזק געמאַכט פון דער „זשאַרגאָנישער מוזע" – „אַן אַלטיטשקע פרימע יידענע אין צעריסענע קליידער, פאַרגאָסענע מיט שבת-טשאָלנט און וואַקס פון הבדלה-ליכט". דערויף האָט ער באַקו-מען א שאַרפע תשובה אין ספּעקטאָרס „הויז-פריינד" פון איינעם שטאַרקמעטן, וואָס האָט באַשולדיקט פרוגן אַלס פיינט פון דער פאָלקסליטעראַטור. פרוגן האָט דאָס פאַרדראָסן; ער האָט עס גאָרניש אזוי שלעכט געמיינט און גלאַט אזוי אביסל לצנות געמאַכט.

אין אַ בריוו פון 15-טן מאַי 1889 שרייבט ער מיר (איבערגעזעצט פון רוסישן אָריגינאַל):

„אין „הויז-פריינד" איז געדרוקט, כמעט אויבנאָן, א זייער קוריאָזער פעליעטאָן, ווי מען האָט מיר שוין געגעבן א חלק דערפאַר, וואָס אין מיין סקיצע „לידער פון דעם יידישן זשאַרגאָן" האָב איך אויסגעלאַכט נישט נאָר דעם זשאַרגאָן, נאָר אויך אַלע, וואָס רעדן אויף דעם לשון, ד. ה. די גאַנצע כנסת-ישראל. מיר דוכט, אז איר, פריינט, האָט מיין סקיצע נישט געלייענט. דערום שיק איך אייך אַן אָפּדרוק פון דער דאָזיקער אומשולדיקער זאַך, אין וועלכער פון דעם זשאַרגאָן האָט מען טאַקע, אין א געוויסן זין – „אָפּגעלאַכט", אָבער מען האָט אויך באַווינט די, וואָס רעדן זשאַרגאָן. און דאָס – מוזט

איר דאָך מודה זיין – האָט גאָרנישט צו טון מיט דעם, וואָס ס׳שרייבט דער „הויז-פריינד״.

איך האָב דערפילט פרוגס בקשה – אויפצוקלערן דאָס מיספאַרשטענדעניש אין מיין קריטישן אַרטיקל וועגן דעם „הויז-פריינד״ אין „וואָסכאָד״ (יולי 1889). פון דעם פאַרענטפערן זיך זעט מען, אַז פרוג האָט קיין בייז דעם „זשאַרגאָן״ נישט געוווּנטשן.

ווירקלעך האָט ער די פאָלקסשפּראַך שטאַרק ליב געקריגן. נישט נאָר געלאַכט, בדחנות געמאַכט, האָט ער אויף יידיש, נאָר אויך געוויינט, באַזונגען זיינע טרויעריקע איבערלעבונגען. אין דעם זעלבן יאָר האָט ער געשיקט פאַרן צווייטן באַנד שלום-עליכמס „פאָלקס-ביבליאָטעק״ אַן אויטאָביאָגראַפיש „בלעטל ווידוי״:

„ווי גויל און ווי שלעפעריק קריכן די טעג,
ווי גיך אָבער פליען די יאָרן!
ווייט, ווייט איז נאָך ביז צום עק פון מיין וועג,
און זעט ווי איך בין שוין פאַרחושכט געוואָרן!
געבויגן דער רוקן און גרוי איז די האָר,
פאַרטריקנט די באַקן, אין קנייטשן דער שטערן,
די אויגן פאַרטונקלט פון ביטערע טרערן...
אַך, ברידער! מיר גייט נאָר דער דרייסיקסטער יאָר...״

שפּעטער, ווען עס האָבן זיך באַוויזן די פּאָליטישע בלעטער („פריינד״ 1903 און אַנדערע), האָט זיך פרוג נישט איינמאָל אָפּגערופן אויך אויף פּאָליטישע געשעענישן. מען האָט אים אָפט פאַרגעהאַלטן, וואָס ער האָט נאָכן קישענעווער פאָגראָם גערופן נאָר צו רחמנות („גיט די טויטע אויף תכריכים, גיט די לעבעדיקע ברויט!״), און נישט צום קאַמף און נקמה, ווי דאָס האָט געטון ביאַליק אין „משא נעמיראָוו״. אָבער, ערשטנס, דאַרף מען דאָך געדענקען פלעווס שרעקלעכע צענזור, פון וועלכער ביאַליק האָט זיך אַרויסגעדרייט נאָר דורך דער נעמיראָווער מאַסקע פון גזרת-כמיעלניצקי; צווייטנס, האָט דאָך דער זעלבער פרוג, וואָס

האָט אין יאָר 1903 געשריבן: „שלאָף איז אונזער האַנט צו שטרייטן", אין צוויי יאָר אַרום, אין רעוואָלוציע־יאָר 1905, נאָך די אָקטאָבער־פּאָגראָמען, געלאָזט פון זיך הערן גאָר אַנדערע ווערטער („פריינד", 27־טן אָקטאָבער 1905, אונטער דעם טיטל: „ס'איז צייט!"):

„...אין רוסלאַנד איז יום־טוב: עס גרייט זיך, עס גייט
דאָס לאַנד צו אַ לעבן אַ נייעם...
עס שוועבט אין אַ ריינער און ליכטיקער פלוט
דער ענגעל פון פרייהייט און פרידן —
און טייכנווייז גיסט זיך דאָס יידישע בלוט...
דעם טויט איז די פרייהייט געגעבן, —
דער יידישער נאָמען צו שאַנד און צו שפּאָט
און הפקר דאָס יידישע לעבן...
חברים און ברידער! די פינסטערע צייט
פון קלאָג און געבעט איז אַריבער
געקומען די צייט צו פאַלן אין שטרייט,
נאָר פאַלן — ווי שמשון הגבור...
איין כוואַליע פון צאָרן זאָל זידן,
איין שטראָם זאָל פליסן אין אונזער נשמה,
איין הייליקע, גרויסע נקמה!...
געקומען די צייט צו פאַלן אין שטרייט,
נאָר פאַלן — ווי שמשון הגבור!..."

די מוטער־שפּראַך, צו וועלכער דער קראַנקער דיכטער האָט זיך צוגעטוליעט אין יענע יאָרן, האָט אים אַלץ מער אַריינגעצויגן אין די טיפענישן פון דעם פאָלקס־גייסט. זיינע נאַציאָנאַלע לידער אויף יידיש זענען גאָר אַנדערש, ווי די זעלבע אויף רוסיש; אָריגינעל, עכט־יידישלעך. נעמט זיין מאָדערנע תּחינה: „אַביסעלע וויינקער צרות!" — ווי אויסגע־האַלטן איז זי אין דעם אמתן פאָלקס־סטיל. דאָ איז אי הומאָר, אי אַביסל איראָניע, אי קינדישע, האַרציקע ווערטער:

„רבונו-של-עולם, אוי האָסטו אַ פֿאָלק!...
נאָר שטראָף מיך נישט – טיף איינגעבויגן
טוט שטיין דיין אָרעמער, עלנטער קנעכט,
פאַר דיינע לייטזעליקע אויגן –
איינס בעט איך ביי דיר, באַרמהאַרציקער גאָט,
באַשיץ און באַהיט שוין פון שאַנד און פון שפּאָט,
דיין עלנטעס ביסעלע יידן.
גענוג שוין, רבונו-של-עולם, גענוג
מיט יעקבן שלאָגן כּפּרות!..
אוי, גאָטעניו! נחת אַביסעלע מצה,
אַביסעלע וויניקער צרות!...“

ווער וועט גלויבן, אַז אין אַזאַ ריינער פשוטער שפּראַך, אַן אָפּקלאַנג פון אַלטע יידישע דורות, האָט געשריבן דער מייסטער פונם רוסישן פּאָעטישן סטיל, דער גרויסער רוסישער ווערסיפיקאַטאָר! דעם דאָזיקן וווּנדער האָט געמאַכט די מוטער-שפּראַך, וועמענס קלאַנגען דער דיכטער האָט ווידער דערהערט אין זיין נשמה.

אַזעלכע פאָלקסטימלעכע זאַכן, ווי פרוגס „לאָקשנברעט“ „זאַמד און שטערן“, „ליד דער אַרבעט“, – קלינגען אין זיין יידיש גאָר אַנדערש, ווי אין רוסיש. דאָס „אַרבעט-ליד“ פאַרדינט, ס׳זאָל ווערן געזונגען פון פאָלק, אַזוי ווי בערנס אָדער טאָמאַס הודס לידער ביי די ענגלענדער.

אויף מיין טיש ליגט איצט אַ ניי-דרוק פון פרוגס יידישע שריפטן1) און איך געפין דאָ אַ מעשהלע פון אַ געוועזענעם ערד-אַרבעטער, וואָס איז מיר פריער געווען אומבאַקאַנט:

„אַ דערפל איז פאַראַנען, עס הייסט באָבראָווע-קוט,
אַמאָל איז דאָרט געשטאַנען מיין וויגעלע...
עס האָרעווען דאָרט יידן פון קינדווייז ביזן טויט,
און עסן דאָרט אין פרידן אַן אייגן שטיקל ברויט.

1) אַ שלעכטע אויסגאַבע (ריגע 1928) אָן דאַטעס און אָנמערקונגען. דער ביאָגראַף לאָזט פרוגן שטאַרבן נישט אין אַדעס, נאָר אין פעטערבורג.

פֿאַרגאַנגען זענען יאָרן, איך בין פֿון דאָרט אַוועק —
בין צוגעגרייט געוואָרן נאָר צו אַן אַנדער צוועק:
נישט מיט דער סאָכע גיין פֿון אָרעמקייט און נויט,
און אַקערן און זייען אַלץ פֿאַרן שטיקל ברויט...
מיין סאָכע איז די פֿעדער, מיין פֿעלד איז דאָס פּאַפּיר,
און וואָס פֿאַר אַ מזל־ברכה איז אָנגעגרייט פֿאַר מיר!
מען לעקט פֿון מיר די פֿינגער, עס קלינגט מיט
מיר אַ וועלט.
יאָ, איך מעג זיין צופֿרידן, נישט ערגער ביזן טויט.
איינס פֿעלט נאָר, ליבע יידן, נאָר איינס: דאָס
שטיקל ברויט".

ווייסט איר, ווער ס'איז דער דיכטער פֿון באָבראָווע־קוט?
מיט אים האָט געקלונגען אַ וועלט — און געשטאָרבן איז ער
אין נויט, און אָפֿט האָט טאַקע געפֿעלט דאָס שטיקל ברויט...
און זיין קבר ליגט פֿאַרוואָרפֿן אויפֿן אַדעסער בית־עולם, אַפֿילו
אָן אַ מצבה...
דאַרף אַזוי זיין?...

נאָוועמבער, 1928.

ש. דובנאָוו